STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08251

AZOY IZ GEVEN

Yaakov Leiserowitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב לייזעראָוויטש / אַזוי איז געווען . . .

שער־בלאַט: משה קיש

בילד פון יעקב לייזעראָוויטש, געצייכנט פון דאַנאַ לייזעראָוויטש

איבערזעצונג פון ליד „אַזוי . . .‟ אויף ענגליש: מעקס ראָזענפעלד

פאָרווערטער און נאָכווערטער: פּ. נאָוויק, י. א. ראָנטש,
י. פינקלשטיין, מאָריס ראָדזשער,
רחל לייזעראָוויטש

מוזיק צו לידער: מרדכי ירדני, יעקב דאַווידזאָן,
זישע פייגנבוים און י. ל.

קאָרעקטור: מאָריס ראָדזשער

איך דריק אויס מיין האַרציקן דאַנק די אַלע חברים פון בוך־קאָמי־טעט אין ניו־יאָרק און מיאַמי ביטש.

אַ ספּעציעלן דאַנק דעם ליבן חבר י. א. ראָנטש פאַר זיין אינטערעס און אויפמערקזאַמער אַרבעט אין רעדאַקטירן דעם מאַטעריאַל.

די קינדער — זיסעלע און (יאָסל—שוין נישטאָ); מיכל און פרענסיס, די אייניקלעך — זיי זיינען מיין הילף און טרייסט.

אַ דאַנק חבר פּ. נאָוויק פאַר זיין פאָררעדע.

אַ דאַנק דזשאַנעט ביילין־קאָהען פאַר טעכנישע עצות.

אַ גרויסן דאַנק דעם וואוילן מענטשן בנימין קאַץ פאַר זיין טעכני־שער פּלאַנירונג און אויפזיכט איבערן דרוקן פון בוך.

ר ח ל   ל י י ז ע ר אָ ו ו י ט ש

Published by
Yiddisher Kultur Farband (YKUF)
and the
Yaakov Leiserowitz Book Committee

יעקב לייזעראָוויטש
(יאַנקעלע בריסקער)

אַזוי איז געווען...

געזאַמלטע שריפטן

איקוף פאַרלאַג
און יעקב לייזעראָוויטש בוך־קאָמיטעט

YAAKOV LEISEROWITZ

AZOY IZ GEVEN . . .

THE WAY IT WAS . . .

Selected Writings
In Prose and Poetry

Copyright 1970

by R. Leiserowitz

Brooklyn, N. Y.

Printed in U.S.A.

363

פּ. נאָוויק

איינער פונעם אומרואיקן דור

אריי פון די אָפּגעקליבענע שאַפונגען פון יאַנקל לייזעראָוויטש, וואָס דער לייענער וועט געפינען דאָ אין דעם בוך, וועלן אפשר פאַר זיינע אינטימסטע פריינט זיין, אין אַ באַשטימטן זין, אַן אַנטפּלעקונג. ווייל אין משך פון די קאַרגע פערציק יאָר, וואָס י. לייזעראָוויטש איז געווען פאַרבונדן מיט דער „מאָרגן-פרייהייט", פריער ווי אַ זעצער און קאָרעקטאָר אין דער דרוקעריי (פון 1930 ביז 1955) און אויך ווי אַ טיילווייזער מיטאַרבעטער — און דערנאָך, ווען ער איז שוין געווען אויף פּענסיע, ווי אַ טיילווייזער מיטאַרבעטער — האָט ער ווייניק געלאָזט וויסן, און מיר האָבן ווייניק געוואוסט, וועגן זיין שאַפן פאַר 1930, אָנגעהויבן אַזוי פרי ווי אין 1908, צו פופצן יאָר.

מיר האָבן אים געקענט ווי אַ פעליעטאָניסט מיט אַ פלינקן, איינפעלערישן פערז, וואָס פלעגט מיט אַ נאַטירלעכן הומאָר אויפכאַפּן אַ טאָג-טעגלעכע פּאַסירונג, באַלייכטן זי, אָדער „אַריינזאָגן", אַרויסברענגען אַ מוסר השכל. ער האָט איבערגעזעצט פאַר דער צייטונג אַ ריי וויכטיקע ווערק, דערין האואַרד פעסטס „מיינע הערלעכע ברידער" („מאַי גלאָריאָס בראָדערס"). אין די לעצטע יאָרן, נאָכן אַוועקגיין פון י. ב. ביילינען אין דער אייביקייט, האָט י. לייזעראָוויטש, כאָטש שוין ניט אין בעסטן געזונט, איבערגענומען די ניטגרינגע, אָבער זייער דאַנקבאַרע מיסיע פון באַזוכן די זיצונגען פונעם יידישן געריכט, שרייבן די געריכט-בילדער, דורך וועלכע עס איז געקומען צום אויסדרוק אַן איינגעבאָרענער הומאַניזם, צוזאַמען מיט

אַ בעלעטריסטישן טאַלאַנט. דאָס שאַפן, אָבער, פון י. לייזעראָוויטש אין די אַלע יאָרן ביז 1930 איז געבליבן ווי פאַרשטעלט אַפילו פאַר זיינע נאָענטסטע חברים, יוגנט-פריינט פון בריסק, זיין געבוירן-שטאָט.

מען פלעגט אַמאָל דערמאָנען, אַז ער איז געווען דער מחבר פונעם פּאָפּולערן ליד, וואָס איז כמעט ווי געוואָרן אַ פאָלקס-ליד, „די גרינע קוזינע", נאָר אַז ער האָט אָפּגעדרוקט אַ סך לידער, וויכטיקע לידער, לידער וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט באַשטימטע פּעריאָדן, האָבן מיר ניט געוואוסט, אָדער — אויב געוואוסט — געהאַט פאַרגעסן. די זאַמלונג דאָ אין דעם בוך, וועלכע וועט, וואָס אַן אמת, ניט אַנטפּלעקן די גאַנצע פּערזענלעכקייט פון י. לייזעראָוויטש, וועט זי אָבער אים אַרויספירן אויך פאַר זיינע נאָענטע פריינט אין אַ ליכט, וואָס איז פאַר זיי געווען פאַרבאָרגן — ווי אַ דיכטער און בעלעטריסט.

די „גאַנצע פּערזענלעכקייט"

פון יאַנקל לייזעראָוויטשן — אַ פאַר-שטייער פון אַן אומרואיקן דור — איז געווען אַ צוואָרפּענע אויף אַ ריי געביטן. חוץ אַ זעצער און קאָרעקטאָר אין דער דרוקעריי און טיילווייזער מיטאַרבעטער און איבערזעצער, און געריכט-רעפּאָר-טער, איז י. לייזעראָוויטש גלייכצייטיק געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, אַ קולטור-בויער, האָט זיך אינטערעסירט מיט די אָרגאַניזאַ-ציעס פון זיינע לאַנדסלייט, די בריסקער. פון צייט-צו-צייט פלעגט ער אויפבליצן מיט אַ ליד — ווי דער לייענער וועט דאָ זען — און אַנט-שווינדן ווערן. דער פעליעטאָניסט, דער צייטונגס-מענטש און איבער-זעצער האָבן פאַרשטעלט דעם דיכטער. דאָ, אין דעם בוך, זיינען די ניט צו-אַפּט אָנגעשריבענע לידער צונויפגעקליבן געוואָרן און זיי, צוזאַמען מיט אַ ריי פון די געריכט-בילדער, וועלן העלפן דער-גאַנצן דאָס בילד פון דער שאַפנדיקער פּערזענלעכקייט — יאַנקל לייזעראָ-וויטש.

נאָר דאָ קומט אַרויף די פּערזענלעכקייט, וואָס פאַרשטעלט שוין גאָר אַלצדינג — „יאַנקעלע בריסקער", דער יוגנט-חבר, דער שכן פון

איין גאַס, אין בריסק דליטא, די יאַטקע־גאַס, דער זון פון דעם מגיד אינעם שניידערשן בית המדרש, אויף דער־אַ גאַס. און ס'וועט ווערט זיין אַריינצוקוקן אין דעם הויז פון די עלטערן פון „יאַנקעלע בריסקער", כדי בעסער צו באַגרייפן וואָס און ווען ער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט.

אַן אויפגעקלערט, משכיליש הויז געווען, „צו גאָט און צו לייט". אויף וויפל עס געדענקט זיך, האָט דער פאָטער ניט געצויגן קיין חיונה פון דער מגידות; פרנסה האָט מען זיך אויסגעשלאָגן פון מסחר. דאָס זאָגן אַ דרשה אין דעם שניידערשן בית מדרש איז געווען דאָס, וואָס מיר באַצייכענען מיטן היינטיקן לשון — „אַן ארבעט פון ליבשאַפט". דער „שניידערשער מגיד" איז ניט געווען קיין שטראָפער, נאָר אַ „זאָגער", אַ בעל־מסביר, האָט געזוכט אַריינצודרינגען מיט מענטשלעכקייט, מיט חכמה, מיט אַ טיפן געפיל פאַר יושר. די דריי עלטערע ברידער פון יאַנקלען און די שוועסטער, אויך עלטער פון אים, האָבן אַלע גערירשנט די חכמה פון טאַטע־מאַמע, דעם נאַטירלעכן שפּילעוודיקן הומאָר, די איינפאַלערישקייט, די טבע צו ענטפערן, אָדער אַריינזאָגן, מיט אַ „ווערטל".

יאַנקל איז געווען דער מוזיניק — דערפאַר זיין ליד **„איך וויל ניט זיין דאָס לעצטע קינד אין שטוב"**, צו זען, ווי „ברידער, שוועסטער לויפן אין דער וועלט", און „שטומער אומעט נעמט אַרום דאָס הויז". יאַנקל אַליין איז אָבער באַלד „אַנטלאָפן אין דער וועלט", צו 15 יאָר אַוועק אין אַ מאַלער־שול אין ווילנע, דערנאָך אין אַ קונסט־שול אין אָדעס. אונדזער גאַנצער אומרואיקער דור איז זיך דעמאָלט „צעלאָפן". ווען איך בין, אַ פינף־זעקס יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, „אַוועקגעלאָפן" קיין וואַרשע און אין דער שווייץ, האָבן זיך די פעדים פון אונדזער יוגנט־חברשאַפט איבערגעהאַקט און ערשט אין 1930 זיך ווידער צוריק אָנגעקניפּט.

איינער פון דעם אומרואיקן דור איז יאַנקל לייזעראָוויטש געווען. דער עלטסטער ברודער איז געוואָרן אַ רב, אָבער דער צווייטער איז שוין געווען אַ גרויסער סוחר, וואָס איז „אַרומגעפלויגן" איבערן גרויסן רוסלאַנד און אויך אין אויסלאַנד. דער דריטער ברודער, משהקע, עטלעכע יאָר עלטער פון יאַנקלען, איז געוואָרן אַ מיטאַרבע-

טער אין וואַרשעווער „היינט“ (איז אומגעקומען אין דער וואַרשע־ווער געטאָ). וואָס אַזוינס עס האָט געצויגן יאַנקלען אין שולן פֿאַר מאלעריי, קונסט, געדענקט זיך ניט — סיידן דער אומרו פֿון אַ מוזי־ניק, וואָס האָט זיך געריסן אין דער וועלט אַריין. קומענדיק קיין אַמעריקע, אין 1913, איז ער געוואָרן אַ לערער אין די שלום עליכם שולן, מיטגעאַרבעט אין „דאָס יידישע פֿאָלק“, אין „מילערס וואָכנ־בלאַט“ און אַ ריי יאָרן אין „אַמעריקאַנער“ (וואָכנבלאַט פֿון „מאָרגן־זשורנאַל“), וואו ער האָט געפֿירט דעם קינדער־אָפּטייל, געענטפֿערט אויף פֿראַגן, געפּסקנט שאלות, אונטערשרייבנדיק זיך „ר׳ יעקב“. כאַווער־פֿאַווער, וועלכער האָט געשריבן, ווי באַקאַנט, קינדער־מעשהס, האָט אַמאָל דערציילט, ווי ער האָט אין זיינע „גרינע“ יאָרן אָנגעקניפּט קאָנטאַקט מיט דעם „ר׳ יעקב“ און זיך געהאַט פֿאָר־געשטעלט, אַז ער וועט באַגעגענען אַ „יידן מיט אַ באָרד“, אַן „אָסאָ־בע“ פֿון אַן עלטערן מענטשן. ערשט דער „ר׳ יעקב“ איז גאָר געווען דער זשוואַווער, יוגנטלעכער, זיך־וויצלענדיקער יאַנקל לייזעראָ־וויטש.

יאַנקלען האָט אָבער אַפּנים

געצויגן צום טאַטנס שניידער. ער האָט זיך אין דער בירגערלעכער פּרעסע ניט געקאָנט איינלעבן. עס איז געקומען דער גרויסער קראַך פֿון די סוף־צוואַנציקער יאָרן, די גרויסע אַרבעטלאָזיקייט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ברויזנדיקע דרייסיקער יאָרן. יאַנקל איז געוואָרן אַן אַרבעטער, אַ זעצער. שרייבעריי איז געוואָרן ביי אים אַ זייטיקע באַשעפֿטיקונג, ווי די מגידות ביים טאַטן. דאָס זאָגן און „אַריינזאָגן“ און דער גאַנצער קאַמף פֿאַר יושר, איז געקומען צום אויסדרוק דורך זיינע פֿעליעטאָנדלעך, דורך די לידער מיט אַ מיין, מיט אַ „מאָראַל“ — לידער סענטימענטאַלע, פֿאָלקישע, טיילווייז משכילישע. דורך זיינע בילדער פֿון געריכט האָט ער זיך אָנגענומען די קריוודע פֿון דעם באַעוולטן. ער האָט געטאָן געזעל־שאַפֿטלעכע אַרבעט, פֿאַרנומען געווען אויף אַ סך געביטן. און אין אַלץ, קאָן מען זאָגן, האָט זיך געפֿילט ירושה — ירושה פֿון יענעם

הויז אויף דער יאַטקע־גאַס אין בריסק דליטא, לעבן שניידערשן בית־המדרש.

עס געדענקט זיך ווי האָפערדיק יאַנקל האָט זיך געפילט ווען ער האָט איבערגעזעצט פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט" דאָס אויבנדערמאָנטע בוך פון האָוואַרד פעסט, „מיינע הערלעכע ברידער". דער לייענער וועט געפינען דאָ אין דעם בוך יאַנקלס ליד „מיין זון", אַ ליד צום זון, אָדער וועגן זון, שלמה, וועלכער איז אַוועק קיין שפּאַניע אינעם געראַנגל קעגן פאַשיזם, קעגן היטלער־מוסאָליני (און איז ליידער ניט צוריקגעקומען). יאַנקל „ליגט שטום דורך די נעכט" און וואַרט „מיט צעצונדענעם אויג אויפן טאָג", אין זיין דימיון, טראַכטנדיק וועגן זיין זון אין שפּאַניע, טראָגט ער זיך אַריבער קיין מודיען, וואו עס האָבן זיך געהערט „מתתיהום דרייסטע טריט", די טריט פון די „הערלעכע ברידער", די חשמנאים. עס מאַכט ניט אויס, וואָס דאָס דאָזיקע ליד קוקט אויס צו זיין אַ צעשפּאָלטנס, צווישן צוויי פעריאָדן. אינעם ערשטן טייל גייט נאָך דער דיכטער אַרום „מיט געהויבענעם קאָפּ", טראַכטנדיק וועגן זיין זון אין שפּאַניע, אין די דרייסיקער יאָרן, בשעת אינעם צווייטן טייל רעדט זיך שוין וועגן „געטאָ־אויפשטאַנד און מאַידאַנעק־פּלאָג", וועגן יידישן העראָאיזם און יידישן חורבן אין די פערציקער יאָרן. אַלץ צוזאַמען איז דורכגעוועבט מיט ירושה און טראַדיציע, מיטן העראָאיזם און מאַרטירערטום פון „מיין שטאַם". און אַלץ צוזאַמען זאָגט: „פלאַקערט ערגעץ־אויף דורך נויט און פּיין אַ בונט", געפינט זיך דאָרט „מיין שטאַם", וואָס „וויטיקט מיטן ווייטיק פון דער וועלט".

אין יאַנקלס ליד „צוויי יידישע טאַנקען", צעשמועסן זיך צווישן זיך דער טאַנק „שלום עליכם" מיטן טאַנק „י. ל. פּרץ". דערמאָנט זיך דער פעליעטאָניסט יאַנקל אין דעם מלמד פון „ווען איך בין ראָטשילד", מיט דער אויסגעוואַקסענער השגה, אַז מיט ראָטשילדס פאַרמעגן וואָלט ער, דער מלמד, פאַרפלייצט די שלאַכטפעלדער קעגן היטלערן „מיט יידישע טאַנקען". נאָר דאָ נעמט די אויבערהאַנט דער טאַנק „י. ל. פּרץ", וואָס צעשרייט זיך: „מיין ניט די וועלט איז אַ קרעטשמע", מיין ניט „לית דין ולית דיין".

דער דאָזיקער געשריי, קאָן מען זאָגן, האָט זיך געפילט אין דעם

גאַנצן פֿאַרשיידנאַרטיקן שאַפֿן און געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט פֿון יאַנקל לייזעראָוויטש, באַזונדערס פֿון די אָנהייב דרייסיקער יאָרן ביז זיינע לעצטע טעג. איר הערט דעם געשריי אין זיינע בילדער פֿון געריכט. „די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין הפֿקר", יושר דאַרף זיין! דעם דראַנג און באַגער און געראַנגל פֿאַר יושר האָט יאַנקל לייזעראָוויטש געירשנט אין זיין פֿאָטערס הויז, איבערגעגעבן זיין זון, וואָס איז געפֿאַלן אין שפּאַניע, — און גיט עס איבער דעם לייענער פֿון דעם בוך, אַן אָפּקלייב פֿון יאַנקל לייזעראָווישטעס ירושה.

יאַנקל לייזעראָוויטש האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט מיר ווען איך האָב צונויפֿגעשטעלט און רעדאַקטירט דעם „משה כץ בוך", געהאָלפֿן אויסזוכן און אָפּקלייבן די מאַטעריאַלן. משה כצן געהערט די באַצייכענונג פֿאַרן דור פֿון יאַנקל לייזעראָוויטש, „דער דור וואָס האָט פֿאַרלאָרן די מורא". דער דאָזיקער דור איז אָבער צוזאַמען דערמיט געווען — איז — אַ דור אַן אומרואיקער, אַ זוכנדיקער, אַ שעפֿעריש־אומצופֿרידענער, אומצופֿרידן מיטן סטאַטוס־קוואָ, אַ טיף־ברענענדיקער מיטן דראַנג נאָך סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן יושר. אָט דאָס, דאַכט זיך, איז דער סאַמע עיקר פֿון דעם וואָס יאַנקל לייזעראָוויטש זאָגט אונדז דאָ אין דעם בוך, זוכט אונדז איבערצוגעבן:

„פֿון מודיען, מתתיהוס דרייסטע טריט,
ביז מיין שלמהן אויפֿן שלאַכטפֿעלד אין מאַדריד,
ביזן געטאָ־אויפֿשטאַנד און מאַידאַנעק פֿלאַג —
ביסטו דאָ, מיין שטאַם!"

י. א. ראָנטש

די גוטסקייט פון יעקב לייזעראָוויטש

מיר האָבן זיך געעקנט צענדליקער יאָרן. אונדזער דור האָט קיינמאָל נית געלעקט קיין האָניק. אָפּט איז אויסגעקומען זיך צו דערנענטערן. די לאַגע האָט אַזוי געפאָדערט. האָט איינער פאַרן צווייטן זיך באַקלאָגט, געוואָלט געפינען אַן אָנשפּאַר, אַ טרייסט; אַ גוטע עצה.

אָט אַזוי איז מען געוואָרן פאַרברידערט, אינטים. אַנדערש איז דאָס אָבער געווען מיט יעקב לייזעראָוויטש, מיט יאַנקעלע ברייסקער, דעם פּאָפּולערן מחבר פון „די גרינע קוזינע״.

ערשטנס, איז ער קיינמאָל נית געווען אין כעס. עס האָט זיך געקאָנט אויסווייזן, אַז אים גייט זייער גוט און ער האָט זיך נית וואָס צו באַקלאָגן. דער אמת איז געווען פאַרקערט. ס׳איז אים אָפּט געווען זייער ביטער, נאָר באַקלאָגט האָט ער זיך פאַר קיינעם נית. פאַרקערט, זיין צוגעלאָזנקייט איז געווען דער שליסל וואָס האָט געעפנט דיין האַרץ פאַר אים. און אַ צוהערער איז ער געווען אַ זעלטענער. געדולדיק, אויפמערקזאָם, און תמיד געפונען אַ גוט וואָרט צו פאַרגרינגערן דאָס שווערע געמיט.

צווייטנס, זיך געפינענדיק אין קרייז פון שרייבער און לערער, איז אים אויסגעקומען צו הערן באַרימערייי און פּויקערייי פון זיינע קאָלעגן און חברים. וועגן זיך אַליין האָט ער, דוכט מיר, קיינמאָל נית גערעדט. און האָט מען דערמאָנט זיין פּאָפּולערע „גרינע קוזינע״ און „דעם פּעדלערס בריוועלע״, האָט ער זיך געפילט נית-באַקוועם און געפּרוּווט פאַרציען די רייד אין אַן אַנדער ריכטונג.

דריטנס, האָבן ווינציק פון זיינע קאָלעגן און מיטאַרבעטער געוואוסט, אַז יעקב לייזעראָוויטש האָט געשריבן ערנסטע לידער,

אָנגעגליטע מיט גוטסקייט און מענטשלעכקייט. ער האָט זיי קיינמאָל ניט דערמאָנט. פאַרקערט. ער האָט תמיד געפונען פאַר נויטיק צו לויבן יענעמס אַ ליד און באַווייזן צו דערמאָנען אַ פערז צי אַ מעטאַפאָר. און אויב ער האָט געוואָלט זאָגן אַ וואָרט פון קריטיק, איז דאָס געווען אויף אַזאַ באַשיידענעם אופן, אַז דער סענסיטיווסטער דיכטער האָט זיך ניט געפילט געטראָפן דערפון.

פערטנס, האָט לייזעראָוויטש ניט איינמאָל געבעטן טובות — ניט פאַר זיך, נאָר פאַר יענעם. זיך דערמאָנט די לעצטע טובה מיט וועלכער ער איז געקומען צו מיר. כ׳האָב געהאַט געהאַלטן ביים אַרויסגעבן אַ דיקן בוך, פון איבער פיר הונדערט זייטן. איז ער געקומען בעטן, אַז כ׳זאָל דאָס בוך געבן זעצן אַ קאָלעגע וואָס האָט זיך גענייטיקט אין דעם. ער האָט געוואוסט, אַז יענער איז געווען אַ שוואַכער פאַכמאַן, האָט יאַנקל מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַליין צוליגן אַ האַנט און זען, אַז ס׳זאָל אַרויס מיט גאַנצע ביינער.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז כ׳האָב געהאַט אַ סך עגמת נפש פון בוך און יאַנקל האָט אין דער לעצטער רגע זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און געוואָלט גוט מאַכן. זיין געזונט צושטאַנד האָט אים שוין ניט דערלויבט זיך אָנצושטרענגען, נאָר געלאַסן, מיט אַ שמייכל ממש, איז ער געשטאַנען אין שאַפּ און אָפּגעגעבן פרייוויליק זיין צייט און ענערגיע.

אַזוי איז געווען דער לעבנס-גאַנג פון יעקב לייזעראָוויטש-יאַנקעלע בריסקער. די גוטסקייט האָט פון אים אַרויסגעלויכטן, ווען ער האָט געלערנט אין די שלום עליכם שולן, ווען מיר האָבן זיך באַקענט, אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די שלום עליכם שולן אין „בויבעריק״. די גוטסקייט האָט אים באַגלייט אין די שפּעטערדיקע קאַמפן אין די אייגענע רייען, ווען ביטערקייט האָט געשיפּעט אַרום און אַרום.

מען האָט זיך באַקלאָגט פאַר אים. ער האָט געזוכט אַ גוט וואָרט, אַ באַרואיקונג. ער האָט איבערגעלעבט פּערזענלעכע טראַגעדיעס, נאָר זיי געטראָגן אין זיך און ניט געריעדט וועגן זיי און אויסגעמיטן צו הערן אַנדערע רעדן וועגן אים. כדי יענעם ניט מצער זיין, כדי אַרום אים זאָל זיין וואָס מער האַרמאָנישקייט און גאַנצקייט.

און ווען ס׳איז אים שוין געווען שווער צו גיין איבערן טראָטואַר,

האָט ער זיך פּשוט אָפּגעשטעלט ביי אַ וויטרינע און אַריינגעקוקט און ניט געוואָלט אויסזאָגן דעם אמת, כדי דעם מיטגייער ניט צו באַלעסטיקן.

די ליטעראַרישע ירושה

וואָס יעקב לייזעראָוויטש האָט גע־לאָזט נאָך זיך איז גאָר ניט קיין אָרעמע, כאָטש אַליין האָט ער ניט גערעדט וועגן אַרויסגעבן זיינס אַ בוך. ער האָט זיך פאַרנומען מיט העלפן אַרויסגעבן ביכער פון קאָלעגן.

ס׳איז באמת געווען אַ נייער לייזעראָוויטש, ווען כ׳האָב זיך באַ־קענט מיט זיינע ערנסטע לידער, וואָס גייען אַריין אין אָט־דער זאַמ־לונג. און עס פאַרדריסט ביז גאָר פאַרוואָס ער האָט געשריבן אַזוי ווינציק פּאָעזיע.

ער האָט, ווייזט אויס, תמיד אין זינען געהאַט דעם פּשוטן לייענער. איז זיין ליד געווען סענטימענטאַל און האַרציק, נאָר אויב עס האָט אויסגעפעלט בילדלעכקייט, איז דאָס פאַרגיטיקט געוואָרן מיט גע־דאַנקלעכקייט. דער פּעליעטאָניסט אין אים האָט זיך געראַנגלט מיטן ערנסטן דיכטער. און קיין קעמפער מיט זיך איז ער ניט געווען. דערפאַר האָט אים געצויגן צו שרייבן קינדער־לידער און פּראָזע פאַר קינדער.

איר קאָנט ניט פאַרבייגיין גלייכגילטיק אַזעלכע שורות לייזעראָ־וויטשעס ווי —

„איך וויל ניט זיין דאָס לעצטע קינד אין שטוב
און זען ווי אונדזער הויזגעזינט שטאַרבט־אָפּ״.

אָדער —

„פאַרגינט מיר פאַר שטיל ניט־דערזאָגטע ווערטער,
וואָס האָבן זיך ווי פאָנען אין האַלב־מאַסט געבויגן״.

יעדעס ליד זיינס איז אַ בשורה, יעדעס וואָרט — פון האַרצן. און די געשעענישן פון דער צייט לאָזן איבער זייער חותם אין זיינע פערזן.

ער איז אַרומגעגאַנגען „מיט געהויבענעם קאָפּ" ווען זיין זון האָט געקעמפט אין שפּאַניע „קעגן ביטערן פיינט פון דער וועלט". און שפּעטער, ווען דער זון איז געפאַלן, האָט ער אַזוי פּשוט און קורץ און טרױעריק געשריבן:

„איך שטעל ניט קיין שטיין
אויף דיין קבר, מיין זון.
דער שטיין ליגט אין האַרץ
טיף און שווער".

אין בוך זיינען אַריין אַ צאָל לידער וואָס לייזעראָוויטש האָט זיי איינפאַך באַטיטלט „פּערזן". זיי זיינען אָבער מער ווי דאָס. דאָס זיינען סאָנעטן-מעסיקע סענטימענטן, כאָטש ניט אין דער סאָנעטן-פאָרעם.

דער באַשיידענער יאַנקעלע בריסקער האָט געהאַט די זכיה, אַז זיין „גרינע קוזינע" זאָל אַריינגענומען ווערן אין היכל פון אַמעריקאַנער יידישן פאָלקלאָר. און ביזן היינטיקן טאָג ווערט דאָס געזונגען, און אַנטאָלאָגיסטן און צוזאַמענשטעלער פון נאַראַציעס און קאָנטאַקטעס פאַרפעלן ניט אַריינצונעמען דאָס ליד אין זייערע ווערק.

פון לייזעראָוויטשעס

פּראָזע — ער האָט אַ סך איבערזעצט

און זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע רעפּאָרטאַזשן-פּאַרצייכענונגען — איז אין דער זאַמלונג אַריין זיין סעריע „לאָדעניש אין יידישן פּאַמיליע-געריכט". דאָ האָט זיך לייזעראָוויטש אַרויסגעוויזן ווי אַ קענער פון דער מענטשלעכער נשמה, ווי אַ מיטפילנדיקער אַנטיילנעמען אין מענטשלעכע פּראָבלעמען, ניט ווי אַ רעפּאָרטער, וואָס דאַרף אָנשרייבן אַ באַריכט. די בילדער פון געריכט זיינען ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטימונגספולע לעבנס-געשעענישן.

לייזעראָוויטש ווערט אַ נוגע בדבר אין די ראַנגלענישן צווישן די

וואָס לאָדן זיך אין געריכט. ניט איינמאָל מישט ער זיך אַליין אַריין, ווי ער דערציילט דאָס אַליין:

„ביים אַרויסגיין האָב איך זיך אַ קער געטאָן צום
מאַן און אים געזאָגט:
— איר זענט אַ וואוילער ייד.
ער האָט מיר וואַרעם געדריקט די האַנט און אין אַ
ווינקל פון זיין אויג האָט עפּעס אַ גלאַנץ געטאָן —
זאָל עס זיין אַ פונק פון האָפענונג אויף שלום-בית,
אָדער אַ גלי פון אַ טרער?"

דערפאַר לייענען זיך די געריכט-בילדער אַזוי אינטערעסאַנט און האַרציק. לייזעראָוויטש האָט זיך געפרייט מיט דעם שלום-בית, צו וועלכן דאָס געריכט האָט געשטרעבט. מחמת דאָס גאַנצע לעבן פון יעקב לייזעראָוויטש-יאַנקעלע ברִיסקער איז געווען אַ אינערלעכע גוטסקייט, וואָס האָט געשטראַלט פון אים.

זאָל אָט-די זאַמלונג אָפּשטראַלן מיט זיין גוטסקייט.

יעקב לייזעראָוויטש

געזאַמלטע לידער

איך וויל נישט זיין דאָס לעצטע קינד אין שטוב

איך וויל נישט זיין דאָס לעצטע קינד אין שטוב
און זען ווי אונדזער הויזגעזינט שטאַרבט אָפּ,
ווי ס'נייגט צו ערד דער מאַמעס רוקן זיך
און ס'גרויט דורך קאַלטע נעכט דעם טאַטנס קאָפּ.

איך וויל נישט זיין דאָס לעצטע קינד אין שטוב
און הערן ווי די קלאַנגען שטאַרבן אויס,
און שטילער, שטילער פאַלט דאָס קול צו דר'ערד,
און שטומער אומעט נעמט אַרום דאָס הויז.

און ברידער, שוועסטער לויפן אין דער וועלט ;
און בעטן שטייען ליידיקע — פאַרבעט ;
און ס'גליווערט קעלט אין טאַטע-מאַמעס בליק
און ס'לויערט שרעק אין טאַטע-מאַמעס בלוט.

פאַרגיט מיר

פאַרגיט מיר, פאַרגיט, אָ, פאַרגאַנגענע יאָרן,
דו האַלבער יאָרהונדערט, אויף שפּיץ־פינגער שטילע,
דורך שאַרן ביי ווענט זיך און שעפּטשטען געבעטן, —
אין אויגן אַ בענקען, אויף ליפּן אַ תּפילה...

פאַרגיט מיר פאַר שטיל נישט־דערזאָגטע ווערטער,
וואָס האָבן, ווי פּאָנען — אין האַלב־מאַסט זיך געבויגן,
גענידערט, ווען אַלץ האָט געגרילצט און געליאַרעמט,
און פּויק האָט געררופן און גלאַנץ האָט געצויגן...

פאַרגיט מיר, פאַרגיט, אָ, געקריוודעטע יאָרן,
פאַר קיינמאָל נישט קאָנען געפינען אַ הכשר.

האַרץ מײַנס

האַרץ מײַנס, אָ, האַרץ, עפֿן אויף דײַנע טויערן,
אײדער דער אָוונט פֿאַלט־צו.
ס׳צאַפּלען נאָך שטראַלן אויף שפּיצן פֿון האָפֿענונג —
עפֿן דײַן טויער פֿאַר רו.

בלינד איז דער בליק אין דער רגע פֿאַרטונקלטער —
ווי קאָן ער פֿירן צום ציל?
בלויז אין דײַן טיפֿעניש, האַרץ, דער פֿאַרבאָרגענער,
טליעט נאָך פֿונק אין דער שטיל.

וועל איך זיך אײַנגראָבן טיף און באַנײַען זיך,
לײַטערן בליק אין דײַן רו.
האַרץ מײַנס, אָ, האַרץ, עפֿן אויף דײַנע טויערן,
אײדער דער אָוונט פֿאַלט־צו.

הירָאָשימאַ

(צום 14טן יאָרטאָג)

מיין שאַנד איז אויסגעקריצט
מיט פייער אויף דיין שטערן,
שמאָל־אויגיקע, באַזונטע שוועסטער מיינע.

נאָך בראַנדיקן און צערן
דיינע וואונדן,
נאָך נישט־פאַרשוואונדן
דער פאַרסממטער שטויב פון דיינע הימלען.

און וואו דו גייסט דערמאָנט מען מיך
מיט האַס און פלוך — — —

איך האָב דיין גאַס, דיין היים
און דיך אַליין
געלאָזט אין ברוך.

אין דיינע אויגן פינקלט נאָך
דער שאַרף פון ערשטן אויפבליץ,
מיט בלוטיקן צעפינטל אינעם בלענד.
דיין פּנים — צעאַקערט און צעברענט.

געשענדט די ליכטיקייט די הייליקע פון לייב.
און דיינע הענט —
פאַרשטאַרט ווי אָפּגעדאַרטע צווייגן,
און פינגער טויטע ציען זיך אין שווייגן.

די מאָרגנדיקע מאַמע אויסגעלערט פון זאַפּט —
געבליבן בלויז דער שוואַרצער סם
פון אויפגעפּראַלטן פלאַם.

— — — — — — — — — — — — — — —

הייב־אויף דיין קאָפּ,
אָ, שוועסטערל פון היראָשימאַ,
הייב־אויף דיין קאָפּ
— ווי פלאַקערדיקע פאָן פון נישט־פאַרגעבן —

און זאָל דער וויי פון דיין פאַרשעמטן פּנים
אַ שליידער טאָן די שונאים פונעם לעבן
אַ וואָרענונג דורך צאָרנדיקן פּיין און טרער:
קיינמאָל שוין נישט מיַער קיין היראָשימאַס,
קיינמאָל שוין נישט מער!

אויגוסט 6, 1959

מיינע טריט אויף דער ערד...

מיינע טריט אויף דער ערד
האָט דער שונא פאַרווישט;
מיינע טריט אויף דער ערד
היים-אויסגעחלומטער ערד,
וואָס כ'האָב מיט מיין בלוט
זי געפלעגט און גענערט...
מיינע טריט אויף דער ערד
האָט דער שונא פאַרווישט.

וויינט דער שאָרך פון די טריט,
מאָנט דער קלאַנג פונעם וואָרט,
שטייט די עדה פאַרווירט
אין דער ביטערער שעה:
„איז קיין תיקון נישטאָ,
איז קיין תיקון נישטאָ?"
וויינט דער שאָרך פון די טריט,
מאָנט דער קלאַנג פונעם וואָרט.

נאָך נישט שפעט, נאָך נישט שפעט —
קלאַפן הערצער אין אַנגסט...
ווער ווערט ווייזן דעם וועג
מיטן לעצינשן זאָג:
„עס זאָל שלאָגן די שעה,
עס זאָל קומען דער טאָג...
נאָך נישט שפעט, נאָך נישט שפעט —
קלאַפן הערצער אין אַנגסט...

מיין זון

.1

ס׳האָבן שאַרפער צעטיילט זיך אצינד
מיינע טעג, מיינע נעכט.
דורך די טעג גיי איך אַרום
מיט געהויבענעם קאָפּ . . .
דו קעמפסט דאָרט, מיין זון,
קעגן ביטערן פיינט פון דער וועלט.

גיי איך אַרום דורך די טעג
מיט געהויבענעם קאָפּ קעגן זון,
מיט צעשוואונגענעם טראָט
און געזאַנג פון נצחון אין האַרץ . . .

נאָר די נאַכט —
צוריק די נאַכט —
זע איך וואונדן
און פלאַמען
בלוט און געקלאַג,
ליג איך שטום
דורך די נעכט,
און איך וואַרט
מיט צעצונדענעם אויג אויפן טאָג . . . — —

.2

פון מודיען, מתתיהוס דרייסטע טריט,
ביז מיין שלמהן אויפן שלאַכטפעלד אין מאַדריד,
ביזן געטאָ־אויפשטאַנד און מאַידאַנעק־פּלאָג —
ביסטו דאָ, מיין שטאַם!

פלאַקערט ערגעץ־אויף דורך נויט און פּיין אַ בונט,
בלוטיקט־וואו אַן אייגענע, צי פרעמדע וואונד,
ביסטו דאָרט מיט פליש און בלוט פאַראַן,
מיין שטאַם!

זאָל די וועלט איצט יובלען מיט דיין פרייד באַזעלט,
ווי דו האָסט געוויטיקט מיטן וויטיק פון דער וועלט.
זאָל דיין שמחה וועקן איבער לאַנד און ים
ווי דיין בלוט — מיין שטאַם . . .

שפּאַניע מאַרשירט

(פֿאַריידישט)

שפּאַניע טונקלט אונטער אַ וואָלקן,
וואו פריי פלעגט זיין דאָס לאַנד.
שפּאַניע דונערט אומדערשראָקן ;
שטעלט אָפּ דעם שונאס האַנט !

שטעלט אָפּ די האַנט !
שטעלט אָפּ די האַנט,
פאַרניכט דעם פיינט !
לעשט אוים דעם פלאַם,
פאַרהיט דאָס לאַנד.

מיליאָנען מאַרשירן
מיט ביקס אַנטקעגן דעם פאַרראַט !

קיין רו אַצינד ! דעם קאַמף צעוויגט !
ביז וואַן דעם שונאס שטאַרקע האַנט
צעשמעטערט ליגט !
אָ, שפּאַניע בלוטיקט פאַר אַ
פרייער וועלט —
און ביז דאַן —
נאָ פּאַסאַראַן !

פרימאָרגן וועט שנעל פאַרבייטן די נאַכט,
ווידער ווערט שפּאַניע פריי !
די העלדן, וואָס זיינען געפאַלן אין שלאַכט,
זיי לעבן אין אונדז אויפסניי.

שטעלט אָפּ די האַנט !

ער האָט זיך באַוויזן

(דעמאָנסטראַציע אין האַרלעם)

ער האָט זיך באַוויזן מיט שטיל־שטילע טריט
פון הינטער אַ שלאַכטפעלד ביים ווייטן מאַדריד.

„קום, מאַמע", — האָט ער איר געזאָגט מיט פאַרטרוי, —
דיין קאָפּ איז געוואָרן אין קאַמף אַזוי גרוי,

נאָר יונג ביזטו, גלויביק, נאָך אַלץ ווי אַמאָל,
ווען דו האָסט באַגלייט מיך מיט ציטער אין קול . . ."

— — — — — — — — — — — — — — —

די נאַכט האָט געשטורעמט, די נאַכט האָט געברויזט,
די מאַמע געשפּאַנט האָט מיט פאַרקלעמטער פויסט,

און ער האָט גערעדט צו איר שווערן געמיט —
פון עטל און דזשוליוס, פון ווייטן מאַדריד . . .

ער האָט זי באַרירט מיט זיין בייניקער האַנט,
באַגלייט זי צום טויער פון האַרלעמער וואַנט . . .

דו האָסט פֿאַרמאַכט די טיר

.1

דו האָסט פֿאַרמאַכט די טיר
און אויפֿגעעפֿנט זי צוריק . . .
אַ בליק,
אַ לעצטער בליק
האָט דורכגעשיינט צו מיר.
דו האָסט דערפֿילט מיין צער און שמאָלץ . . .
און ס׳האָט אין דיר אַ קלאַפּ געטאָן מיין בלוט —
אַ לעצטער רוף:
ס אַ ל ו ט !

.2

איבער דיינע מידע צוגעמאַכטע אויגן
האָט שוואַרץ זיך צוגעשלאָסן שפּאַניעס בלויער הימל.
ביזט נישט טויט פֿאַר מיר,
ווי ס׳איז פֿאַר מיר מאַדריד נאָך נישט געפֿאַלן!
ס׳זאַמלט כוח נאָך מאַדריד
און דו — דו שלאָפֿסט . . .

אויגן

אויגן שוואַרצע, אויגן בלויע —
אַלע שײנען מיט פרימאָרגן;
ס'האָט די נאַכט מיט שטילן כּישוף
אָפּגעווישט פון זיי די זאָרגן . . .

אויגן העלע, אויגן קלאָרע —
אַלע שמעקן מיט באַגינען;
ס'נעמט די זון אין רויטן מזרח
איצט איר לאַנגן וועג געפינען . . .

אויגן שײנע, אויגן מילדע
דורך די שטילע מאָרגן קלאַנגען —
און זיי לויפן און אַנטלויפן
ערגעץ אויף אַ טאָג אַ לאַנגן.

און אין אָוונט, מיט די שאָטנס,
מיט די לעצטע זונען-שטראַלן
קומען זיי צוריק די אויגן —
אַלע מידע, איינגעפאַלן . . .

נישט קיין פונק און נישט קיין שמייכל,
אויגן — גרוילן, אויגן — שרעקן . . .
נישט קיין בלויע, נישט קיין קלאָרע;
אַלע, אַלע — שוואַרצע פלעקן . . .

THUS . . .

(For the Civil Rights Martyrs)

Thus my father died
                    al kiddush haShem
No tremor of the doubt
No waver in the faith
                    of the condemned.

Thus, with open eyes,
                    all seeing,
in a blinded world of shame
They took their final earthly
                    steps
Toward Torquemada's flame.

And thus
          with fire in their souls,
A later generation did,
Laying down its unlived mornings
At the threshhold
                    of Madrid
For World and Man
                    they leaped into
A burning pit of pain . . .
Your memory be blessed
Praised and hallowed be your name . . .

(*Translated from the Yiddish* by Max Rosenfeld)

אַזוי...

(צו די דריי קעמפער פאַר פרייהייט אין מיסיסיפּי)

אַזוי איז מיין זיידע געגאַנגען
על קידוש־השם —
קיין צאַפּל פון ספק אין האַרצן,
קיין ציטער פון ברעם.

מיט אָפענע ליכטיקע אויגן
דורך פינצטערער וועלט —
אַזוי האָט מיין זיידע די טריט
צו דעם שייטער געשטעלט...

אַזוי האָבן שפּעטערע דורות
מיט פלאַם אין געמיט
געלייגט די פרימאָרגנס פון לעבן
ביים שוועל פון מאַדריד.

אין פייער, אין ליכטיקע פונקען,
פאַר וועלט און פאַר מענטש — — —
געליבט זייט, קדושים וטהורים,
געליבט און געבענטשט!

סעפּטעמבער, 1964

אַזוי . . . מוזיק פון מרדכי ירדני



איך הייב אויף מיין כוס . . .

(צום 44סטן יובילײ פון דער „מאָרגן־פרייהייט")

איך הייב אויף מיין כוס, צו דיר, מיין פריינט,
צו דיינע פיר און פערציק יאָר —
אין ליכטיקן געזאַנג, —
און דאַנק
פאַר אָט־די גרויסע טעג
וואָס האָבן אויפגעלויכטן
אויפן וועג,
פאַר אונדזער אויפגעגאַנגען וואָרט
אין קאַמף און דראַנג.

איך הייב מיין כוס
און בענטש
דעם מענטש.

איך הייב מיין כוס
און דאַנק!

אַפּריל, 1966

האַלט פעסט דעם רודער

(צום 45טן יובילײ פון דער „מאָרגן־פרײהײט״)

האַלט פעסט דעם רודער, קאַפּיטאַן —
רוף פון אונדזער אויפגעוואַכטן דור!
פינצטערע כוואַליעס,
רשעות פון דער ווילסטער טיף,
דראָען אונדזער שיף,
אונדזער מוטיק וואָרט פון וואָר.

זאָלן ליכטיקן די זעגלען דײַנע
הויך און ווײַט
מיט די שטאָליק־אויסגעשמידטע שורות
פון דער רופנדיקער צײַט — — —

האַלט דעם רודער פעסט און זיכער
אויפן שווערן וועג
צום געבענטשטן, אויסגעבענקטן ברעג.

אַפּריל, 1967

איך ווייס

איך ווייס—
דו ווילסט אַ היים,
דו ווילסט אַ בעט צו ליבן.
דו ווילסט ניט שטיין ביז שפּעט
אין נאַכט,
דערנידעריקט ביי זיך אַליין,
אין חושכדיקן קאָרידאָר . . .

איז וואָס זאָל טאָן
אונדזער דור,
אַז ס׳האָבן פריערדיקע דורות
זיך געלאָזט באַרויבן אַלץ:
דאָס קישעלע פון קאָפּ,
דאָס ביסל זאַלץ
פון טאָפּ,
דאָס בענקל פונעם אָרעמען געצעלט,
דאָס שטיקל ברויט פון מויל,
און אונדז געלאָזן אַט־אַזוי־אָ
נאַקעט הויל
אין מיטן וועלט ?

פאַרגיב מיר

פאַרגיב מיר, פאַרגיב מיר, אָ, טונקעלע שוועסטער,
פאַר לאָזן דיך שטיין יעדן טאָג אַ פאַרשעמטע
ביים ווינקל פון גאַס, דיינע הענט צו פאַרדינגען,
מיט אומעט אין בליק, אַ פאַרצערטע, פאַרקלעמטע.

הייב אויף דיינע אויגן, קוק גלייך מיר אין פּנים
און זאָג: דו פאַרגיסט מיר די פינצטערע בושה.
קום, גיב מיר דיין האַנט, לאָמיר ביידע צוזאַמען
אויף אייביק פאַרמעקן די וויסטע ירושה.

דיין האַרץ

דיין האַרץ איז דורכזיכטיקער זיידנס,
אויסגעוועבט אין שעה פון שטילער בין השמשות-תפילה,
אויסגעוועבט ביים שיין פון גוססע און צאַפלדיקע שטראַלן,
שטראַלן לעצטע אינעם מערב-הימל,
בליקנדיק פאַרטערטע צו דעם טראָן פון רחמים —
ביזטו דורכגעדרונגען פון דער שטילער אָוונט-צניעות, —
אַזוי ביזטו אַ כשרע און גוטע,
ווי די שעה, אין וועלכער ס'איז דיין האַרץ געוועבט געוואָרן...

וואו ביזטו געבוירן געוואָרן,
און וואו האָסטו געציילט די יאָרן דיינע —
אַז ס'האָט אויף דיר קיין שטויב זיך ניט פאַרוואַלגערט
פון די וועגן וואָכעדיקע גרויע,
און ס'האָט אין דיר קיין גאַל נישט איינגעוואָרצלט
יאָר נאָך יאָר די וועלט מיט אירע עוולות? . . .

עס לייגט זיך

עס לייגט זיך
שיכט אויף שיכט
מיין שווער געמיט;

דאָס ליכט
גייט אויס,
און אינדערמיט
פון טונקל־גרויער וועלט
בלייבט שטיין באַהעלט
— איין פונק פון צייט
שאַרף און ווייט...

איך שטעל נישט קיין שטיין
אויף דיין קבר, מיין זון.
דער שטיין ליגט אין האַרץ
טיף און שווער.

די אויגן ביי מיר —

די אויגן ביי מיר, ווי דער ברויזיקער ים ;
דאָס האַרץ ליגט צעשמעטערט, ווי ברוך אין דער טיף :
די פיין איז פאַרהוילן, דער וויטיק פאַרדעקט,
באַגראָבן צוזאַמען דער צער און די שיף . . .

און ברעכט אויס אַ שטורעם אַמאָל אויפן ים,
און שליידערט אַרויס שטיקער עדות פון ברוך —
פאַרשפּרייט זיך אַ טרויער אין וואונדיקן אויג,
און היים פאַלט אַ טרער אויפן אָפענעם בוך . . .

און אַז אַ שטורעם רייסט אַרויס
פון מיין גאָרטן־וועגן אַ רויז,
זאָג איך נישט קיין שלעכטן וואָרט.
איך בעט נאָר גאָט, אַז ס׳זאָל מיין רויז
בליען אויך אין פרעמדן שויס,
צווישן פרעמדע בלעטער דאָרט . . .

יום־טוב

היינט איז ביי מיר אַ יום־טוב:
ס׳האָט מיך אָנגערופן אימיצערביים נאָמען — י אַ נ ק ל.
האָבן זיך צעשטעלט פאַר מיינע אויגן
יאָרן היימישע פון שטעטל.
יעדער האָט גערופן מיך ביים נאָמען.
ס׳האָט דער טאַטע שטרענג געבליקט: י אַ נ ק ל.
און די מאַמע האָט מיט ציטער
אין די אויגן מיר געקוקט: י אַ נ ק ל.

איך האָב גאָרנישט צו דיר
אין דער פרעמד.
ס׳איז מיר זים דער עלנט
אין די פרעמדע ווייטן;
כ׳קאָן מיר דורכגיין צוואַנציק גאַסן
נישט באַמערקטערהייט,
אָבער ווען עס רופט מיך ווען־ס׳איז
עמיצער ביים נאָמען — י אַ נ ק ל,
שפּרייט זיך אוים עפּעס
אַ העלע ליכט,
און ס׳איז דער טאָג ביי מיר — אַ יום־טוב.

וואָס?

וואָס שפּייזטו מיך נישט,
ווי דו שפּייזט דעם בוים?
ריים איך זיך נישט צום הימל
ווי דער בוים
און בין איך דען נישט ווי די וואָרצלען זיינע
צוגעוואַקסן צו דער ערד?

וואָס-זשע שפּייזטו מיך נישט,
ווי דו שפּייזט דעם בוים?
וואָס פאַררעכנסטו מיך
פאַר אַ חיה —
איך זאָל אומלויפן
מיין שכן צו פאַרצוקן?

ס׳קוקן דאָך די חיות
צו דער ערד אַראָפּ,
און איך?

לאַך ניט

לאַך נישט,
מאַך נישט
קיין שפּאַס —
דו קענסט נאָך, חלילה וחס,
(מיינע שונאים)
פאַרלירן דיין זויערן פּנים . . .

צו וואָס דען אַ ברייטן,
און אָפּענעם שמייכל,
אַ קיבוץ מיט שכל
געזאַנג,
אינעם גאַנג
און אַ ליד
אין געמיט
און פלאַמיקן קאַמף
פאַר גערעכטן און גוטן
צעברויזט אין די בלוטן —
אַז מען קאָן קאַלעמוטנע
און לייכט און גרויסאַרטיק
אַ זיפּץ טאָן: „די וועלט איז פּאַסקודנע"
און פאַרטיק . . .

מיין פוס

מיין פוס האָט דעם טראָטעער דערפּילט,
מיין האַרץ האָט דעם מאָטאָר דערשמעקט,
און ס'האָט מיין געמיט זיך צעשפּילט,
און ס'האָט מיין געבליט זיך דערוועקט.

ס'האָט אויער די פּיסטאָנעס באַטאַפּט —
ווי פוגעס־געזאַנג פון אַ כאָר,
און ס'האָבן צוויי פולסן געקלאַפּט
אין ריטעם: דאָס האַרץ און מאָטאָר.

אין האַנט האָט די קער־ראָד אויפסניי
געקלאַמערט אין טיפן צעברויז,
און ווידער האָט בליק אַזוי פריי
צעשפּאַנט זיך אויף מיילן פאָראויס.

אומעט

יעטוועדנס אומעט
קלאַפּט אין מיין טיר,
יעטוועדנס אומגליק
טרויערט אין מיר.

קומט צו אַ שמחה
שטיי איך ביים שוועל —
פרעמדער, דו, פרעמדער, —
פלאַטערט מיין זעל . . .

מיין געמיט

מיין געמיט איז ווי מיין פידל —
טרעפט, דו גיסט אַ זעץ
מיט עפּעס איבער אים,
הערט זיך אַ געבראַזג
פון שטילן יאָמער,
און אַ שטומער טרויער
לייגט זיך איבער אים
אויף לאַנגע טעג.

די נאַכט

ס'איז פול געוועז די נאַכט
מיט דופטיק זיסע רייד,
און הייסע קושן,
ס'האָבן אָטעמס פייערדיק געברענט,
און גוף האָט זיך באַהעפט מיט גוף
נישט אָפצוטיילן —
אחד.

פאַרטאָג איז ער אַוועק
שלעפן שטיינער פאַר אַ היימיש ווינקל . . .
און זי איז שטיל געלעגן,
און פאַרגאַפט מיטגעשלומערט
מיט די העלע, זיך באַהעפטנדיקע פונקען לעבן —

פ ע ר ז ן

(אויפֿן טויט פֿון חיימען, אַ פֿריינט)

.1

דיין בליק איז פֿול מיט חן און גאַל, —
זילבערט זיך דאָרט חכמה, ווי אין דיינע האָר.
ס׳קוקט אַדורך די וועלט מיט יעדן דורכגעלעבטן יאָר,
מיט יעדן איינגעזאַפּטן קוואַל.

.2

מ׳האָט דיך אָנגעפאַרבט און אָנגעפּודערט ס׳פּנים,
קוקסטו אויס איצט אַזוי פֿריש און שיין ;
אָבער איך, איך ווייס דאָך, ווי דער הונגער
האָט געגריזשעט און צעפרעסן דיין געביין.

גאָלדענע טעג

גאָלדענע טעג פון סוף־זומער,
קלוגע, גאָלדענע טעג;
צייטיק און טיף ווי געיוירענע וויינען,
צייטיק און קלוג
ווי די ערשטע געזילבערטע פעדים
אויף שלייפן.

שטייען זיי רייפע
די גאָלדענע טעג פון סוף־זומער,
שטייען פאַרטראַכט
אין ליכטיקן שווייגן פון ווייזהייט.

לייזעראָוויטשעס טאַטע, ר׳ אליעזר, ז״ל

די גרינע קוזינע

(צו זינגען מיט דער מעלאָדיע פון פאָלקס־ליד „באַיקע")

צו מיר איז געקומען אַ קוזינע,
שיין ווי גאָלד איז זי געווען, די גרינע,
בעקעלעך, ווי רויטינקע מאַראַנצן,
פיסעלעך, וואָס בעטן זיך צום טאַנצן.

הערעלעך, ווי זיידן־וועב, געלאָקטע,
ציינדעלעך, ווי פּערעלעך געטאָקטע,
אויגעלעך, ווי הימל־בלוי אין פרילינג,
ליפּעלעך, ווי קאַרשעלעך אַ צווילינג.

נישט געגאַנגען איז זי, נאָר געשפּרונגען,
נישט גערעדט האָט זי, נאָר געזונגען,
לעבעדיק און פריילעך יעדע מינע —
אָט אַזאַ געווען איז מיין קוזינע!

בין איך מיר אַריין צו מיין „נעקסדאָרקע", —
זי האָט געהאַט אַ „מילינערי־סטאָרקע",
און געפּאַקט אַ „דזשאַב" פאַר מיין קוזינע, —
לעבן זאָל קאָלאָמבוסעס מדינה!

— — — — — — — — — — — — — — —

און אַזוי אַריבער זיינען יאָרן,
פון מיין קוזינע איז אַ תל געוואָרן,
„פּיידעס" האָט זי וואָכנלאַנג געקליבן,
ביז פון איר איז גאָרנישט ניט געבליבן.

ס׳האָבן זיך אַרום די בלויע אויגן
שוואַרצע פּאַסן „אָוועררטיים״ צעצויגן,
און די גרינע בעקעלעך מאַראַנצן,
האָבן זיך שוין אויסגעגעלט אינגאַנצן.

היינט אַז איך באַגעגן מיין קוזינע
און איך פרעג איר: „ס׳מאַכסטו עפּעס, גרינע?״
זיפצט זי אָפּ, און כ׳לייען אין איר מינע:
„ברענען זאָל קאָלאָמבוסעס מדינה!״

(געדרוקט אין „מיללער׳ס וואָכנשריפט״, 1917)

די גרינע

יאָרן־לאַנג, יאָרן־לאַנג,
נייט שוין דאָס מיידל
און טראָגט אַלץ דאָס אַלטע
צעריסענע קליידל . . .

ווייל שלעכט איז די צייט היינט,
מען מאַכט נישט קיין גליקן —
מען מוז נאָך די אָרעמע
קרובים אויך שיקן . . .

צוערשט מוז מען שטיצן
דעם האַלב-בלינדן טאַטן,
און נאָכדעם דעם ברודער,
וואָס גייט אין סאָלדאַטן . . .

און שוועסטערלעך, ברידערלעך,
קלענער און ייִנגער —
מען קאָן דאָך נישט לאָזן
זיי אויסגיין פאַר הונגער . . .

און טרעפט איר אַ „יענקי״,
פאַרקרימט ער די מינע,
און לאַכט איר אין פּנים :
„די גרינע, די גרינע״ ! . . .

(„קונדס״, 1920)

דעם פעדלערס בריוועלע

אַ, טייערע מאַמע, דו פרעגסט מיך וואָס מאַך איך,
דו פרעגסט וואָס איך טו דאָ אין גאָלדענעם לאַנד.
איך קאָן דיר ניט, מאַמעשי, שרייבן קיין ליגן,
און שרייבן דעם אמת, אַ, ציטערט מיין האַנט.

אַ קוישל אין איין האַנט, אַ באַקס אין דער צווייטער,
עס רייסט אָפּ די הענט און עס דרייט אוים די זייט —
איך פּעדל און פּעדל אַרום איבער הייזער,
נישטאָ קיין צו הויך און נישטאָ קיין צו ווייט . . .

אין היצן און קעלטן, אין ווינט און אין רעגן
מען שלעפּט זיך, מען לויפט מיטן לעצט ביסל כוח,
עס שרעקט דיך דער מאָרגן, דער גרוזאַמער מאָרגן,
דער פּחד פאַר הונגער — עס לעכערט דעם מוח . . .

אַך טייערע מאַמע איך זע דאָ דיין פּנים,
וואָס איז פול מיט קנייטשן און איז אַזוי בלאַס,
אַך, מאַמע, אָט זע איך דו לייענסט מיין בריוול —
און ס׳ווערן די אַלטיטשקע אויגן באַלד נאַס . . .

און ס׳שעפּטשען די אַלטע, בלאַס-טרוקענע ליפּן:
עס איז דאָך גאָט׳ס רצון צום גוטן געווען,
געצערטלט, געליבט, אויף די הענט אים געטראָגן,
איצט נעמט אים דאָס לעבן און טרעט מיט די פיס . . .

דעם פעדלערס בריוועלע. מוזיק פון זישע פייגנבוים און י. ל.




1. tzi- tert main hant, Ich Kon dir nit ma- me- shi chrai- bn Kain li- gn, un
2. letst bi- st Koiack, In hi- tsn in Kel- tn, in vint un in re- gn, men
3. lir nit dem mut, der- vail zai ge- zunt dort main tai- e- re ma- me, un
1. Ich Kon dir nit ma- me- shi shrai- bn Kain li- gn, un
2. In hi- tsn in Kel- tn, in vint un in re- gn, men
3. Der- vail zai ge- zant dort main tai- e- re ma- me, un
1 - 2 -
3.
1. shrai- bn dem e- mes, o tzi- tert main hant. 2) Ich
2. shlept zich men loift mi- tn letzt bi- st Koiack. 3) Un
3. lir nit dem mut.
3. hof dort un gloib un far-
1. shrai- bn dem e- mes, o tzi- tert main hant.
2. shlept zich men loift mi- tn letzt bi- st Koiack
3. lir nit dem mut.
3. hof dort un gloib, un far-

זיידענע זעקעלעך

זיידענע זעקעלעך,
זיידענע זעקעלעך,
ס'לויפן די פיסעלעך,
שוועבן ווי גלעקעלעך.

טיף דאָרט אין הערצעלע
צאַפּלען זיך שרעקעלעך: —
ווער האָט באַצאָלט
פאַר די זיידענע זעקעלעך?

זיידענע זעקעלעך,
דורכזיכטיק, לייכטינקע...
ס'קוקן פאַרטרויערטע
אויגעלעך פייכטינקע...

קוקן מיט סודות
פון וועלטן פאַרבאָטענע,
קוקן מיט סודות
פון לעבנס צעטראָטענע...

זיידענע זעקעלעך,
זיידענע זעקעלעך,
ס'בלייכן די ליפּעלעך,
ס'טונקלען די בעקעלעך...

ס'צאַפּלען אין הערצעלע
טרויעריקע שרעקעלעך:
ווער האָט באַצאָלט
פאַר די זיידענע זעקעלעך?

דו פרעגסט מיך וואָס בענק איך

דו פרעגסט מיך וואָס בענק איך—מיין ליבסטע, צי בענקט נישט
אַ פּיצינקע פייגעלע אויך נאָך איר נעסט ? —
געוווען אַזוי ענג אין איר היימעלע דאָרטן,
דאָך ליידט עס און בענקט נאָך דער מאַמעשים קעסט . . .

עס בענקט נאָך די גרינינקעביימעלעך, וועלדער,
ביי שטילינקע וואַסערלעך, קלאָר ווי קרישטאָל ;
עס ווילט זיך אַ הייב טאָן נאָך־וועז איבער בערגער,
אַראָפּלאָזן טיף צווישן שאָטנס פון טאָל . . .

און גלייך מיטן ערשטן העל־גאָלדענעם זונען שטראַל
שעפּטשען די שירה־לויב שטיל דורכן טרוים
און מונטער און פריש זיך צעשפּרייטן די פליגעלעך,
און לאָזן זיך פריי אינעם הימלישן רוים . . .

איך בין שוין דאָ יאָרן, איך בין שוין דאָ יאָרן־לאַנג
צווישן די הויכע, די שטיינערנע ווענט,
איך וואָלט שוין דעם הימל, דעם בלויען און פּורפּורנעם,
כ׳וואָלט שוין די שטראַלנדע זון נישט דערקענט . . .

און קומט אַ פרימאָרגן, און קומט אַ פאַרנאַכט דאָ —
מיין האַרץ ווערט צעריסן אין רוישנדן שאַפּ,
איך וויים, עס גייט אויף הויך אַ זון און פאַרגייט דאָרט, —
ס׳דערציילט די מאַשין מיר, ס׳ציילט אוים יעדער קלאַפּ . . .

איך וויים, דאָרטן באָדן זיך וועלטן פאַר תענוג,
עס פראַלט אין דער לופטן פאַר ליבע און פרייד,
און איך דאָ — איך פינצטער אין שאַפּ צווישן רעדער,
איך בין דאָ אַ רינג אין אַ שרעקלעכער קייט . . .

דו פרעגסט מיך, מיין ליבסטע, וואָס בענק איך, וואָס לייד איך,
וואָס איז מיין געזיכט אַזוי חושכדיק שוואַרץ —
אויב גאָט וויל דיך שטראָפן מיט עפּעס, מיין ליבסטע,
מיט אַלץ זאָל ער שטראָפן דיר, נאָר נישט מיט האַרץ . . .

דאָס אָרעמע קינד

(מוזיק: יעקב דאַווידזאָן)

זומער, זומער אויף דער וועלט,
אַלעם לעבט און אַלעם קוועלט,
הימל טיף און הימל בלוי,
פרישע בלומען, פרישער טוי.

ביימער־צווייגן פול מיט קראַפט
און די בלעטער פול מיט זאַפט.
פרישע צווייגן — פרישער גראָז —
זאָג־זשע קינד מיינס: „זאָג, פאַרוואָס

ביזטו אַזוי שוואַך און בלאַס
און די אויגעלעך דיר נאַס?
און די בעקעלעך אַזוי געל...
קום, קינד מיינס — קום, דערצייל".

שטייט דאָס קינד און ס'טוט אים באַנג
און די בליקן זיינע קראַנק.
און איך לייען אין זיין בליק:
„נישט דערצייל מיר, מענטש פון גליק...

נישט דערצייל פון שיינער זון;
אונדזער הויז נישט ווייסט דערפון.
אונדזער הויז אין קעלער־טיף
האָט פון זונשיין קיין באַגריף.

אוי, ס'איז דאָרטן גרוים די נויט
און עס פעלט אַ שטיקל ברויט...

דאָס אָרעמע קינד. מוזיק פון יעקב דאַווידזאָן



• • •

ווען דער מזרח פֿאַרהילט זיך אין תּכלת
און דער מערב צעצינדט זיך אין פֿלאַמען,
קומט דורך ציט׳ריקע שאָטנס פֿון אָוונט
דאָס פֿאַרטרוימטע געשטאַלט פֿון מיין מאַמען.

זי איז אַלט שוין, דאָס פּנים פֿול קנייטשן,
און די אויגן — שוין אויסגעוויינט, טרוקן,
און דער לאַסט פֿון די לאַנג־שווערע יאָרן
האָט צו דר׳ערד אויסגעבויגן איר רוקן . . .

און די שוואַרצע, די זיידענע לאָקן,
וואָס איך האָב אין דער היים נאָך געלאָזן,
האָט דאָס לעבן פֿאַרביטן אויף גראָע —
ווי אין האַרבסט די פֿאַרוויאַנעטע גראָזן . . .

נאָר דאָס האַרץ אירס — נאָך ברויזט עס און שטורעמט,
מיט ליידנדיקן פֿלאַם פֿון אַ מאַמען,
נאָך איר קינד, וועלכער בלאָנדזשעט אום עלנט
איבער וועלטן און לענדער און ימען.

ווער?

ווער וועט אייך דערמאָנען, ברידער,
ברידער עלנטע, פאַרלאָזטע,
אויף די פעלדער ווייט-צעשפרייטע,
אויף די וועגן ווילד-פאַרוויִיטע? . . .

ווער וועט טראָגן אייער נאָמען
אויף די בלוטיק-הייסע ליפּן?
אייער זכר, אייער שוואַרצן
ווער וועט טראָגן טיף אין האַרצן? . . .

ס'האָט דער שונא אַלץ צעשטערט דאָרט,
אַלץ צעשטערט דאָרט און פאַרניכטעט,
נישט געבליבן ווער ס'זאָל קלאָגן,
ווער נאָך אייך זאָל קדיש זאָגן . . .

קינד אין וויגל, גרויע, אַלטע,
שוועסטער — האַרציק-שטילע טויבן —
אַלעס, אַלעס דאָרט פאַרלאָרן
דורך די שטומע נעכט פון צאָרן . . .

ווער וועט אייך דערמאָנען, ברידער,
ברידער עלנטע, פאַרלאָזטע?
אייער זכר, אייער שוואַרצן,
ווער וועט טראָגן טיף אין האַרצן? . . .

(„דאָס יידישע פאָלק", 1920)

נייע ברעגן

נייע ברעגן, נייע הימלען,
פרעמדע הימלען, פרעמדע ברעגן —
ווייטע בערגער, ווייטע וועלדער,
טויזנט פעלדער, טויזנט וועגן . . .

און דו קערסט צוריק דעם פנים
צו די ווייט-פארפלייצטע ימען,
וועלכע ברעגגען דורכן נעפל
טויזנט וועלטן דיר צוזאמען . . .

און דו בענקסט — בענקסט נאך די אלטע
לאנג-פארלאזטע הימלען, שטערן,
און עס ווילט זיך יענע ליבע
היימאטס-לידער ווידער הערן . . .

נאר די שווערע, בייזע קללה
איז אין הארץ דאך טיף פארבליבן
צו די יענע שלעכטע ברעגן,
וועלכע האבן דיך פארטריבן . . .

אין דרויסן

אין דרויסן איז ליכטיק,
אין דרויסן איז שיין,
פֿאַר מיר איז דאָך פֿינצטער,
פֿאַר מיר נאָר אַליין.

מיין הויז איז אין קעלער,
די פֿענצטער — אין דר'ערד,
עס איז מיר קיין ליכטיקער
שטראַל ניט באַשערט.

די זון וואַרעמט ליבלעך,
די זון שיינט מיט פּראַכט.
אין קעלער ביי אונדז
הערשט אַן אייביקע נאַכט.

וואָס טויג מיר די שמחה,
וואָס האָב איך דערפֿון?
מיך פֿרייט נישט דער פֿרילינג,
מיך גלעט נישט די זון.

אַרבעט

אַרבעט שנעל, אַרבעט שנעל,
רו נישט אָפּ אויף קיין מינוט,
ס׳שאַפּט אַ וועלט יעדע האַנט,
ס׳ברענגט-איין גאָלד יעדער טראָט.

יעדער הייב פון דיין ברוסט,
בויט אַ שטאָט, ווערט אַ גאַס . . .
אַרבעט שנעל, נישט גערוט,
נישט געקוקט וואָס דו ביזט בלאַס . . .

נישט געזאָרגט שוין וואָס שוין גרוי
פאַר דער צייט איז דער קאָפּ,
און דער רוקן צו דר׳ערד
שוין געבויגן אַראָפּ . . .

און די אויגן — אַ שרעק!
אַזוי יונג — און אין גלאַנץ
וועבט דער טויט שוין זיין נעץ,
פירט דער טויט שוין זיין טאַנץ . . .

בייג דעם קאָפּ אין מאַשין
און נישט קוק אויף צוריק,
וואָס ס׳איז דורך און אַוועק —
און נישט זוך דאָרט דיין גליק . . .

ביזט אַ ראָד אין מאַשין,
פאַר אַ שרויף דיך געמאַכט,
וועלכע דרייט זיך און גייט,
נישט באַקלערט, נישט באַטראַכט . . .

אַרבעט שנעל, אַרבעט שנעל,
קיין מינוט נישט פאַרפעל —
דאַרפסט דאָך זאָרגן פאַר אַלץ,
דאַרפסט דאָך בויען אַ וועלט! . . .

מיין אָרעמע היים

איר פרעגט וואָס עס האָט אין מיין האַרצן דעם טרויער געוואָרצלט,
וואָס ס'האָט מיינע אויגן אין אייביקן אומעט געטוליעט —
מיין היים דאָרט, מיין היים אינעם שמוציקן ווינקל פון גרויסשטאָט,
דאָס אָרעמע הייזל, וואו ס'האָט זיך מיין וויגל געליוליעט . . .

דורך העל-מידע טעג, ווען די וועלט האָט מיט לעבן געשטורעמט,
און שטראַליקער גליק האָט געפינקלט פון טויזנטער אויגן,
און זונשיין האָט געשפיגלט אין פענצטער און טירן,
און אַלץ האָט מיט ברויזיקן לעבן מיט אימפעט געצויגן —

איז אונדזער פאַרחושכטע היים אין איר ווינקל געשטאַנען,
פאַרזונקען אין דריקנדער שטילקייט, פאַרצערט און פאַרטרויערט,
די פענצטער אין דר'ערד איינגעגראָבן, די וועגט טיף אין שוואַרצן,
ווי עפּעס אַ שרעקנדער סוד וואָלט אויף זיי פון די ווינקלען געלויערט.

און ווען ס'פלעגט די וועלט שוין אַ מידע, פאַרשיכורטע פון שטורעם,
אין בלויע און רואיקע נעכט זיך אָן אָפּרו געפינען,
און אַלץ פלעגט דורך שעפּטשענדיקער תפילה אַ לויב-געזאַנג זאָגן
און בענטשן די רואיקע נאַכט ביזן העלן באַגינען —

פלעגט ווייט אונדזער הייזל דאָן שטערן די נאַכטיקע שטילקייט —
צעטראָגן אַ קול אַ פאַרשטיקטן דורך רואיקע וועלטן —
דאָס פלעגט פונעם ווינקל דער קראַנקער דאָן ברעכן די פינגער.
דאָס פלעגט פונעם ווינקל דער טאַטע דאָן קרעכצן און שעלטן . . .

עס פֿלעגן די געל־בלאַסע קינדער דערשראָקן זיך טוליען
און אָפּזיצן נאַקעט, די קעפּלעך צו דר'ערד צוגעבויגן,
ביז דורכשלייכן פֿלעגט אונדזער הייזל דער קילער באַגינען
און שטיל אונדז פֿאַרמאַכן די מידע און טרעריקע אויגן . . .

איר פֿרעגט, וואָס עס האָט אין מיין האַרצן דער טרויער געוואָרצלט,
וואָס ס'האָט מיינע אויגן אין אייביקן אומעט געטוליעט —
מיין היים דאָרט, מיין היים אינעם שמוציקן ווינקל פֿון גרויסשטאָט,
דאָס אָרעמע הייזל, וואו ס'האָט זיך מיין וויגל געליוליעט . . .

טרייסט

טרייסט

אויף די וועגן פון די חורבות
וועל איך גיין
און צום האַרצן וועל איך דריקן
יעדן שטיין

און וועל גלעטן יעדן ציגל
אויפן שטעג
און וועל קושן יעדער זעמדל
אויפן וועג.

און וועל זינגען:
זייט געטרייסט פון אייער לייד!
ס'וועט דער האַר
אייך ווידער אויפלעבן מיט פרייד!

צינד אָן דיין ליכט

צינד אָן דיין ליכט, מיין אָרעם פאָלק,
דורך נאַכט און ווינט, דורך וואַלד און שרעק,
וואו ס׳וואַנדערט איצט אין וויסטן וועג
דיין מידער דור . . .

צינד אָן דיין ליכט, גלייך אוים דיין גוף —
און האָסטו נאָך אַ טראָפּן בלוט,
און טליעט נאָך אַ פונק פון גלוט
אין קראַנקן האַרץ, —

און טריפט פון אויג נאָך־וועז אַ טרער,
און רייסט פון האַרץ זיך נאָך אַ קרעכץ
און שעלט די וועלט, שעלט דאָס שלעכטס
מיט בייזער גאַל, —

הייב אויף די הענט, די בלייכע הענט,
די ביינערע און מידע הענט
צו די פאַרוויסטע חורבות־ווענט
פון דיין געצעלט ;

צו די פאַרפלייצטע טייכן בלוט,
וואָס פאַרבן רויט דיין שווערן וועג
דורך נאַכט און ווינט, דורך וואַלד און שרעק —
הייב הויף די הענט.

פאַרוואָס?

פאַרוואָס האָסטו, גאָט, אַזאַ האַרץ מיר געגעבן,
פאַרוואָס האָסטו שטורמיש אַזוי מיך באַשאַפן?
און האָסטו געוואָלט, איך זאָל וואַקסן אַ קעמפער,
פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געגעבן קיין וואפן?

און פלאַמט אויף דאָס האַרץ מיט הייליקן פייער —
צעבלוטן די חורבות זיך דאָרט אין מיין האַרצן,
און שפריצט אויס אַ הייליקער פונק פון מיין אויג ווען —
פאַרזינקט ער אין עלנט, אין אָפּגרונט אין שוואַרצן.

און קורץ אין מיין האַנט איך זאָל קענען צעצינדן
די הייליקע פלאַמען פון גאָט, פון געוויסן —
מיין בליק אָבער רייסט זיך אַהין, צו די הימלען,
מיין האַרץ אָבער שטורעמט און וויל גאָר נישט וויסן...

פאַרוואָס האָסטו, גאָט, אַזאַ האַרץ מיר געגעבן,
פאַרוואָס האָסטו שטורמיש אַזוי מיך באַשאַפן?
און האָסטו געוואָלט, איך זאָל וואַקסן אַ קעמפער,
פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געגעבן קיין וואפן?

יזכור

איך האָב קיין תּפילה מער נישט אין מיין לשון —
עס האָט דער שונא אויסגעטריקנט מיין געוויין —
און „יזכור" צו די ליבע האָט זיך אויסגעלאָשן
אינעם האַס צו פיינט, וואָס ברענט אין מיין געביין.

און איבער ברידער-קברים אין דער לענג און ברייט
וועל איך נישט שיטן אַש אויף גרויע האָר —
איך וועל מיין שבועה איבערחזרן: „זיי גרייט
נקמה נעמען פאַר דיין אומגעבראַכטן דור".

פאַרלאָז איך היים און ווייב, און קינד אין וויג,
און בלינדן ביידן אויפן שוועל פון צעלט,
און גיי צעצינדן בראַנדיקער דעם קריג
און אויפרייסן אַוואו אַ שונא אויף דער וועלט.

יזכור — אינעם בלאַנקן שאַרף פון באַיאָנעט,
יזכור — אינעם רעווען פון קאַנאָן — — —
פאַר די וויסטע דערפער און די שטעט,
פאַר מיין חרוב פאָלק און פאַר מיין פאָן!

1915
לא תרצח

עס פלאַקערט דער מזרח, עס ציטערט דער מערב,
עס וויקלען זיך דרום און צפון אין פלאַמען,
עס נייגן זיך וועלטן און ס׳עפענען זיך תהומען,
און ס׳מישן זיך הימל און ערד אוים צוזאַמען . . .

עס טרייסלען זיך טאָלן, עס רייסן זיך בערגער
און ס׳צינדט זיך אין לופטן דאָס וואָרט פונעם בורא:
„לא תרצח!״ — און ס׳שטייען די ווילדע פאַרדבקהט
און נעמען מיט הייליקער ליבע די תורה . . .

ס׳שפרייטן זיך שוואַרצע, פאַרוואַקסענע אָרעמס,
ס׳צאַפלען זיך הערצער פון פינצטערע שקלאַפן:
„לא תרצח, לא תרצח, באַרויב נישט קיין לעבן,
ניט בוי זיך קיין טורעמס, נישט פוץ זיך אין וואָפן!״ . . .

עס צינדן זיך אויגן מיט געטלעכן פייער,
עס פילן זיך הערצער מיט הייליקן שטרעבן:
„לא תרצח, פאַרגיס, מענטש, קיין בלוט נישט,
לא תרצח, לא תרצח, באַרויב נישט קיין לעבן!״ . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

עס טרייסלען זיך טאָלן, עס רייסן זיך בערגער,
און ס׳זעצן האַרמאַטן און קראַכן און קנאַלן
מיט טייוולשן אימפעט, מיט ביטערן צאָרן,
און ס׳צינדן זיך וועלטן און פאַלן, און פאַלן.

און ס׳ברעכט זיך און ברעכט זיך דאָס אַלעס וואָס ס׳האָבן
די קלוגע געבויט דורך טויזנטער יאָרן — —
און ס׳נייגן זיך וועלטן, און ס׳עפּענען זיך תהומען
און אַלץ ווערט אויף אייביק פאַרלאָרן . . .

די ברידער, די ברידער — זיי שעכטן זיך איצטער,
די קלוגע, די גוטע, וואָס פלעגן מיט שמייכל
די הענט אַזוי וואַרעם זיך דריקן און קושן —
זיי האָבן פאַרבלוטיקט דעם הייליקן היכל . . .

זיי האָבן פאַרלאָשן דעם הייליקן פייער,
וואָס האָט אין די הערצער געטליעט פון יאָרן,
און האָבן צעצונדן אַ פלאַם פון גיהנום,
מיט טייוולשן אימפּעט, מיט ביטערן צאָרן . . .

און ס׳רייסן זיך קללות און ס׳טראָגט זיך אַ שעלטן
פון טויזנטער לעבנס, וואָס פאַלן און שטאַרבן — — —
און ס׳וואַלגערט די ערד זיך אַ בלוטיק־פאַרפלעקטע,
פאַרשיכורט אין טרונק פונעם בלוטיקן שאַרבן . . .

זומער, 1915

און ס׳גרינט נאָך ?!
— נישט אַנדערש, אַז גאָט האָט געמאַכט מיט דעם שטן יד אחת,
צו פּלאָגן אונדז, פּייניקן טויזנטער דורות...
— „דו שטן, צעשטער אַלץ!״ — האָט גאָטס קאַלטע שטימע
געמוזט אין אַ טריבן פֿאַרנאַכט אַמאָל דונערן,
און ס׳האָט זיך דער כסא הכבוד פֿאַרטוליעט
אין שוואַרצן פֿאַרגליווערטן פֿליגל פֿון שטן,
און ס׳האָט זיך דער טייוול צעקושט מיט דער שכינה
אין יענעם פֿאַרנאַכט,
און דעם אָפּמאַך געשלאָסן...

און ס׳גרינט נאָך!...
און ס׳זיינען די הימלען נישט האַרט נאָך ווי אייזן,
די פֿעלדער ווי קופּער!...
און ס׳שעמט זיך די זון נישט צו וואַרעמען ווידער
און וועקן אין טויזנטער הערצער אַ בענקשאַפֿט,
אַ בענקשאַפֿט נאָך הימלען,
אַ בענקשאַפֿט נאָך ליבע!...

און —
גאָט קאָן דיין פֿייער נישט וואַרעמען שוין,
קאָן דיין שכינה נישט לייכטן און הערשן אַליין מער —
גיב איבער דעם שטן די שליטה אין גאַנצן
און זאָל פֿון צווישן פֿאַרחושכטע הימלען
קיין קוויקנדיקער רעגן אויף אונדז מער ניט טריפֿן,
דורך פֿינצטערע נעכט, פֿול מיט דריקנדיקן טרויער —
קיין טוי־פּערל פֿינקלען,
און איבער די פֿעלדער, פֿאַרבלוטיקטע פֿעלדער,
צעאַקערט מיט ביינער פֿון צאַרט־יונגע קינדער,
געמיסטיקט מיט מוחות, צעטראָטענע מוחות —
קיין פֿרילינג־רויז ניט בליען!...

ראש השנה, תרע״ו

וואוהין זאָל איך שיקן מיין איינציקע ברכה,
וואוהין און צו וועמען?
ווער וועט מיט אַ צאַפּלנדיק האַרץ זי באַגעגענען,
ווער וועט זי פֿאַרנעמען?

צעשטערט איז דאָס הויז פֿון מיין מאַמען, פֿאַרניכטעט,
אַ חורבה געבליבן,
און זי, ווי, די גרויע, צעבראָכענע זקנה
פֿאַרטריבן, פֿאַרטריבן . . .

און וואו זיינען איצט מיינע אָרעמע ברידער
דורך נאַכט און דורך צאָרן?
ווער ווייסט צי זיי זיינען צו קבר ישראל
געבראַכט כאָטש געוואָרן . . .

און ס׳ברענען די הימלען, די ווייט־ווייטע הימלען,
די בלויע, די שטילע,
וואוהין איך פֿלעג שיקן מיט קינדערשן אומשולד,
מיין האַרציקע תפֿילה . . .

וואוהין זאָל איך שיקן מיין איינציקע ברכה,
וואוהין און צו וועמען?
וואו וועט זי אַ רו אויף די חורבות געפֿינען,
ווער וועט זי פֿאַרנעמען?

1915

צום נייעם יאָר

1

לשנה טובה — תרע"ה.
טראָג זיך, מיין ברכה, דורך פעלדער און וועלדער,
גיב איבער מיין וואונטש מיינע האַרציקע, ליבע,
וואָס וואַקלען זיך דאָרטן אין בלוטיקע ימען
און גוססן עלנט אין אָוונטן טריבע . . .

גערים מיינע ברידער — דו וועסט זיי דערקענען —
זיי שטייען צעשפּרייט דאָרט אויף טויזנטער וועגן,
וואו ס'קראַכן האַרמאַטן אין וועלטן פאַרזונקען
און ס'שפּיגלט דער טויט זיך אין טויזנטער אויגן . . .

שניידט דורך זיך דורך וואָלקנס פון רויך און פון פייער;
אַוועק צו די גריבער, די פינצטערע, קאַלטע,
וואו ס'ליגן באַהאַלטן די טאַטעס, די מאַמעס,
די שוואַכע, צעבראָכענע שאַרבנס, די אַלטע . . .

וואָס ליגן באַהאַלטן פון העלישן פייער —
גערים זיי און זאָל זיי מיין וואונטש מאַכן לינדער —
וואָס וויינען אין פינצטערניש אויס דאָרט די אויגן
נאָך זייערע ליבע און טייערע קינדער . . .

גערים די אלמנות, גערים די יתומים —
דו וועסט זיי דערקענען אין אויסזען אין בלאַסן —
וואָס וואַקלען זיך דאָרטן אין ווינט און אין רעגן,
אין פינצטערע גריבער, אין שמוציקע גאַסן . . .

וואָס קייקלען זיך דאָרטן אין קראַמפּן פאַר הונגער,
אין שרעק פאַרן מאָרגן, דעם ביטערן, שוואַרצן —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָ, טראָג זיך, מיין איינזאַם־פאַריתומטע ברכה
גערים ביז בלוטיקן ווי פון מיין האַרצן . . .

ניו־יאָרק, ערב ראש השנה, תרע"ה

2

קום, אָ, נביא, קום דערצייל אונדז
וואָס דערוואַרט אין נאָענטער צוקונפט,
וואָס עס ברענגט דאָס נייע יאָר אונדז —
קום, אָ, נביא, קום אַנטפּלעק אונדז!

און אויב גלות, ווי געוועזן,
און דער יאָך, דער אַלטער, שווערער,
וואָס האָט זיך מיט זיינע נעגל
איינגעגעסן אונדז אין לייב שוין
און פאַרסמט אונדז אונדזער ביסן
און פאַרשוואַרצט אונדז אונדזער הימל —
אַלעס, אַלעס ווי געוועזן, —
טראָג אַוועק, גאָט, אונדזער קללה,
זאָג אים: ער האָט זיך פאַרשלאָסן
אין די הימלען, זיך באַהאַלטן
און ס׳דערגייען נישט די טרערן
און ס׳דערגרייכן נישט די זיפצן
פון זיין אָרעם פאָלק ישראל!...

טראָג אַוועק, גאָט, אונדזער קללה,
זאָג אים: ס׳איז די מאָס אַריבער,
די נקמה איז צו גרויזאַם,
ס׳שטראָמט דאָס בלוט איבערן קאָפּ אונדז
און מיר ווערן נישט דערטרונקען,
ס׳שעכט דער שונא יעדן טאָג אונדז
און דערשעכט נישט!...

זאָג אים: ס'איז די מאָס אַריבער,
ס'קלייבן כמאַרעס זיך פון טרערן,
כמאַרעס גרויזאַמע און שוואַרצע,
וועלכע וועלן אָן רחמנות
אַלע זיבן הימלען שפּאַלטן
און צעררייסן זיי אויף שטיקער
און צעשפּרייטן פאַרן ווינט זיי . . .
און עס וועט דאַן אונדזער זיפצן,
אונדזער ביטער האַרץ און יאוש
דורכרייסן זיך גליין אַהין,
אַהין צו גאָט, וואו ער באַהאַלט זיך
און צעשמעטערן זיין היכל
און מיט גאַל זיין טראָן פאַרניכטן ! . . .

1914

ראָש השנה מאָטיוו

די ווינטעלעך בלאָזן,
די ווינטעלעך קלאָגן —
ווי עפּעס אַ שטימע
וואָלט שעפּטשען און זאָגן:

דער זומער דער שיינער,
דער ליבער,
ער איז שוין פֿאַרגאַנגען,
ער איז שוין אַריבער . . .

בלויז קעלטן און שנייען,
און ווינטן און רעגן —
זיי וועלן פֿאַרנעמען
די שטעגן און וועגן . . .

עס וועט איצט דער זומער
אַ חשבון אָפּגעבן
פֿאַר צופֿיל „געשטיפּעכץ"
און זומערדיק לעבן . . .

נאָך יום־כיפור

די זון פֿאַרגייט,
דער טאָג פֿאַרשווינדט,
עס בלאָזט און ווייט
אַ קילער ווינט.

די לעצטע שיין האָט זיך צעשטראַלט
אויף שפּיצן בערג, אויף שפּיצן וואַלד . . .
דער הימל פֿאַרבט זיך ראָז און בלוי,
און קוקט אוים ריין און קלאָר אַזוי . . .

די אַלע זינד
פֿון מענטשן־קינד
האָט ווייט פֿאַריאָגט
דער קילער ווינט . . .

און אַלץ שפּאַצירט
מיט גרינגע טריט —
און ס׳טאַנצט אין האַרץ
אַ לייכט געמיט . . .

משהס קללה

אַ פינצטערער וואָלקן באַדעקט האָט זיין פּנים,
די אויגן זיי האָבן מיט פייער געשאָסן,
צעשמעטערטע זיינען די לוחות געפלויגן
און ס׳האָבן די הענט אויפן האַרץ זיך געשלאָסן . . .

— אַן עגל! — האָט מעכטיק זיין שטימע געדונערט,
— אַך, קנעכט פון מצרים, איר אייביקע שקלאַפן,
פאַרשטויסן האָט איר אייער גאָט פון די הימלען
און האָט זיך אַ גאָלדענעם אָפּגאָט באַשאַפן . . .

פאַרשטויסן האָט איר אייער גאָט פון די הימלען,
וואָס לערנט אייך שטאָלץ זיין, וואָס וויל אייך באַפרייען,
איר ליגט דאָ און קושט דאָ דעם שטויב פון אַן עגל
און פאַלט צו די פיס אים און בייגט זיך אין דרייען! . . .

דערפאַר קומט אַ מדבר, אַ פינצטערער מדבר —
זיך שלעפּן וועט איר דורך דער וויסטקייט דערשלאָגן,
און וואו איר וועט וואַנדערן — דאָרטן ניט רוען,
וואו איר וועט נעכטיקן — דאָרטן ניט טאָגן . .

בריען וועלן אייך איי׳רע טריט אין די זאמדן,
דער רוקן אין לעבן געשפּאַנט און געבויגן;
איר וועט פון פינצטערניש רייסן צו גאָט זיך,
און איר וועט צום הימל דאַן הייבן די אויגן . . .

נאָר שטום וועט דער גאָלדענער אָפּגאָט אייך האַלטן
ביי זיך אין די שאַרפע, די גאָלדענע נעגל.
פאַרקלעמט וועט איר בענקען נאָך הימלען, נאָך שטערן,
און ליגן וועט איר ביי די פיס פונעם עגל! . . .

מתן תורה

(נאָכן מדרש)

— וואָס איז? דאָס פֿאָלק זיך בונטעווועט
אַנטקעגן וואָרט פֿון בורא,
און וויל מיט גוטן ווילן נישט
מקבל זיין די תורה?! —

האָט גאָט דורך אַלע וועלטן דאַן
אַ רוף געטאָן פֿאַרביטערט,
אַז ס׳האָט דער הימל און די ערד
און אַלץ אַרום געציטערט...

— וועל איך זיי ווייזן וואָס עס הייסט
אַ בונט אַנטקעגן בורא —
אויב נישט פֿאַר ליבע וועלן זיי
שוין פֿאָלגן איצט פֿאַר מורא...

און גאָט האָט באַלד אַ הייב געטאָן
פֿאַרביטערט און פֿאַרצאָרנט
דאָס בערגל סיני אין דער לופֿט,
און ס׳האָט זיין שטים געוואָרנט:

— איר נעמט די תורה באַלד — איז גוט,
און כ׳זאָלב אייך פֿאַר מיין כלה... —
אויב נישט — אָט לאָז איך אָפּ דעם באַרג
און איך באַגראָב אייך אַלע!...

דערזעען דאָס די יידעלעך,
אַז ס'שפּאַסט נישט דער כביכול,
און הייבן אָן צו ציטערן:
— אָ, גאָטעניו, זײַ מוחל!

מיר לעכצן דאָך נאָך דײַן געבאָט,
נו, גיב די תורה, גיב שוין! . . .

— — — — — — — — — — — — — —

און ס'האָט כביכול דאַן געטראַכט:
„אַ גוטע זאַך קאָנסקריפּשאָן! . . .״

קליינע פעליעטאָנען

צי דערקענסטו

צי דערקענסטו ניט, גאָט, וואָס אַליין האָסט באַשאַפן
אין עפּעס אַ טריבע, אַ נאַרישע שעה,
מיך, אָרעמען מענטשן, און האָסט מיך געלאָזן
אַליין אויף דער ערד, וואו ס'איז גאָט מער נישטאָ . . .

און האָסט מיך געגליכן צו דיינע מלאכים,
וואָס לעבן מיט דיר דאָרט, אין הימלס געצעלט,
און מיר האָסטו געהייסן לעבן גיין זוכן
און זיין נע ונד אויף דער פינצטערער וועלט . . .

און האָסט זיך געשוואָרן: „מיך, מעכטיקן הערשער,
זאָל קיינער אין לעבן נישט זען איך שווער".
און ווילסט איך זאָל קניען פאַר דיר, פאַר דיין גרויסקייט —
אָ, גאָט, צי דערקענסטו אַליין מיך ניט מער! . . .

סקאַטסבאָראָ

מיר וועלן זיי ניט שווייגן,
אָט־די סקאַטסבאָראָ באַנדיטן!
ס'וועט אונדזער גרויסע נאַציע
נישט דערלאָזן
דאָ, אינמיטן
פון ציוויליזאַציע
איבערפירן די מאָראַל
פון אומשולדיקע ווייסע קינדער — —
העי,
ריכטער אונדזערע, געשווינדער!
מאַכט עס איינס און צוויי —
מיר קענען מער נישט שווייגן!
אַהער די נעגער, ניין פאַרדאַמטע,
ס'שטייען דאָך די שייטערס שוין צעפלאַמטע,
שטריק פאַרוואָרפן שוין אויף צווייגן.
ס'שפרייט זיך שוין דער זיסער טעם פון טויט
און ס'בייסט שוין יעדערן פון אונדז די הויט
אויף די לאַדאָניעס —
צו וואָס־זשע אָט־די אַלע צערעמאָניעס
מיט די ריכטער און געריכטן,
מיר ווייסן אַלע גוט די פליכטן: —
ניין צעפלאַמטע פלאַקערן
וועלן האָפערדיק און קנאַקנדיק צעאַקערן
ניין פאַרפלוכטע שוואַרצע לייבער,
און די טאַטעס,
און די מאַמעס זייערע,
און די קינדער און די ווייבער
און די היימען און די בינטלעך שמאַטעס —
אַלץ אויף אַש און פאָרך און חורבות!
מיר וועלן ווייזן זיי, וואָס מיינט באַליידיקן
צוויי ווייסע . . . קורוועס!

טראָג אויס, מאַמע...

(דאָס געזעץ פאַרבאָט אַבאָרטן)

ווער וואַגט עס צו הייבן אַ האַנט קעגן לעבן,
אַ מעשה־בראשית, וואָס האַלט זיך אין וועבן,
אַ צייכן אין שאָטן, אַ פינטל אין זאָמען ? —
פאַרבאָטן, פאַרווערט האָט זיין הייליקער נאָמען.

אַז ס'לויערט אויף עופעלע אומגליק און טרויער —
נישט וויין, מאַמע, וויין נישט, דיין צער נישט באַדויער !
אָן הענט און אָן פיס — מיט אַ ביסל עקשנות,
וועט וועלט אים באַלוינען מיט קרעכץ און רחמנות,
באַלוינען מיט שמייכל צום פנים פאַרדעקטן,
מיט פרוטות אין ליידיקן אַרבל אַנטפּלעקטן.

— — — — — — — — — — — — — — —

טראָג אויס, מאַמע, טראָג אויס — אַ קרומען, אַ לאָמען,
אַבי נישט פאַרשוועכן זיין הייליקן נאָמען ! ...

נישט גוט געקערט

אין קליוולאַנד האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה דעם 78־יאָריקן אַרבעטלאָזן אַנטאָני ברוניטס מיט זיין אַלטיטשקער. אַנטאָני האָט 25 יאָר געקערט די גאַסן אין קליוולאַנד.

נישט גוט געקערט,
מיין ליבינקער אַטאָני!
דו האָסט נישט אויסגערייניקט גוט די שטאָט,
וואו דו׳סט געוואוינט
און וועלכע האָט דיך איצט באַלוינט
מיט אַ „דיספּאָזעס״־מתנה . . .

עך, ברודערל אַנטאָני!
האָסט פינף און צוואַנציק יאָר געקערט,
געקליבן אומשולדיקע שטיקעלעך פּאַפּיר פון דר׳ערד,
געוואַשן טראָטוארן,
עוועניוס און סקווערן
מיטן שווייס פון שטערן,
די קאַנאַוועס דאָרט גערייניקט און געגראָבן,
נישט דערלאָזט עס זאָלן ווערן
נעסטן
פון אינסעקטן, פליגעלעך, מיקראָבן —
און דו האָסט פאַרזען, ווי ס׳האָבן
גאַנצע פעסטן
שטשורעס, פּאַראַזיטן
זיך אַריינגעכאַפּט
אין סאַמע מיטן
פון דיין לייב און לעבן — — —

פינף און צוואַנציק לאַנגע יאָרן נאָכאַנאַנד
אַ בעזים אין דער האַנט —
פאַרוואָס האָסטו נישט,
חבר ליכטיקער,
אַ קער געטאָן אין שטאָט
דעם ריכטיקן,
דעם עכטן שמוץ — — —
ס'וואָלט איצט געווען דיין לאַנד
דיין היים,
דיין האָב-און-גוטס
דאָס אַלץ אַרום,
אַוואו מ'וואַרפט זיך איצט מיט דיין געביין
אַזוי געמיין
אַרום . . . — — —

און איצט איז דיר באַשערט — — —

עד, אַנטאָני ברודערל,
נישט גוט געקערט ! . . .

„ס'איז מיר גוט, איך בין אַ יתום"...

אַלע סאָרטן שטאָט־טאַטעס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די „סלאַמס" מיט זיסע ריידעלעך און פאַרשפּרעכנס.
(פון די צייטונגען)

„ס'איז מיר גוט, איך בין אַ יתום"
און איך לעב אין אַ פאַרדאַמטן „סלאַם",
ווי כ'וואָלט געווען אַ „באָם"...
רייסן אַלע זיך אַ פאַלע
פאַר מיין דאָליע —
דעלעגאַציעס איבער דעלעגאַציעס
מיט די זיסטע דעקלאַראַציעס...
ס'האָט זיך איינס און צוויי
אַראָפּגעלאָזט צו מיר דאָס גאַנצע „פּני"
פון שטעטל,
מיט אַ צעטל
ברכות און הבטחות...
ס'קערט זיך וועלטן!
זעלטן פריער
האָט מען אָנגעקוקט דאָ
אָט־די צורות...
מ'קריכט אויף טרעפּ,
מ'טאַפּטשעט זיך אויף דעכער,
מ'ציילט די שטשורעס
אין די לעכער,
מ'טאַפּט די קראַנען,
צי ס'איז נאָך פאַראַנען
ערגעץ־וואו אַ טראָפּן וואַסער
כאָטש אויף אַ רפואה
(חוץ אויף ווענט און דילן),

מ׳הערט זיך אונטער, צי די גרילן
שטערן נישט, חלילה,
מיר די „רוע״
אין דעם סדום
פון „סלאָם״ . . .
און מ׳גראַבלט אינעם וויסטן, קאַלטן אויוון,
אונטן, אויבן,
צי עס בראָטן זיך דאָרט גוט די טויבן . . .
אַך, ווי ס׳טוט זיך עס אַביסל
מיט מיין וואוילזיין, מיט מיין
חשיבות — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
שטיי איך מיר אַזוי אין מיין עניוות
און באַטראַכט די גרילצנדיקע קאַרניוואַלן,
און עס קערן מיר זיך איבער טויזנט גאַלן
פון די שווינדלער, פאַלשע צוזאָגער און דרייען — — —
יאָ, ס׳איז וואַלן
פאַר אַ מעיאָר . . .

„פריוואַטע לוויה"

(חבר ווינטשעווסקים קינדער
און קרובים געווידמעט)

שלאָף רואיק איצט,
פאָטער,
שלאָף רואיק אַצינדערט —
עס זיינען די קינדער
שוין פטור
געוואָרן
פון לינקן געברויז
אין דעם „לייטישן" הויז — — —
איצט שטייען בלויז מיר
ביי דיין ארון —
געשלאָסן די טיר
פאַר די צענדליקער יאָרן
און טויזנטער זין
פון דיין צער און דיין צאָרן — — —
גענוג זיי געגעבן
ביים לעבן —
גענוג מיט דיין גייסט
און דיין וואָרט
אונדז געשניטן: —
אינמיטן
פון רואיקע,
שטילע געמיטער,
צופרידענע, זאַטע —
אַ טאַטע
אַ ריטער,
אַ צאָרנער,
אַ מאַנער,
אַ קעמפער אָן שרעק און אָן ציטער — — —
שלאָף רואיק אַצינדערט,
און לאָז רואיק שלאָפן
אויך אונדז, דיינע קינדער . . .

„פרייד פון אונדזער אַרבעט"

עי, דו פּרעסל מיינס,
ריים נישט אָפּ אַזוי די הענט!
זיי שלעפן זיך אַזוי שוין אויך ווי שטיינער — — —
זע נאָר ווי עס ברענט —
איך שוויץ דאָך אוים
די קליאַק פון מיינע ביינער,
כ'קאָן קוים איינשטיין —
הער אויף, ברודערל,
דו קאָנסט מיר נישט
פאַררעדן מער די ציינער —
אַלבערט איינשטיין,
„אונדזער גרעסטער",
אונדזער בעסטער
שטערן-מעסטער,
האָט אַליין געזאָגט —
ער האָט געזען
די פרייד פון אונדזער אַרבעט! . . .
אונדזער פרייד —
פאַרשטייסט?
מיר דאַרפן פרעסן אָט דאָס גרייט
מיט פרייד!
דו מאַך זיך נישט קיין וויץ!

מער שפּיי איך שוין נישט אויס די לונגען
פון דיין היץ
מיט טעמפּער כראַקעריי
און וויסטן קלאַנג — — —
— נאָר געזונגען ! . . .
יעדער שפּיי —
געזאַנג . . .
יעדער הוסט
און כריפּ אין ברוסט —
לוסט . . .
און גענוג די קלאָג-ווערטער
און פּוסטע רייד — — —
— פרייד ! . . .

צוויי יידישע טאַנקען

צום פלאַמיקן שלאַכטפעלד, פאַרטאַיעט אין שאָטן,
עס האָבן צוויי יידישע טאַנקען געטראָטן,
צוויי טאַנקען, וואָס האָבן געוועקט דרך־ארץ —
„שלום־עליכם" און „פרץ".

זאָגט „שלום־עליכם", און בייגט זיך אַריבער —
— „ווען איך בין ראָטשילד", אָ, פּרץ, מיין ליבער,
איך וואָלט אונדזער לאַנד, אָנשטאָט לויבן און דאַנקען,
פאַרפלייצט איצט מיט יידישע טאַנקען . . .

יעהופּעץ, קאַסרילעווקע, בויבעריק אַפילו — — —
נאָט וואָפן אין האַנט אַריין, טוביהלעך שטילע,
ווי שטייט דאָרט אין פּסוק: „עד מתי?" — מאַכט רש"י:
„ווי לאַנג ט'מען אונדז שפּייען אין קאַשע?"

זאָגט „פּרץ" מיט שטאָליקן מויל פונעם וואָפן:
זיי מיינען „די וועלט איז אַ קרעטשמע באַשאַפן
צו מאַכן אַ וועג זיך מיט נעגל און פויסטן" — — —
מיר וועלן אין צאָרן צעברויזטן

אויף אַש זיי פאַרניכטן, אויף שטויב זיי צעדרעשען —
„אומזיסט ווערט קיין פונק און קיין אויג נישט פאַרלאָשן;
פון טרערן ווערט טייכן, פון טייכן ווערט ימען,
פון פונקען אַ מבול" אין פלאַמען . . .

„די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין הפקר"־געזינדל
פאַר וועלף און פאַר פוקסן, פאַר רויב און פאַר שווינדל",
זי שלאָגט זיך, זי בלוטיקט, זי וועט זיך באַפרייען — — —
נישט מיינט דאָרט — „לית דין ולית דיין!" . . .

עדיסאָן

אַמעריקע האָט אַ לעש אויס געטאָן דאָס ליכט
צום כבוד פון עדיסאָנס טויט.

גרויסער ליכטיקער דערפינדער,
צינדער
פון מיליאָסן זונען פאַר דער ערד
און אירע קינדער,
גרינדער
פון דעם רויבערישן „עדיסאָן עלעקטריק טראָסט” —
דו האָסט
פאַרדינט, איך זאָל אַצינדער
אויסלעשן מיין ליכט
צום כבוד פון דיין טויט,
נאָר ס׳האָט די נויט פאַרכאַפּט —
שוין צוויי חדשים צייט
ווי ס׳האָבן דיינע לייט
דאָס ליכט ביי מיר פאַרלאָשן —
צוליב אַ פּאָר גראָשן . . .
ווידמע איך אַצינדער
אין נאָמען פון אַן אַרבעטלאָזן „זינדער”
מיט הונגעריקע ווייב און קינדער —
די גאַנצע צוויי חדשים
אין דער פינצטערער און בלינדער
נויט —
צום כבוד פון דיין טויט — — —
אָ, גרויסער ליכטיקער דערפינדער . . .

חיים קבצן און כביכול

— גרויסער גאָט! — האָט חיים קבצן
איינמאָל מיט אַ הייסער תפילה
זיך פֿאַר גאָט גענומען קלאָגן —
כ'האָב קיין טענות ניט, חלילה . . .

האָסט באַשערט איך זאָל אַ קבצן
בלייבן אויף מיין גאַנצן לעבן
און זיך נערן מיט די פּענים,
פון נדבות וואָס מ'וועט געבן,

נעם איך אָן דאָס אַלץ באהבה,
לאָז פון יעדערן זיך טרעטן
פֿאַר אַ פּעני — איין זאַך, אָבער
וויל איך, גאָטעניו, דיך בעטן:

כאָטש ביזט רייכער פון די רייכסטע
און אויך בעסער פון די יענע,
וועלכע וואַרפן מיט פאַראַכטונג
אין מיין טעלערל אַ פּעני —

וועל איך דאָ, אָ, טאַטע־פאָטער,
ביי דיר אויך נישט מערער בעטן,
גיב אַ פּעני אַ נדבה —
דאָס וועט מיך פון דלות רעטן.

און דעביי האָט אונדזער קבצן
שטאַרק געהאַלטן אין זכרון
יענעם סוד, וואָס ס'האָט זיין באָבע
אים דערציילט צוריק מיט יאָרן,

אַז ביים בורא איז אַ פּעני
טויזנט אוצרות — ס׳פעלט אַ האָר ניט.
נאָר פאַר גאָט האָט ער געמאַכט זיך
ווי ער מיינט דאָ נעבעך גאָר ניט . . .

— וואַרט אַ רגעלע, מיין קבצן,
אָט אַזאַ מין לשון ליב איך —
האָט כביכול אים געענטפערט —
וואַרט אַ רגעלע, אָט גיב איך . . .

איז ר׳ חיים מלא שמחה
באַלד פון שול אַהיים געלאָפן
און אַ גליקלעכער, צופרידן
זיך גענומען וואַרטן, האָפן . . .

איז ער גרוי און אַלט געוואָרן,
און זיין רוקן איינגעבויגן —
דאָך די האָפענונג האָט געגליט נאָך
אין די אַלטע, מידע אויגן . . .

נאָר ביים טויט, צו ווידוי־זאָגן,
איז ער פלוצלונג בייז געוואָרן
און אַ רוף געטאָן: מיין פּעני!
גייט דען גאָטס אַ וואָרט פאַרלאָרן? . . .

און אַ בת־קול האָט געענטפערט:
„גאָטס אַ וואָרט ווערט ניט פאַרלוירן:
זיינס אַ סענט איז טויזנט אוצרות,
זיינס אַ רגע — טויזנט יאָרן״ . . .

קינד און קייט

דער ערשטער רעגנדל

דער ערשטער רעגנדל,
דער ערשטער טראָפּ —
עס פֿאַלט זיך לייכט
אויף דר׳ערד אַראָפּ . . .

איין העלפֿט — אַ קאַלטע נאָך
איין העלפֿט איז שיין,
קריכט שטיל דאָס רעגנדל
אין דר׳ערד אַריין.

דערשמעקט עס זריעה באַלד
דאָרט אין דער שטיל,
דערשמעקט עס קערנדלעך
אין דער ערד גאָר פֿיל . . .

דערוואַרעמט ס׳רעגנדל
די קערנער דאָרט
און ברענגט פֿון הימל זיי
אַ פֿריילעך וואָרט.

ווערט טיף אין קערנדל
דאָס הערצל פֿייכט,
און איבער אים די ערד
גאָר לייכט, גאָר לייכט.

צעוואַקסן פֿעלדער זיך
דערנאָך מיט פֿרייד,
און ס׳וויגן תּבֿואות זיך
גאָר ווייט און ברייט.

די ערשטע טראָפּנדלעך
דורך זונענשיין
עם שלינגט אַ דורשטיקע
די ערד אַריין . . .

פרילינג

איך האָב דעם ערשטן שטראַל דערפילט,
ער האָט זיך אין מיין אויג געשפּילט . . .
איך האָב דעם ערשטן גלעט דערשפּירט,
ס'האָט אים די זון צו מיר דערפירט.

איך האָב דעם ערשטן „ציף"
דערהערט
און האָב דערזען —
שוואַרצע ערד . . .

וואוהין, וואוהין

וואוהין, וואוהין, אָ, פייגעלעך,
פליט איר איצט אַוועק?
און וואו, מיט טריבע אויגעלעך,
זוכט איר אייער וועג?

איז דאָס האַרבסטיק קעלטעלע
אייך אין נעסט אַריין?
און איר זוכט אַ וועלטעלע
ערגעץ־וואו מיט שיין.

ערגעץ־וואו אַ פעלדעלע,
קאָרנדיק און גרין,
ביי אַ שטילן וועלדעלע,
ציט עס אייך אַהין?

פליט אייך, פליט אייך, טייערע,
פליט געזונטערהייט,
און די וועגן אייערע
זאָלן זיין מיט פרייד.

קאַלטע טעג אין מיטן זומער

קאַלטע טעג אין מיטן זומער
ברענגען אומעט, ברענגען קומער
פאַר דער צייט.

אַ טאָג אַ גרויער
וויקלט איין דאָס האַרץ אין טרויער,
ס׳ווייסט דאָס האַרץ ווען האַרבסט דאַרף קומען,
ס׳ווייסט דאָס האַרץ
ווען שטאַרבן בלומען.

ס׳ווייסט דאָס האַרץ
ווען ס׳פאַלן שנייען,
ס׳ווייסט ווען זאַווערוכעס ווייען,
אָבער קעלט אין מיטן זומער
ברענגט אומעט, ברענגט קומער,
פון אַ הויז מיט שוואַרץ פאַרהאָנגען
ווען אַ קינד איז אויסגעגאַנגען.

קומט דער ווינטער

קומט דער ווינטער מיט די געסט,
די קעלטן און די פרעסט,
מיט די ווינטן קאַלט אַזוי,
און די הימלען טונקל־גרוי.

ווערט עס שווערלעך אויפֿן האַרץ,
זעט דאָך אַלעס אויס ווי שוואַרץ,
גלוסט זיך זיצן טאָג און נאַכט
ביי דער מאַמען שטיל פֿאַרטראַכט.

קוקט זי אין די אויגן דיר
און זי גלעט דיך אָן אַ שיער,
און זי וואַרעמט מיט איר בליק,
און זי טוליעט דיך אין גליק.

שטראַל אין האַרבסט

אַ שטראַל אין האַרבסט, אַ שטראַל אין האַרבסט,
דערפרייט ווי טויזנט זונען —
אין טריבן האַרבסט, ווען ס'ווערט מיט גרוי
דאָס האַרץ אַרומגעשפּונען . . .

עס שיינט אַריין דער שטראַל אין האַרבסט,
אין יעדן פינצטערן ווינקל,
און דאָ און דאָרט — און דאָרט און דאָ —
עס ווינקט אין טרייסט זיין פינקל . . .

אַ שטראַל אין האַרבסט, אַ שטראַל אין האַרבסט,
איז ווערט גאָר אַלע וועלטן —
עס קומט צו אונדז אַ שטראַל אין האַרבסט
דאָך אַזוי זעלטן, זעלטן . . .

ביי די ימען

ביי די ימען
טיפֿע ברייטע,
אויף די ברעגן
ווייט פֿאַרשפּרייטע —

בלאָזן ווינטעלעך
מילדע, קילע,
און פֿאַרטרויען
סודות שטילע.

סודות ליבע,
סודות טרייע,
פֿון אַ וועלט
אַ שיינע, פֿרייע.

פֿון אַ וועלט
מיט ברייטע פֿעלדער
און מיט שאָטנדיקע וועלדער,

און מיט ימען
ברויזיק ווילדע,
און מיט ווינטעלעך
קילע, מילדע . . .

טרויער טעג

עס טראָגן זיך די ווינטן,
די הימלען ווערן גרויער,
עס ציטערן די ביינער
און שאָקלען זיך אין טרויער.

די בלעטער וואַלגערן זיך אום
פאַרוויאַנעט און פאַרלאָשן,
אויף ווילדע פרעמדע שטעג און וועג,
וואו ס׳האָט דער ווינט פאַרבלאָזן.

די זומער־שפּיל, דער זומער־טאַנץ
האָט זיך פאַרהילט אין שוואַרצן,
און ס׳נאָגט אין גרויער בענקעניש
אַ תשובה טיף אין האַרצן.

מיאַמי

גוט מאָרגן דיר, מיאַמי,
בלוי־אויגיקע קראַסאַוויצע;
מיין לאַשטשענדיקע מאַמע,
מיין חלום פון אַ גרין־געפּוצטן ים
אַ קיילעכדיקן יאָר —
איז דאָ אַ וואָר.

אַ גוט מאָרגן דיר, מיאַמי!
דו ווייסט, עס קומט צו דיר
אַ קינד פון פּראַצע און פון מי,
וואָס איז דריי מאָל אַ טאָג פאַרבײַ
פון שוויים־געווייקטן שאַפּ,
ביים קעסל הייסן בליי —
אַ רייניק טאָן מיט דופט
די לונגען פון צעפרעסנדיקן
אייזן־שלונג
און מיט אַ ברכה
אָטעמען דיין האָניקדיקע לופט,
אין שעמערירנדיקן ים,
אין גאַרנדיקן אויג!

איך וויל . . .

איך וויל ס'זאָל קיינער מיך נישט קענען,
נישט וויסן, וואָס ס'טוט זיך אין הארצן —
ווייסט ווער וואָס עס טוט זיך אין ים
אויפן אָפּגרונט, אין תהום דאָרט, אין שווארצן? . . .

עס קאָן זיין, זיך וואלגערן דאָרטן
פון ווי־לאנג פארטראָגענע שיפן,
צעבראָכן־צעריסענע זעגלען
דאָרט פוילן אין אָפּגרונט אין טיפן . . .

דאָס וואסער פון אויבן גלאנצט שטענדיק,
די כוואליעס אויך שפילן זיך אימער,
און קלאפּן מיט גאווה: ס'דאַרף קיינער
נישט וויסן מיין פרייד און מיין קומער . . .

בריסק, 1908

זון און לבנה

(לעגענדע)

שטיל האָט די ערד זיך געקייקלט דורכן קלאָרן חלל פון דער וועלט. עס איז געווען אין די ערשטע טעג פון איר געבורט. די גרעזעלער און בלימעלעך האָבן צאַפּלדיקע געשפּיגלט זיך אין טוי־בריליאַנטן און מיט פרישן זאַפט געשמעקט, און פון אַלץ האָט זיך געטראָגן אַ זאַנפטער, נאָר־וואָס באַשאַפענער ריח.

און אין הימל האָבן געבלישטשעט קלאָר, ווי אויסגעשליפן פון דורכזיכטיק גלאָז, צוויי הימלס ליכטער — די זון און די לבנה.

און גאָט האָט געזען: איינע פון די ליכטער, די זון, זיצט אַ שטאָלצע, אַ פעסטע אין הימלס־רוים און מיט שאַרפע און בלענדנדיקע שטראַלן דרינגט זי אַריין אין יעדן אָרט, אין יעדן ווינקל, און די צווייטע, די לבנה — אַ גוטע און צאַרטע, טוליעט זיך שטיל אַזוי אין שאָל פון נעפּל — און גאָט האָט געזאָגט:

— עס וועלן דער ערד אין איר לעבנס־גאַנג אַ טאָג און אַ נאַכט באַגלייטן, און זאָל די זון איר טאָג, און די לבנה איר נאַכט באַלייכטן.

און אַזוי איז געשען.

ווען די ערד האָט אויף מאָרגן דערוואַכט, האָט זי געפונען אַ גרויסע פייערדיקע זון ביים צוקאָפּנס, וועלכע האָט אַ גאַנצן טאָג איר געהיט און באַלויכטן, און אין אָוונט, ווען זי איז אַ מידע אַנדרעמלט געוואָרן אין טונקלבלויען ליכט פון בין־השמשות, איז די זון פאַמעליכקע, פאַמעליכקע פאַרשוואונדן געוואָרן און אַ שטילע פאַרחלומטע לבנה האָט זיך פון צווייטן זייט באַוויזן, די ערד דורך נאַכט אָפּצוהיטן און באַלייכטן.

וואָלט עס אַזוי זיך געגאַנגען יאָרן און יאָרן.

האָט אָבער איינמאָל גאָט דערזען, אַז די לבנה ווערט אַלץ בלייכער און בלייכער, ווערט אַלץ מער און מער פאַרחלומט, און איר ליכט ווערט אַלץ טונקעלער און בלאַסער.

און גאָט האָט זיך אָפּגערופן: מיין הימליש קינד, מיין גוטע נאַכט־אויג, וואָס פעלט דיר דען, וואָס דיין געזיכט ווערט אַלע מאָל בלייכער, וואָס איז

עס, וואָס עס לעשט דיין ליכט אויס פון נאַכט־צו־נאַכט?
און די לבנה האָט מיט טרערן געענטפערט:
— מיין גרויסער באַשעפער, הימלישער פאָטער, דו האָסט אַליין דיין קינד באַשאַפן און דאַך האָסטו פאַרפעלט צו וויסן מיט וואָס עס צו באַזאָרגן. דו האָסט דיין לבנה באַשערט אַ נאַכט־וואַנדלעריין צו זיין, און דורך די שטומע און דריקנדיקע נעכט אין די פינצטערע ווינקעלעך אַ שיין צו שיקן, אַ טרייסט־שטראַל צו וואַרפן, זיינען זיי אָבער אַזוי פיל פאַראַן, די פינצטערע ווינקעלעך אויף דיין ערד; זיינען זיי אָבער אַזוי פיל פאַראַן די אומגליקלעכע פאַרוואָגלטע נשמות אויף דיין וועלט, אַז גיך האָט זיך אויסגעשעפּט מיין ליכט פון זיין קוואַל, גיך האָבן זיך מיינע טרייסט־שטראַלן גענומען בלייכן, און באַלד, באַלד וועט שוין קיין פונק אין מיין האַרצן זיך געפינען. באַלד, באַלד — און מיין לעצטע טרייסט וועט זיך אויסלעשן.
גאָט האָט זיך פאַרטראַכט.
— און פון וואַנען, — האָט די לבנה זיך צום כסא הכבוד דערנענטערט און נאָך האַרציקער גענומען טענהן: — פון וואַנען זאָל איך מיין ליכט שעפּן? זיי זיינען אַלע זייער עלנט, דערשלאָגן, מיינע נאַכט־קינדער, אַלע אַזוינע מידע, אויסגעבלייכטע, גאַרן אַליין נאָך אַ טרייסט־פונק, זוכן אַליין אַ שיין אויף די פינצטערע וועגן.
— איך ווייס, איך ווייס, מיין קינד, — האָט כביכול מיט טרערן געענטפערט, — נאָר דאָס איז דער סוד פון דער יצירה, מיין קינד, אַזוי מוז זיין — און זע איך טו דאָס בעסטע וואָס איך, גאָט, קאָן. איך וועל די זון פאַר דיר אָנבעטן, און זאָל זי דיך מיט איר ליכט און שיין שפּייזן און דו וועסט דער־זעלבער גוטער און טרייער טרייסט־קוואַל פאַר די עלנטע און דערשלאָגענע בלייבן.
די לבנה אָט אַ ציטער געטאָן.
— קצבה, נדבה, — האָט זי שטיל פאַר זיך געשעפּטשעט און איז בלייכער און פינצטערער געוואָרן, גיסנדיק גרויסע בריליאַנטענע טרערן צו די פיס פון כסא הכבוד.
האָבן אָבער אַרום איר די שטראַלנדיקע ווערטער פון כביכול געפליס־טערט: „דאָס איז דער סוד פון דער יצירה, מיין קינד" — און זי איז אַ שטילע און פאַרטרויערטע פון באַשאַפער צו אירע נאַכט־קינדער אַוועק...
און אַזוי איז עס געבליבן.

פעברואר 27, 1925

אַ באַגעגעניש

(פעליעטאָן צום נייעם יאָר)

זיי האָבן זיך ביידע באַגעגנט, דאָס אַלטע און נייע יאָר, אויפֿן קאַרק פונעם ערד־קול — אַט ווי מען מאָלט עס אין די צייטונגען יעדן ניי־יאָר.

דאָס פאַרגאַנגענע יאָר האָט, ווי געוויינלעך, געטראָגן דעם אומפאַר־מיידלעכן גרויסן פּאַק אויף דער פּלייצע, אָבער זיין אויסזען איז עפּעס דאָס מאָל נישט געווען ווי פֿון אַן אָפּגעלעבט, פאַרשווינדנדיק יאָר. זיין טראָט איז געווען פעסט, די פיס — רירעוודיק, נישט ווי מ׳שטעלט זיי פֿאַר מיט שפּיציקע קנאָכן, אַרויסגעשטאַרצטע קני און לאַנגע ביינערדיקע פינ־גער; און די אויגן — ברייט־צעעפֿנטע, קלאָרע, מיט טיפֿער, שמייכלדיקער חכמה.

דאָס נייע יאָר, 1964, אַ פרישינקס, אַ צאַפּלדיקס, מיט שיינענדיקע אייגעלעך און קוטשעראַווע קעפּל האָר, האָט עס גלייך באַמערקט און אַ זאָג געטאָן:

— גוט מאָרגן, זיידעשי! אַ שיינער טאָג היינט. עס גייט זיך לייכט מיטן פּאַק, זע איך.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר, קינדעלע, — האָט דער אַלטיטשקער געענט־פערט מיט אַ ריינער, מונטערער שטים. — ס׳גייט זיך לייכט, זאָגסטו. פאַרוואָס נישט? מיט אַזאַ זאַק גייט זיך לייכט, וואָדען?

דאָס נייע יאָר איז געבליבן שטיין פריטשמעליעט און האָט שיר־נישט אַ רוק געטאָן דאָס קליינע פינגערל אין מויל אַריין פאַר פאַרלעגנהייט. נאָר האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז ער איז דאָך עפּעס דער העלד, וואָס די גאַנצע וועלט וועט באַלד רעדן וועגן אים — אַלע בלעטער, אַלע פּרעדיגער, אַפילו פּיצלעך קינדער וועלן זיך אויספּוצן אין נייע גאַרניטערלעך לכבוד אים און גרויס און קליין וועלן זיך לאָזן אין די שולן, וואָס זיי האָבן אַ גאַנץ יאָר נישט אָנגעקוקט פֿאַר די אויגן — האָט ער געגעבן אַ שטעל־אַרויס דאָס רעכטע פּיין־געטאָקטע פיסעלע פאַרויס, מעשה דערוואַקסענער, און זיך אָנגערופן מיט אַ געמאַכטער באַריטאָן־שטים:

— אַזוי, אַזוי, טשיקאַווע! אַ פּאַק וואָס טראָגט זיך אַליין...

דער אַלטישקער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— קינדעלע, נישט אַלץ אין פּאַק טראָגט זיך אַליין. גלויב מיר, פאַראַן אין פּאַק זאַכן, וואָס רייסן מיר אַרונטער די פּלייצע. נאָר... ווייסטו גאָר וואָס, לאָמיר זיך צוזעצן אויף אַ רגעלע. איך האָב נישט וואָס צו יאָגן זיך — אין דער אייביקייט אַריין וועט מען קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקן, און דו — נו, זאָלן זיי וואַרטן אויף דיר, דו האָסט אויף זיי לענגער געוואַרט...

ביידע האָבן זיך צעשמייכלט און זיך צוגעזעצט, און דער אַלטיטשקער האָט גענומען דערציילן:

— דו ווייסט אַ שטייגער וויפל צרות און ליידן און פּורעניותן עס ליגן דאָ־אָ אין פּאַק מיטן נומער 1963? פרעג שוין גאָרנישט! דערפאַר אָבער ליגן דאָ אויך זאַכן, קינדעלע, וואָס וועלן דערפרייען דיין הערצל.

— מיין האַרץ, — האָט דער צוציק אַריינגעוואָרפן אַ באַליידיקטער...

— יאָ, דיין האַרץ, קינד, דיין האַרץ, — האָט דער אַלטיטשקער מיט פאַרשטענדעניש צוגעשטימט. — דו ווייסט אוודאי נישט, אַז די מעשה בשני אחים אין גרויסע אַנגעלאָדענע שיפן ביי די ברעגן פון קובאַ, וואָס האָבן זיך שיר־נישט צעבוצקעט סוף 1962, האָט זיך ערשט ריכטיק איינגעשטעלט אין מיין יאָר, אין מיין יאָר, קינדעלע. אָט ליגט עס דאָ אויף דער לינקער זייט אין פּאַק. און ס'איז נישט קיין קלייניקייט.

— שוין גאָרנישט קיין קלייניקייט! — האָט דאָס נייע יאָר אויסגערופן מיט גרויס התפעלות. — איך וואָלט דאָך אפילו נישט געהאַט וואוהין צו קומען איצט, ווען זיי צעבוצקען זיך...

דער אַלטיטשקער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס נייע יאָר מיט גרויס פרייד און באַגייסטערט אויסגערופן:

— אַזוי יונג און פאַרשטייט שוין אַן עסק! עלטערע פון דיר, קינד, קאָנען דאָס נישט איינזען... — ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויפן פּאַק און ווייטער גערעדט:

— און אָט ליגט דער מאַרש אויף וואַשינגטאָן, אויך נישט קיין קלייניקייט. אַזויפיל יאָרן און יאָרן האָט די וועלט זיך אָנגעהערט מיט דרשות און „סוירמאָנס" און שיינע רייד וועגן ליב האָבן דעם שכן, וועגן פעלקער־פריינטשאַפט און ברודערשאַפט און... מ'האָט זיך געקווילעט איינס דאָס אַנדערע.

(סוף פון מעשהלע, על־פּי טעות, אויף זייט 122)

יעקב לייזעראָוויטש. געצייכנט פון דאָנאַ לייזעראָוויטש

אין יידישן פאַמיליע-געריכט

די שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג

די שרעק פאַרן מאָרגן, דער געבעט אויפן מיט־טרערן־דורכגעווייקטן, „אַל תשליכנו״ — זיי הענגען נאָך אַלץ איבערן קאָפּ ווי אַ שווערד און פאַרנעמען אַ גרויס אָרט אינעם ים פון מענטשלעכע ליידן און יסורים, און מאַכן אָפט פריינט פאַר שונאים און אייגענע — פאַר אָפּגעפרעמדטע.

שטייען מאַן־און־ווייב פאַרן פאַמיליע־געריכט, און פון די אַלע טענות און מענות שיילט זיך אויס די אַנגעווייטיקטע פראַגע — די שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. זי, די פרוי, איז פול מיט זאָרג, אַז טאָמער, חלילה, פּאַסירט עפּעס מיט איר מאַן, וועט זי ווידער בלייבן ווי אויפן וואַסער. זי אונטערשטרייכט דעם ׳ווידער׳, ווייל ווען איר ערשטער מאַן איז געשטאָרבן, איז זי געבליבן אַזוי אויסגעשטעלט, אַז זי האָט ממש ניט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען.

— וואָלט איך געקענט גיין אַרבעטן, — רעדט זי שווער אַרויס די ווערטער און זיפצט אונטער, — וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה. אָבער איך האָב קיינמאָל פריער ניט געאַרבעט, און דאָ בין איך ניט קיין צו־שטאַרקע, איז אויסגעקומען כאָטש טו זיך אָן אַ מעשה.

דער מאַן אירער שטייט און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, — ער באַשטעטיקט, הייסט עס, יעדעס וואָרט אירס. ער איז אַ שמש, איר מאַן, אַ שמש אין אַ שולכל, און מ׳קאָן עס זען אויף אים, אין זיין הכנעהדיקייט, אין זיין שטיל רעדן, אין זיין אָפּאַלאָגעטישקייט, ווי ער וואָלט געפילט אויף זיך כסדר די בליקן פון די גבאים ביי דער מזרח־וואַנט. ער איז אַ ייד אַ בן־תורה, און אַ איידעלער אַזאַ. קוקט ער אויף זיין פרוי מיט פרומער ליבשאַפט און טראָגט ניט אין הארצן קיין שום שלעכטע געפילן צו איר — אדרבה, זאָל זי דערציילן די ריכטער דעם גאַנצן אמת און זאָלן זיי משפטן — אַזוי רעדן צו איר זיינע אומעטיקע אויגן.

און זי דערציילט טאַקע דעם גאַנצן אמת.

— איך בין יינגער פון מיין מאַן מיט 17 יאָר, — זאָגט זי מיט אַ געמישטן געפיל פון שטאָלץ און רחמנות אויף זיך. — און מיין מאַן ווייסט

דעם אמת, אַז איך האָב מיט אים חתונה געהאַט, ווייל איך בין געבליבן נאָך מיין מאַנס טויט עלנט ווי אַ שטיין און אָרעם ווי די נאַכט, ווי אויפן וואַסער. און ער, — טוט זי אַ קער די אויגן צו איר מאַן מיט באַהאַלטענער דאַנקבאַרקייט, — איז ער געווען גוט צו מיר און איידל, און אויך נאָך דער חתונה איז ער שטענדיק געווען גוט צו מיר און איידל.

דער מאַן הייבט אויף דעם קאָפּ אויף אַ רגע און מען זעט, ווי זיין אומעטיקער פּנים לייכט־אויף פון אירע ווייכע רייד וועגן אים.

— איז דאָך גוט, — דערפרייען זיך די ריכטער צו הערן אַ ליבלעך וואָרט, וואו מ'הערט כמעט שטענדיק טענות און קלאָגעס פון איינעם קעגן אַנדערן.

— יאָ, אָבער די יאָרן שטייען ניט אויף איין אָרט, און מ'קאָן קיינמאָל ניט וויסן וואָס דער מאָרגן קאָן ברענגען, — באַמיט זיך די פרוי צו דערקלערן פאַר די ריכטער, וואָס עס דריקט איר אויפן האַרצן, — מיין מאַן איז ניט קיין געזונטער מענטש, און זאָל חלילה עפּעס טרעפן מיט אים, זאָל גאָט אָפּהיטן, וועל איך ווידער בלייבן ווי אויפן וואַסער.

דער מאַן שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פאַרזונקען אין מחשבות, און ווען אַ ריכטער גיט אים אַ פרעג, וואָס ער האָט צו זאָגן, כאַפּט ער זיך אויף, דערנענטערט זיך צום טיש און מיט שטילע אָפּגעהיטע רייד נעמט ער מאָלן אַ בילד פון זיין שווער לעבן. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט זיך געג'גט מיט זיין ערשטער פרוי, מיט וועמען ער האָט 3 קינדער, און ווען די ריכטער ווילן וויסן, פאַרוואָס זיי האָבן זיך געגט, גיט ער פרום אַ זאָג:

— זי איז דאָך שוין ניט מיין פרוי, ווייל איך ניט גאָרניט זאָגן וועגן איר.

מיט זיין ערשטער פרוי, דערציילט ער, האָט ער זיך געגט בלויז לויטן יידישן דין, קריגט יענע איר „סאָשל סעקיוריטי", ווי זי וואָלט נאָך געווען פאַרהייראַט צו אים.

— איצט פאַרשטייט איר שוין? — גיט די פרוי אַ זאָג צו די ריכטער מיט האַרץ. — אַלץ וואָס איך וויל איז, אַז ער זאָל מיך פאַרזאָרגן און איך זאָל ווידער ניט בלייבן, חלילה, ווי אויפן וואַסער. — זי רעדט ווי אין אַ געבעט, און מ'זעט ווי זי לעבט איצט איבער דעם שווערן, טראַגישן מאָמענט, ווען ס'האָט איר געטראָפן דער אומגליק מיט איר ערשטן מאַן.

די ריכטער ווילן אויסגעפינען וויפל געלט ער פאַרמאָגט. ער קווענקלט זיך צו זאָגן וויפל און פאַרענטפערט זיך:

— איר ווייסט דאָך, די שכירות פון אַ שמש זיינען כמעט ווי גאָרנישט,

די הויפּט הכנסה איז פון אַ „מי שברך", אַ „מלא", אַ מאָל אַ בר־מצוה, אַ לוויה, און דאָס קוועדטל — גיט ער אַ זאָג מיט אַ ווייטיקדיק פּנים, און מ'דערזעט אויף אים די שפיכת דמים, די יסורים און דערנידערונגען פון דער אויסגעשטרעקטער האַנט מיטן קוועדטל . . .

די ריכטער שלאָגן פאָר, אַז ער זאָל אָפּשרייבן אויף איר נאָמען אַ העלפט פון דעם, וואָס ער פאַרמאָגט, אָבער ער דענקט, אַז ס'איז ניט יושרדיק.

— וואָס איז מכוח מיינע קינדער? איך בין דאָך אַ טאַטע, ווי שטייט געשריבן: „כרחם אָב על בנים", — זאָגט ער מיט צער, און מ'דערפילט, אַז ס'האָט זיך אויפגעעפנט ביי אים אַן אַלטע וואונד אין האַרצן.

ס'ווערט באַשלאָסן ער זאָל אָוועקלייגן פאַר איר טויזנט דאָלער „נאָך זיינע מאה ועשרים שנה", ווייל דער ראַבאַי נישט אָנרופן „עס" ביים ריכטיקן נאָמען און ער דערקלערט די אַנדערע ריכטער, די געשעפטסלייט, וואָס דאָס מיינט. דער מאַן איז מסכים. ער גלעט מיט זיינע בליקן זיין פרוי און זוכט צו זען, צי זי איז צופרידן — ער וויל אַזוי שטאַרק זי זאָל זיין צופרידן און ס'זאָל שוין הערשן שלום אין הויז.

ביים אַרויסגיין האָב איך זיך אַ קער געטאָן צום מאַן און אים געזאָגט:

— איר זענט אַ וואוילער ייד.

ער האָט מיר וואַרעם געדריקט די האַנט, און אין אַ ווינקל פון זיין אויג האָט עפּעס אַ גלאַנץ געטאָן — זאָל עס זיין אַ פונק פון האָפענונג אויף שלום בית, אָדער אַ גלי פון אַ טרער? . . .

צוויי דורות...

צוויי דורות זיינען געשטאַנען פאַרן ריכטער־טיש — אַ מאַמע און אַ טאָכטער. ביידע האָבן זיך באַמיט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז מ'איז גע־קומען אַהער זיך פריינטלעך דורכרעדן בלויז, אַז די גאַנצע זאַך איז באמת אַ פאַמיליע־אָנגעלעגנהייט און אַז אָט וועלן מאַמע און טאָכטער זיך אַרומ־נעמען און פאַרשעמטע זיך אַרומקוקן, וואָס מ'איז גאָר אינגאַנצן געקומען צום ריכטער. אָבער טיפער האָט זיך געפילט אַ שאַרפער ריס צווישן זיי.

די מאַמע, אַ פרוי אין די פריע זעכציקער, אָבער אַ שטאַלטנע, נעט־געקליידט, האָט מיט אָפּגעהיטע ווערטער דערציילט פאַר די ריכטער אין קורצן די געשיכטע פון די לעצטע עטלעכע יאָר פון איר לעבן, ווען איר מאַן איז געשטאָרבן און זי געלאָזט ווי אויפן וואַסער.

— באַלד ווי ס'האָט געטראָפן, — זאָגט זי, און אירע גרויסע, קלוגע אויגן פאַרדעקן זיך מיט אַן אומעט, ווי זי וואָלט איצט ווידער איבערגע־לעבט יענעם טראַגישן מאָמענט אין איר לעבן, — האָב איך געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר אונטערגעגאַנגען. ס'האָט פּאַסירט אַזוי פּלוצלונג. איך האָב געפילט, אַז כאָטש נעם און וואַרף זיך אַריין מיט אים אין קבר. אָבער דאָ שטייען די צוויי קינדערלעך, זייערע וואַרעמע הענטע־לעך אין מיינע קאַלטע, פאַרגליווערטע הענט. דאָס האָט מיך געמינטערט און געהאַלטן ביים לעבן.

און עס ציט זיך איר רואיקע, אָנגענעמע שטים, און פאַלט אַזוי ווייך איבער אַלעמענס אויערן, און זי דערציילט, ווי זי האָט צוזאַמענגענומען די כוחות און געעפנט אַ שניט־קראָם ערגעץ אין ברוקלין און געאַרבעט טאָג־און־נאַכט, און פאַמעלעכקע, פאַמעלעכקע אַרויפגעאַרבעט זיך אויף אַ שיינעם היפשן געשעפט. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט זי אַריינגענומען איר טאָכטער אין געשעפט ווי אַ גלייכע שותפטע און ס'איז אַוועק נאָך בעסער, — גיט זי אַ זאָג מיט שטאָלץ ווען איר טאָכטער און וואַרפט איר צו אַ וואַרעמען מאַמעשן בליק.

די ריכטער זיינען פאַרכאַפּט פון אירע ווערטער, פון איר אָנגענעמער,

קלינגענדיקער שטים און בנעימותדיקן רעדן. בלויז דעם לאיער־ריכטער האט, ווייזט אויס, נישט אנגערירט די גאנצע רירנדיקע אטמאספערע. ער האט מסתמא געזען אין דער גאנצער מעשה בלויז א שניט־קראם און א „פארטנערשיפ" (שותפות). ער האט זיך מיטאמאל א ווענד געטאן צו דער פרוי מיט א פראגע, וואס האט ווי א גרילץ געטאן איבערן צימער:

— איז וואס אייגנטלעך פארלאנגט איר?

אלע אין געריכט האבן זיך ווי אויפגעכאפט, עפעס ווי אויסגעניכטערט, און דערמאנט זיך, אז דא קומט פאר א לאדעניש. מ'האט מיט נייגעריקייט אין אזא אידילישער אטמאספערע.

די פרוי האט זיך א קער געטאן צום לאיער, זיך א ווײַלע פארטראכט, ווי זי וואלט געוואלט אנכאפן דעם פאדעם פון אירע געדאנקען, און ווייטער גערעדט:

— נו, האב איך איצט באשלאסן זיך צוריקציען פון דער ארבעט, בלויז פון צייט־צו־צייט זיך אריינכאפן אין געשעפט, ווייל דאס איז אזויפיל יארן געווען ווי מיין צווייטע היים. זאלן מיין טאכטער און איר מאן פירן דאס געשעפט און מיר זאלן זיי געבן 40 דאלער א וואך אזוי לאנג ווי כ'וועל לעבן.

— וואס דענקט איר וועגן דעם? — האט דער פארזיצער זיך געווענדט צו דער טאכטער.

— דאס איז נישט דער בעסטער פלאן, — האט די טאכטער מיט א טרוקענעם, ריין־געשעפטלעכן קול זיך אנגערופן — בעסער וואלט געווען, ווען זי פארקויפט אונדז איר חלק. איך שטרעב אויסצובעסערן דאס געשעפט, פארגרעסערן אים. אירע מעטאדן זיינען פארעלטערטע.

— טעכטערל, כ'האב נישט אזוי שטארק דערלייגט דער באבעס ירושה.
— האט די מוטער האלב־שטאלץ און האלב־ווייטיקדיק א זאג געטאן דער טאכטער.

— וואס ס'איז געווען גוט נעכטן, טויג נישט היינט, מאמע, — האט די טאכטער שארף ארויסגערעדט און געהאלטן די אויגן אראפגעלאזט.

— נאך עפעס זייער וויכטיק, — האט זיך אריינגעריסן דער איידעם, א יונגערמאן מיט ראזעווע, גלאטע בעקעלעך. — איר ווייסט, מיר לעבן איצט אין א צייט פון פסיכאלאגישער פארשטענדעניש. נו, אז מיר זאלן אננע־

מען דעם פּלאַן פון צאָלן איר וועכנטלעך, וועלן מיר פּסיכאָלאָגיש זיך פילן נישט באַקוועם, ווי מיר וואָלטן וואַרטן, אַז זי זאָל שוין . . . — ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון אַרויסרעדן דאָס וואָרט „שטאַרבן".

זיין פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג האָט איבערגעלאָזט אַ שלעכטן טעם ביי אַלעמען. די מוטער האָט צוגעוואָרפן אַ קלוגן שמייכל איר איידעם, און יענער האָט זיך דערפילט ווי אָפּגעבריט.

די ריכטער באַראָטן זיך אינדערשטיל. דער ראַבאַי־ריכטער, אַ מאָדערנער, אידעאַליסטישער יונגערמאַן, האָט אַ מערט אויפן הומאַניסטישן מאָטיוו, אַז די טאָכטער וויל פּשוט אַרויסוואַרפן איר אַלטע מוטער אויף צוויי שפּענדלעך און זי זאָל אַפילו נישט קאָנען אַמאָל אַריינקומען אין איר געשעפט, וואָס איז געוואָרן, ווי זי האָט געזאָגט, איר צווייטע היים. אָבער דער לאַיער האָט זיך דאָ דערפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. ער האָט אָנגעוויזן, אַז די טאָכטער איז גערעכט, אַז ס'איז אַ פּאַרמעסט צווישן נעכטן און מאָרגן. זי איז יונג, זי וויל זיך פּאַרזאָרגן מיט אַ גוטער צוקונפט, איז דאָס אַן עוולה? דער געשעפטסמאַן־ריכטער האָט איינגעשטימט מיטן לאַיער. „ביזנעס איז ביזנעס", האָט ער געזאָגט. דאָס ווייבעלע וועט נאָך אַמאָל האָבן אַ גרויסע קראָם. און וואָס הייסט, זי און איר מאַן וועלן אַרבעטן, יענע זאָל קריגן 40 דאָלער אַ וואָך פאַר זיצן אינדערהיים?

דער ראַבאַי האָט געוואָרפן אַ שאַרפן בליק אויפן ביזנעסמאַן און זיך אָנגערופן:

— און ווי וואָלט געווען, ווען זיי דאַרפן זי אינגאַנצן אויסהאַלטן? עפּעס וואַרפט מען זיך אַזוי־אַ מיט אַן אַלטער מאַמען?

די ריכטער האָבן נאָך לאַנג אַרומגערעדט דעם ענין צווישן זיך. די מוטער און די טאָכטער מיטן איידעם זיינען דערווייל געזעסן אין אַ זייט און פריינטלעך געשמועסט צווישן זיך. ענדלעך האָבן די ריכטער באַשלאָסן, אַז די מוטער דאַרף נאָכגעבן דער טאָכטערס פאַרלאַנג. די איינצלהייטן זאָלן זיי אַליין אויסאַרבעטן.

ווען די מוטער האָט געהערט דעם באַשלוס פון די ריכטער, איז זי אויף אַ ווייל געבליבן צעטומלט. זי האָט זיך אָבער גלייך באַרויקט און האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַ סך ביטערניש. זי האָט אָנגענומען איר טאָכטער פאַר דער האַנט און ווייך זיך אָנגערופן:

— נו, טאַכטער, דיין פאַרלאַנג איז דערפילט געוואָרן. — עפּעס האָט אַ קורצן פינקל געטאָן אין איר אויג.

די טאַכטער איז געשטאַנען באַוועגלאָז, די אויגן אַרונטערגעלאָזט.

אַרויסגייענדיק פון געריכט, האָט די מוטער שטיל אַ זאָג געטאָן דער טאַכטער:

— זאָלסט מיר כאָטש לאָזן אַמאָל אַריינקוקן אין געשעפט דורכן פענצטער, טאַכטערשי . . .

אַנדערע. ביז דאָס פֿאָלק האָט זיך אַ נעם געטאָן, צוזאַמען, צוזאַמען, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן אַ שטיקל טאָלק.

דאָס נייע יאָרעלע האָט אָנגעקוואָלן און פֿריידיק זיך געבעטן:

— נו, נו, וואָס נאָך? וואָס נאָך? —און זיך שוין אַליין געריסן אַ טאָפּ צו טאָן אין פּאַק.

דער אַלטיטשקער האָט אים אַרומגענומען, האָט אים טיף אַריינגעקוקט אין די יונגע, שיינענדיקע אייגעלעך און מיט גרויס ערנסט געזאָגט:

— ס'איז דאָ, ס'איז דאָ! אַן אָנגעהויבענע אַרבעט, אַ גרויסע, אַ וויכ־טיקע אַרבעט, וואָס דו און דיינע קינדער און קינדסקינדער וועלן דאַרפֿן פֿאַרענדיקן — דער אָפּמאַך פֿון די פֿעלקער צו פֿאַרבאָטן די אַטאָמישע אויפֿ־רייסן.

דער אַלטיטשקער האָט געשוויגן אַ ווייל און דאַן אַ זאָג געטאָן:

— נו, פֿאַרשטייסט שוין פֿאַרוואָס עס גייט זיך אַזוי לייכט מיט אַזאַ מין משא אין פּעקל? אָט־די דריי וועגן אַריבער די אַלע אַנדערע אין לייכטקייט . . .

דאָס נייע יאָר האָט זיך פֿאַרטראַכט, זיינע געדאַנקען האָבן גענומען שוועבן פֿאַרויס, פֿאָרויס, צווישן די אָנקומענדיקע גרויסע געשעענישן און ענדערונגען. דער אַלטיטשקער האָט געקוקט אויף אים און געלייענט זיינע געדאַנקען און שטיל, שטיל, פֿאַר זיך, געמורמלט: „פֿונדעסטוועגן וואָלט זיך געוואָלט אַ קוק טאָן אויף דעם גרויסן, דעם ליכטיקן, דעם אויסגעחלומטן מאָרגן". און מיט אַ הייסער, פֿאַרבענקטער טרער אין ווינקל־אויג זיך גע־לאָזט ווייטער אין דער אייביקייט . . .

אַנדערע צייטן . . .

דאָס איז געווען אַ „פּריינטלעכע מלחמה", ווי איין צד האָט עס אָנגערופֿן, — „איט'ס אָל אין דהי פעמילי," אָבער די „פריינטלעכע מלחמה" איז געווען ביטער און עקשנותדיק.

ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ באַשלוס פון אַ „פעמילי סוירקל" (פאַמי־ליע־קרייז) האָט לעצטנס אַנגענומען צו קויפן קרקע, אָבער דער פּרעזידענט פון אָט־דער משפּחה־אָרגאַניזאַציע איז קעגן.

— וואָס האָט איר אויסצוזעצן קעגן דעם ? — האָט איינער פון די ריכ־טער אים געפרעגט.

דער פּרעזידענט פונעם פאַמיליע־קרייז, אַ מיטליאָריקער מענטש, דווקא נישט קיין נאַר און גאַנץ אינטעליגענט, האָט אַ פאַרכמורעטער זיך גע־קווענקלט אַביסל, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט געפינען די פּאַסיקע ווערטער, אָבער ענדלעך האָט ער קורץ אַרויסגערעדט :

— זיי האָבן באַשלאָסן צו קויפן „נאָן סעקטעריען" סעמעטערי, (וואו מ'קאָן באַערדיקן מענטשן פון אַלערליי גלויבנס). מיר זיינען אַ יידישער פאַמיליע־קרייז — בין איך קעגן דעם.

— וואָס עפּעס פלוצלינג קויפן „נאָן־סעקטעריען" קרקע ? — האָט אַ צווייטער ריכטער אַ פרעג געטאָן.

דאָ האָט זיך אַרויסגערוקט אַ יונגע פרוי, אַ רירעוודיקע, מיט אַ מענערשן אויסזען און ליכטיקע, באַאַבאַכטנדיקע אויגן, און האָט מיט אַן אָנגענעמער שטים געלאָסן זיך אָנגערופן צו די ריכטער :

— איך בין די סעקרעטאַרין פונעם פאַמיליע־קרייז און איך וואָלט גע־וואָלט אייך דערקלערן אין וואָס דאָ האַנדלט זיך.

זי האָט אָנגעהויבן מיט דער אויבנגעבראַכטער פראַזע, „איט'ס אָל אין דהי פעמילי" און האָט דערקלערט, אַז דער „פאַמיליע־קרייז" האָט זיך געגרינדעט אין 1927 און האָט די אַלע יאָרן זיך געפירט אין דער גרעסטער האַרמאָניע, און אַזוי אויך איצט.

— אָבער איר ווייסט דאָך, — האָט זי טיף אַריינגעקוקט די ריכטער אין

די אויגן, — דאָס לעבן שטייט נישט אויף איין אָרט. זינט 1927 זיינען פאָרגעקומען געוואַלדיקע ענדערונגען אין דער וועלט, ענדערונגען וועלכע האָבן אַנגערירט און באַווירקט אַלע טיילן פון דער מענטשהייט.

און דאָ האָט די סעקרעטאַרין געמאָלן אַ בילד, ווי די אָרגאַניזאַציע איז געוואַקסן און זיך פאַרגרעסערט, און ווי „די מיטגלידער האָבן זיך געמערט און געפּרוּוֹפּערט און האָבן געהאַט קינדער און אייניקלעך קענאָרע (קיין עין־הרע). זי האָט אַ רגע זיך פאַרטראַכט און לאַנגזאַם אַרויסגערעדט די ווערטער:

— מיר ווילן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן אויך געהערן צו אונדזער פאַמיליע־קרייז, אָבער ס'איז נישט מעגלעך פאַר געוויסע פאָרלעך, וועלכע זיינען „געמישטע הייראַטן”, ווייל אונדזער קאָנסטיטוציע זאָגט, אַז מען מוז געהערן מיט סעמעטערי, און דער פּונקט זאָל קיינמאָל נישט געענדערט ווערן. זיינען מיר זיך צונויפגעקומען און באַטראַכט דעם ענין און האָבן באַשלאָסן צו קויפן „נאָן־סעקטעריען” סעמעטערי צו דער געוויינלעכער סעמעטערי, און דאָס וועט לייזן אונדזער פּראָבלעם.

די סעקרעטאַרין, וועלכע האָט דאָ אויפגעמישט אַ קאַפּיטל נישט נאָר פון איר אָרגאַניזאַציע, נאָר האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ שטיק לעבן פון אונדזערע לעצטע עטלעכע דורות דאָ, אין אַמעריקע, און אויך פון אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, האָט געוואונען די הערצער פון די מערסטע אין געריכט־צימער. דער פּרעזידענט פונעם פאַמיליע־קרייז איז געשטאַנען מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פאַרטראַכט אין זיך, ווי די לאָגישע טענות פון דער סעקרעטאַרין וואָלטן זיך געהאַט צו אים דערטראָגן פון ערגעץ ווייט־ווייט אַוועק, אָבער טיף אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין האָט זיך געראַנגלט עפּעס וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַרגליווערט געוואָרן שוין פון לאַנגע, לאַנגע יאָר צוריק, און ער קאָן עס נישט גובר זיין און זוכט מיט אַלע מיטלען אַנצוהאַלטן, איינצוקלאַמערן זיך אין דעם. ער האָט פּלוצלינג אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, אַנגעשטעלט די אויגן אויף די ריכטער, ווי ער וואָלט געזוכט הילף ביי זיי, און האָט זיך אַנגערופן:

— מיר זיינען אַ יידישער פאַמיליע־קרייז... ס'איז אַן ערנסטער ענין... זיי האָבן אין די בריוו צום מיטינג נישט געשריבן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ס'איז געווען אַ קליינער מיטינג.

די סעקרעטאַרין האָט אויפגעמישט אַ בלאַט אין איר פּראָטאָקאָל־בוך און

געוויזן די ריכטער אַ קאָפּיע פונעם בריוו צום מיטינג, וואו עס האָט זיך גערעדט וועגן קויפן „נאָן־סעקטעריעז" סעמעטערי.

— און וועגן דעם, אַז ס'איז אַ ערנסטער ענין, — האָט זי זיך געווענדט צו די ריכטער, — ווייסט דער פּרעזידענט זייער גוט, אַז מיין טאַטע איז זייער אַ פרומער ייד, אַן אמת־פרומער ייד, פונדעסטוועגן האָט ער שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז זיינס אַ קינד האָט געהייראַט מיט אַ קינד פון אַן אַנדער פאָלק.

די ריכטער האָבן ברייט זיך דורכגערעדט וועגן דעם ענין צווישן זיך און האָבן באַשלאָסן, אַז אַזוי ווי דער באַשלוס איז זייער אַ וויכטיקער אין לעבן פון דער אָרגאַניזאַציע און אַזוי ווי ס'איז אפשר טאַקע מעגלעך, אַז דער מיטינג איז געוועזן אַ קליינער, זאָל די סעקרעטאַרין אַרויסשיקן נאָך אַ בריוו מיט פולער אינפאָרמאַציע וועגן דעם גאַנצן ענין און זען, אַז דער מיטינג זאָל זיין גוט באַזוכט, אַזוי אַז עס זאָל באמת געהערט ווערן די שטים פון דער מיטגלידערשאַפט וועגן דעם ענין.

אַן אַלטער טאַטע און זעקס קינדער...

די אַלטע, אייביק־נייע געשיכטע פון „איין טאַטן מיט זעקס קינדער", א.אַז.וו., — אָבער אין אַן אַנדער ווערסיע.

טאַקע איין טאַטע, אַן אַלטער, אַ צעבראָכענער, אַ צעשניטענער פון אָפּעראַציעס, אָבער עס זעען זיך נאָך סימנים פון אַ העלדישן יונג — אַ גע־פאַקטער, מיט אַ פעסטן, נידעריקן האַלדז אויף אַ געקאַרבטן נאַקן. דאָס פנים — פיר־קאַנטיק, אַגרעסיוו. מ'קאָן דערקענען, אַז דער מענטש האָט אויף זיין לעבן געברענט אַ וועלט.

און אַ טעמפּעראַמענט! נאָך אַפילו איצט, ווען ער צעקאָכט זיך און גיט אַ געשריי, קלינגט עס אָפּ פון אַלע ווינקלען פונעם געריכט מיט אַ ליאַרעם.

ער פאָדערט פון זיינע פיר זין און צוויי טעכטער, זיי זאָלן אים העלפן בלייבן אין ניו־יאָרק זיך היילן. זיין היים איז איצט אין פלאָרידע. דאָ, אין ניו־יאָרק, איז ער בלויז עטלעכע וואָכן און ער וואוינט ערגעץ־וואו אין אַ צימער.

די ריכטער קוקן זיך איבער. פאַר זיי שטייען דאָ זעקס קינדער ווי די דעמבעס, אַלע שיין אָנגעטאָן, וואויל אויסגעפּאַשעט, מיט פיינע דימענט־לעך, און זייער פאָטער וואַלגערט זיך ערגעץ אין אַ „רומינג הויז".

דער טאַטע כאַפּט־אויף דעם בליק פון די פאַרוואונדערטע ריכטער און ווערט ביי זיך געשטאַרקט.

— איר זעט אָט־דעם־אַ, — ווייזט ער אַן אויפן עלטסטן און היט זיך אויס נישט צו רופן אים „זון", — ער האָט אַ פּאַלאַצל, אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. און די אַנדערע דאָ, זיי פעלט אויך גאָרנישט. נישקשה, זיי קאָנען מיר געבן געגנוג איך זאָל בלייבן אין ניו־יאָרק ביז איך וועל זיך אויסהיילן, — פאַרענדיקט ער שוין מיט אַ לייבן־ברום און וואָרנט זיי מיט אַ פינגער.

די קינדער שטייען אומגעדולדיק. יעדערער פון זיי רייסט זיך עפּעס צו זאָגן, און זיי באַשליסן, אַז דער עלטסטער ברודער זאָל רעדן פאַר זיי.

און דאָ וויקלט זיך פאַנאַנדער אַ פּאַנאָראַמע פון אַ טרויעריק, טראַגיש לעבן פון אַ פאַמיליע — פון אַ טאַטן אַ „באָסיאַק", אַ לעב־יונג, וועלכער

האָט פאַרהולטאַיעוועט זיינע בעסטע יאָרן, האָט פאַרנאַכלעסיקט זיין היים, זיין פרוי, און אַפילו זיינע קינדער.

— אַט־דער מאַן, — האָט דער זון אָנגעהויבן, — איז זיין גאַנץ לעבן גע־ווען „נאָ גוד". פלעגט אַרומלויפן מיט פרויען, נישט אומגעקוקט זיך אויף אונדזער מאַמען, און מיט אונדז, קינדער, זיך אינגאַנצן נישט אינטערע־סירט. מיר האָבן דען געוואוסט, אַז מיר האָבן אַ טאַטן? אַט־אַזוי־אַ די גאַנצע צייט.

דאָ קאָן אַ צווייטער ברודער זיך נישט צוריקהאַלטן און רייסט זיך אַריין:

— ווען מיר, פיר ברידער, זיינען געווען אין דער אַרמיי, אויף יענער זייט ים, האָבן זיך געשלאָגן מיט די נאַצים, האָט ער דען כאָטש אַפילו איין מאָל אונדז געשריבן אַ בריוול, פרעגן וואָס מיר מאַכן, צי מיר לעבן נאָך? אַפילו נישט קיין וואָרט!

— נו, אַט אַזוי איז געגאַנגען אונדזער לעבן, — האָט דער עלטערער ברודער ווידער איבערגענומען. — אַט־דער מאַן האָט אונדז אָפּגעפרעמדט פון זיך נאָך איידער מיר האָבן דערפילט די וואַרעמקייט פון אַ טאַטנס אַ גלעט, אַזוי אָפּגעפרעמדט, אַז עס לייגט זיך גאָרנישט אויפן צונג דאָס וואָרט „טאַטע". וואָס ער געדענקט זיך יאָ וועגן אים, איז ווי עפּעס אַ שלעכ־טער, בייזער חלום.

די ריכטער באַטראַכטן מיט אַ שווערן געמיט, ווי די אַנדערע ברידער און שוועסטער שאָקלען־צו מיטן קאָפּ, שטימען־איין מיט די רייד פונעם עלטערן ברודער. איינער פון די ריכטער האָט צוגערופן אַ שוועסטער און זי גע־פרעגט ווי זי פילט וועגן דעם אומגליקלעכן עניין. זי האָט זיך דערנעענטערט מיט שוואַכע טריט און געווענדט צו די ריכטער, שטיל, מיט אַ צוריקגע־האַלטענער שטים, ווי די ווערטער וואָלטן וועלן זיך פאַרהאַלטן — פאַר ווייי־טיק און פאַר חרפּה:

— איר וואונדערט זיך אַוודאי, פאַרוואָס אַזאַ ביטערקייט און אַנטאַגאַ־ניזם צו אים. הערט וואָס ער האָט געטאָן צו אונדזער מוטער איידער זי איז געשטאָרבן. — די יונגע פרוי האַלט איין דעם אָטעם אַ ווייל, נעמט זיך אָן מיט כוח און זאָגט:

— אונדזער מוטער איז געשטאָרבן מיטן געדאַנק, אַז זי איז פאַרהייראַט צו אַט־דעם מאַן, מיט וועמען זי האָט אָפּגעלעבט אַזוי פיל יאָרן און גע־האַט מיט אים קינדער. זי איז געשטאָרבן און נישט געוואוסט, אַז איר מאַן

האָט זי אָפּגעגט אַז איר ווייסן עטלעכע חדשים פאַר איר טויט. ער האָט געהאַט אַן אַנדער פרוי.

זי קאָן ווייטער נישט רעדן.

דאָ האָט זיך שאַרף אויפגערירט די געטרייע טאָכטער, ווען מען מאַמע ס'איז אַזוי שטאַרק באַוווּלהט געוואָרן, און די שטאָלצע פרוי, וועלכע האָט אַזוי טיף דערפילט די שווערע באַליידיקונג קעגן אַ פרוי.

אַז אַנדער ברודער דערציילט די ריכטער, אַז זיי שיקן „אים" 25 דאָלער אַ חודש — נישט פון וועלכן עס איז סימפּאַטישן געפיל צו אים, נאָר גלאַט אַזוי, און אַז היילן זיך קאָן ער אין שפּיטאָל אין מיאַמי, וואו מ'היילט אים.

די ריכטער זיינען געזעסן פאַרכאַפּטע צווישן דעם „רוטין" פון „עלטערן און קינדער", וואו די עלטערן זיינען געוויינלעך שטענדיק גערעכטע, — און אַט־דעם אומגעוויינלעכן פאַל. זיי האָבן זיך דורכגערעדט צווישן זיך און געראָטן די קינדער צו העכערן די הילף צו זייער „פיזישן פאָטער" — אַלץ איינס ווי זיי זאָלן ניט פילן וועגן אים, — אויף נאָך אַ פינפערל אַ וואָך.

זיי האָבן עס אָנגענומען.

אַ מאַמעס האַרץ...

אַ קליינינקע אַזאַ, אַ אויסגעמאַטערטע, די מאַמע. מיט אַ בלאַס און חושבדיק פּנים, פון וועלכן ס׳האָבן ארויסגעקוקט אויגן פול מיט שרעק, איז זי געשטאַנען פאַר די ריכטער. איר שוואַכע, מאַגערע האַנט האָט שטייף איינגעקלאַמערט עטלעכע פינגער פון איר זון, דעם עלטערן זון, ביי איר זייט איז געשטאַנען דער יינגערער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

מ׳הערט קוים וואָס זי זאָגט און אין איר קול הערט זיך אַ ציטער, אַ צאַפּל. איר פאַרלאַנג איז, אַז די „דזשאַדזשעס", ריכטער, זאָלן הייסן איר יינגסטן זון אַרויסהעלפן זיין עלטערן ברודער.

— זיי וועלן אים דערהרגענען, — גיט זי מיטאַמאָל אַ זאָג אַרויס הויך, ווי מיט די לעצטע כוחות, און שטראָמענדע טרערן הייבן אָן פליסן איבער די קנייטשן פון איר צעאַקערטן פּנים. זי דריקט פעסטער איר זונס האַנט און ציט זי צו זיך.

— ווער וועט אים דערהרגענען? — פרעגט איינער פון די ריכטער ביי איר.

— די גענגסטערס, די גענגסטערס, — קוקט די דערשלאָגענע מאַמע צו די ריכטער דורך פאַרגלעזטע אויגן.

דאָ דערנעענטערט זיך דער יינגערער זון און נעמט דערציילן די אומגליק־לעכע געשיכטע פון זיין ברודער.

ער איז שוואַכזיניק, זיין ברודער, פון געבוירן־אָן שוואַכזיניק. גענוג זיך אָנגעמוטשעט מיט אים אַזויפיל יאָרן. נאָר שוין אַ שטיק צייט, ווי שלעכ־טע קאָמפּאַני, רעקעטירס, האָבן אים אַריינגעצויגן אין געמבלען און זיי נוצן אים אויס אויסצוצאַפּן געלט פון דער משפחה.

— זיי לייען אים געלט אויף צו געמבלען, — דערציילט ווייטער דער יינגערער זון, — און ווי געווינלעך פאַרשפּילט ער, דאַרפן מיר דערנאָך אָפּ־צאָלן, אַניט סטראַשען זיי, אַז זיי וועלן אים דערהרגענען. און זיי קאָנען עס טאָקע אויך טאָן. און ס׳גייט דאָ נישט אין פּענים, נאָר אין הונדערטער דאָלאַרן. אמת, איך פאַרדין נישט שלעכט, אָבער ווי לאַנג קאָן מען אַזוי אָנגיין?

— בלויז דאָס מאָל, זונעלע, בלויז דאָס מאָל, — גיט דאָס קליינינקע מאַמעלע אַ שעפּטשע מיט די ליפּן ווי אין אַ תּפילה, — זיי וועלן דאָך אים דערהרגענען.

— אַט אַזוי אַלעמאָל, — רעדט דער יינגערער זון ווייטער. — זי צע־ברעכט מיר דאָס האַרץ מיט אירע טרערן. וואָס זאָל איך טאָן, וואָס זאָל איך טאָן?

דער עלטערער ברודער ווייסט וואָס דאָ קומט פאָר, אָבער ער נעמט זיך נישט צום האַרצן. ער שטייט לעבן דער מאַמען. ער פילט זיך זיכער אין איר האַנט. זי וועט אים ראַטעווען.

דער פאָרזיצער פון געריכט, אַ געשעפטסמאַן, אַן "אויסגערויכערטע ליולקע", נעמט איבער די אויספאָרשונג, וואָס ווערט מערסטנס געפירט פון אַ ראַבאַי, צייטנווייז מיט פּסיכאָלאָגישער פאַרשטענדעניש, און גיט קורץ און שאַרף אַ זאָג מיט אַ קלאַפּ אין טיש:

— קיין פּעני נישט געבן מער!

ער שטעלט אָן די אויגן אויפן עלטערן ברודער און מיט אַן אויסגע־שטרעקטן פינגער צו אים גיט ער אַ זאָג:

— יונגערמאַן, פאַרוואָס גייסטו נישט אַרבעטן? גיי אַרבעטן און צאָל אָפּ די חובות און הער אויף געמבלען!

דער עלטערער ברודער עפנט ברייט אַ פּאָר אויגן. גיט אַ קרענקלעכן שמייכל און אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ, וואָס מיינט, אַז דער "מאַן" דאָרט ביים טיש איז גערעכט, ער וויל אַרבעטן, נאָר קיינער וויל אים נישט געבן קיין אַרבעט. ער גיט אַ קוק אַרונטער צו דער מאַמען און די אויגן זיינע פרעגן, פאַרוואָס זי שטעלט זיך נישט איין פאַר אים. די מאַמע דערפילט עס און וויל עפּעס זאָגן, נאָר ס'האָט איר פאַרכאַפּט דער אָטעם פון יענעמס געשריי, אַז מ'זאָל דעם געפלאָגטן זון אירן מער נישט געבן קיין פּעני. זי שטייט אַ הילפלאָזע און מורמלט מיט די ליפּן, "זיי וועלן אים דערהרגענען". איר פּנים ווערט ווי נאָך מער איינגעשרומפּן.

— שוין געווען אַזעלכע חברהלייט, — רעדט דער פאָרזיצער מיט האַרט־קייט אין זיין קול, — קיינער קאָן דיר נישט העלפן, מוזט זיך אַליין העלפן. קריג אַ דזשאָב און צאָל אָפּ די חובות. דיין ברודער איז נישט מחויב אויס־צוהאַלטן אַ ברודער אַ געמבלער.

דער יינגערער ברודער דערהערט עס און עס גיט אים אַ שטאָך אין האַרצן.

ער גיט זיך נערוועז אַ צאַפּל. עס טוט אים ווי פּאַרן ברודער און פֿאַר דער מאַמען. די קאָלירן אין זיין פּנים בייטן זיך פֿון עגמת נפֿש. ער האָט ערשט דאָ, אין געריכט, דערזען די טראַגעדיע אין איר גאַנצער שאַרפֿקייט.

דער פּאָרזיצער לאָזט נישט אָפּ. ער טענהט אַלץ מיטן שוואַכזיניקן יונגענמאַן און וויל אים באַווייזן, אַז ער, דער דערפֿאָלגרייכער געשעפֿטסמאַן, פֿאַרשטייט זיך בעסער אין די זאַכן — ער מוז זיך אַליין העלפֿן און אויפֿהערן געמבלען, קריגן אַ דזשאַב און ווערן אַ מענטש.

רוט ריטשמאַן, די דירעקטאָרשע און די „דינאַמאָ" פֿונעם פֿאַמיליע־געריכט, רוימט־איין די ריכטער, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ „געמבלער אַנאָנימוס" געזעלשאַפֿט, פּונקט ווי דער „אַלקאָהאָליקס אַנאָנימוס", וואוהין אַזאַ איינער קאָן זיך ווענדן נאָך הילף. זי רעדט זיך דורך מיטן יינגערן ברודער וועגן דעם. די מאַמע שטייט אַ פֿאַרקלעמטע. זי זעט, אַז עפּעס רודערט זיך דאָ, מ'רעדט, מ'עצהט זיך, אָבער וואָס קומט איר אַרויס פֿון די אַלע זאַכן. זי דריקט איר עלטערן זונס האַנט צו זיך, קוקט אַרום זיך מיט צעשראָקענע אויגן און אירע ליפּן מורמלען: „זיי וועלן אים נאָך דערהרגענען, ווי איז מיר" . . .

אַ מענערשע וועלט?...

אין יידישן פֿאַמיליע־געריכט וואַרפֿט זיך שטאַרק אין די אויגן דער פֿאַקט, וואָס די ווייט־גרעסטע מערהייט אין די לאָדענישן זײַנען פֿרויען, וועלכע באַקלאָגן זיך, אַז זיי ווערן געקריוודעט פֿון זייערע מענער. און אין די מערסטע פֿאַלן ווײַזט זיך אַרויס, אַז ס׳איז טאַקע אַזוי, ווי ס׳וואָלט עפּעס געווען אַ מענערשע וועלט...

אַט שטייט פֿאַרן ריכטער־טיש אַ פֿרוי אין די פֿריע זעכציקער, מיט אַ ליכטיקן פּנים, נאָר די אויגן פֿאַרוואָלקנטע. ס׳קוקט אַרויס פֿון זיי אַ שווער לעבן. זי שטייט מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, אָבער עפּעס דאַכט זיך, אַז זי טוט עס כּדי זיך אַליין אונטערצוגעבן מוט. זי רעדט ריטמיש, מיט האַרץ, און איר קול איז אָנגעזאַפּט מיט טרערן.

—איך האָב כּמעט קיין איין גוטן טאָג נישט געהאַט מיט אים אין די 44 יאָר, וואָס מיר זײַנען פֿאַרהייראַט, — הייבט זי אָן זיך באַקלאָגן אויף איר מאַן, און אירע בליקן שוועבן ווײַט־ווײַט איבער אַלץ און אַלעמען, ווי זי וואָלט געזוכט צו נעמען די ווײַטע שווערע יאָרן פֿאַר עדות.

פֿון אירע רייד וואַקסט זיך פֿאַנאַנדער אַ בילד פֿון אַ טראַגיש צוזאַמענלעבן, וואו דער מאַן איז ביי זיך דאָס אייבערשטע פֿון שטייסל און דאָס ווײַב וועט אפשר אַמאָל „זײַן ביי אים אַ פֿוס־בענקעלע"...

— די גרעסטע צרה איז שטענדיק געווען זײַן קאַרגשאַפֿט, — זאָגט זי מיט פֿאַרדראָס. — אַפֿילו קויפֿן אַ צײַטונג האָט ער זיך נישט פֿאַרגונען. ס׳איז געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ער האָט געקאַרגט אויף מעדיצין פֿאַר אַ שטאַרק־קראַנק קינד, און דער דאָקטאָר האָט געסטראַשעט אים צו לאָזן אַרעסטירן. — זי וואַרפֿט דערביי־צו איר מאַן אַ צאָרנדיקן בליק, און יענער גיט זיך אַ דריי אַוועק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— אָבער דאָס איז נישט געווען די איינציקע צרה, — רעדט זי ווײַטער. — ס׳איז בכלל נישט געווען קיין לעבן. ער איז מיר נישט געווען געטריי, אַזוי ווי איך אים. האָב איך געליטן, לאַנגע יאָרן געליטן, ביז איך האָב לעצטנס באַשלאָסן און זיך אַרויסגעצויגן פֿון אים, און מיר לעבן באַזונדער.

— איז וואָס פֿאַרלאַנגט איר? — פֿרעגט ביי איר איינער פֿון די ריכטער.

— איך וויל ער זאָל מיר געבן אַ העלפֿט פֿונעם אָפּגעשפּאָרטן געלט און איך וועל אַוועקפֿאָרן קיין ישראל.

די ריכטער ווילן הערן וואָס דער מאַן האָט צו זאָגן.

דער מאַן שטייט אַ וויילע שטיל, טראַכט, ווייזט אויס, פֿון וואַנען אָנצוהויבן און גיט מיטאַמאָל אַ זאָג:

— ס'איז ניט אמת, וואָס זי זאָגט וועגן מיר. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז איך האָב אָפּגעשפּאָרט געלט און אַז איך בין קאַרג. זי איז קראַנק, — גיט ער אַ דריי מיט אַ פֿינגער ביים רעכטן שלייף, וואָס באַדאַרף אָנדייטן, אַז זי איז צעדרייט. — איך בין אפֿשר ניט געווען אַזוי גוט צו איר, אָבער אַזאַ רשע ווי זי זאָגט, בין איך ניט.

— און די מעשה מיטן מעדיצין פֿאַרן קינד? — גיט זיך די פֿרוי אַ ריס אַריין, און די אויגן ווערן איר פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן. — איך וועל דיר דאָס מיין גאַנץ לעבן ניט פֿאַרגעבן.

דער מאַן קערט אַוועק דעם קאָפּ און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

— וויפֿל האָט איר אָפּגעשפּאָרט געלט? — פֿרעגט דער פֿאָרזיצער פֿון די ריכטער ביים מאַן.

דער מאַן גיט ניט קיין קלאָרן ענטפֿערט און ס'קומט אויס, אַז ער האָט „עפּעס יאָ דאָרט ווייס־איך־וואָס עטלעכע דאָלער".

— וויפֿל אַשטייגער איז „עפּעס יאָ דאָרט עטלעכע דאָלער"? — פֿרעגט אים דער ראַבאַי־ריכטער, איבערחזרנדיק יענעמס ווערטער, כּדי צו מאַכן לייכטער פֿאַר אים די אַטמאָספֿערע. — פֿאַרמאָגט איר אַ פּאָפּציק טויזנט דאָלער?

— נו, אפֿשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז איר זאָלט אַראָפּנעמען די האַנט פֿון הארצן און פֿון דער קעשענע און זיך פֿאַרגינען אַ ביסל אַ בעסער, באַקוועמער לעבן פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר אייער פֿרוי? — האָט דער ראַבאַי פּרובירט זיך אַריינלייגן אין אַ שלום.

— איך קאָן ניט, איך קאָן ניט. — האָט די פֿרוי אויסגעשפּרייט די הענט מיט געבעט צו די ריכטער. — ס'איז מיר שוין דערגאַנגען ביז אַהער. — זי האָט אַ הייב געטאָן אַ האַנט איבערן קאָפּ. — האָב אָפּגעבידעוועט ביי אים 44 יאָר, האָב געקאָכט און געוואַשן און געראַמט און אים באַדינט, בין איך אַ שותּף צום אָפּגעשפּאָרטן געלט צי ניט? זאָל ער מיר

געבן מיין חלק און איך וועל אוועקפאָרן קיין ישראל. איך האָב דאָרט אַ ברודער און אַ שוועסטער, דאָ האָב איך קיינעם ניט.

די ריכטער קוקן זיך איבער אין פאַרלעגנהייט. זיי רעדן זיך דורך אין דער שטיל צווישן זיך, אַז קיין שום געריכט וועט דער פרוי ניט צופסקענען קיין חלק געלט.

ווען די ריכטער האָבן עס איר דערקלערט, איז זי געבליבן שטיין אַ צעטומלטע, האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן אויף די ריכטער און אַ זאָג געטאָן מיט טרערן אין איר קול:

— אַזוי? פיר און פערציק יאָר קאָכן און באַקן און וואַשן און ראַמען און באַדינען דעם פּריץ איז גאָרניט ניט ווערט, און . . . און . . .

זי האָט זיך געראַנגלט אָנצוכאַפּן דאָס ריכטיקע וואָרט, וואָס זאָל אַרויס־שרייען איר פּראָטעסט, אָבער ניט געקאָנט און איז געבליבן שטיין הילפ־לאָז מיט וואַנדערנדיקע בליקן פון איין ריכטער צום אַנדערן, ווי זי וואָלט זיך געטרונקען און געזוכט, אפשר וועט זי דאָ עמיצער ראַטעווען.

די ריכטער באַרואיקן זי און נעמען זיך צום מאַן, באַמיען זיך איבערצייגן אים, שוין אַ ביסל הארב, וועגן זיין אחריות צו זיין פרוי, און ס'ווערט באַשלאָסן אַז ער זאָל איר געבן געלט אויף הוצאות קיין ישראל און איר שיקן 25 דאָלער אַ וואָך און אויך די 33 דאָלער אַ חודש, וואָס זי קריגט איצט „סאָשל סעקיוריטי".

דער קמצן קווענקלט זיך און קווענקלט זיך און פּרובירט כאָטש אַראָפּ־דינגען, אַז איר „סאָשל סעקיוריטי" זאָל בלייבן ביי אים. אָבער די ריכטער באַשטייען אויף דעם און ער מוז נאָכגעבן.

ווען איינער פון די ריכטער האָט דער פרוי איבערגעגעבן דעם באַשלוס, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט, ווי זי וואָלט זיך טאַקע אָנגעכאַפּט אין עפּעס זיך צו ראַטעווען פון אונטערגאַנג, און זי באַגאָסן מיט הייסע טרערן...

אַרויסגייענדיק האָבן זיך אונדזערע בליקן באַגעגנט און ס'האָט מיך אַ ברי געטאָן, ווי זי וואָלט מיר אויפגעוואָרפן: אַ מענערשע וועלט . . .

די טראַגעדיע פון הפקרות

זי איז אַריינגעקומען אין געריכט־צימער אַ וויינענדיקע — די אויגן אַרומגעזוימט רויט, האָבן פאַרצווייפלט געקוקט אויף אַלע זייטן, דער־שראָקן געקוקט אַלעמען אין די אויגן אַריין ווי אַ פאַרפאַלגטע חיה, וואָס זוכט הילף.

אַ יונגע פרוי, נאָך קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט, אָבער אין די עטלעכע יאָר, וואָס זי איז פאַרהייראַט, און האָט געבוירן פיר קינדער, האָט זי זיך אָנגעליטן אַזוי פיל גייסטיקע יסורים, אַז ס'איז געוואָרן פון איר אַ תל.

זי האָט קוים געקאָנט אַרויסרעדן אַ וואָרט פאַר די ריכטער — די טרערן האָבן זי געשטיקט און געבריט. מ'האָט געזען, ווי איר פיין פליסט אַריבער אַלע גרענעצן.

זי האָט אַ צעוויינטיקטע אויפגעעפנט איר ביטער האַרץ פאַר די ריכטער.

— ער שלעפט זיך אַרום מיט פרויען טאָג און נאַכט און די גאַנצע גאַס ווייסט וועגן דעם, ער אַליין דערציילט עס, — גיט זי אַ זאָג אַרויס, און אַ נייער שטראָם טרערן טוט אַ פאַרפלייץ איר אומעטיק פנים. זי שטרענגט זיך אָן צו באַרואיקן זיך, ווישט זיך אָפּ די טרערן פון די אויגן און די באַקן און נעמט איבערגעבן אַ בילד פון אַ צעלאָזענעם מאַן, אַ טאַטן פון פיר קינדער, וואָס אים אַרט ניט די היים, דאָס ווייב, די קינדער.

— צום אָנהייב האָב איך אים געגלויבט, ווען ער פלעגט מיר זאָגן, אַז ער קומט נישט אַהיים שלאָפן, ווייל ער פאַרט אַרום וועגן זיינע געשעפטן, אָבער שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער פאַרברענגט מיט פרויען. איך קאָן שוין אַפילו עטלעכע פון זיי. איך געפין זייערע בילדער ביי אים אין די קעשענעס. זיינע נאָזטיכלעך זיינען פול מיט „ליפּסטיק".

אירע אויגן פילן זיך ווידער אָן מיט טרערן. זי ראַנגלט זיך מיט זיך, ווייל זיך צוריקהאַלטן פון וויינען, אָבער זי קאָן נישט. זי שטרעקט אויס די הענט צו די ריכטער, ווי אין געבעט, און רופט אויס דורך פאַרגלעזטע אויגן: — פאַרוואָס טוט ער עס צו מיר ? ער ווייסט, אַז איך האָב אים אַזוי

ליב. איך בין גרייט אוועקצוגעבן מיין לעבן פאַר אים, פאַרוואָס פאַראו־מערט ער מיר מיין לעבן און פאַרשעמט מיך פאַר אַלעמען?

דער מאַן אירער שטייט לעבן איר אומבאַוועגלעך. זיין פירעקיק פּנים מיטן פעסטן נאַקן און ברייטע פּלייצעס שלאָגן־אָפּ מיט גבורה, אָבער די אויגן, ברייט־צעעפנטע און גוטמוטיקע, לייכטן מיט יינגלשקייט, מיט לייכטזין. זיינע בליקן וואַנדערן אַרום — דאָ צו די ריכטער, דאָ צו זיין פרוי און דאָ צו די אַרומיקע, מיט אַ פאַרבאָרגענעם שמייכל, אַז שום געפיל פון שולד.

— איך שעם זיך צו דערציילן, — הייבט די פרוי אָן ווייטער רעדן און קוקט איר מאַן אין די אויגן און ווענט אין געדאַנק, צי זאָל זי דאָס זאָגן. זי טראַכט אַן אויגנבליק און רעדט ווייטער. — ער האָט אַפילו איינמאָל מיטגענומען אונדזער יינגעלע מיט זיך, ווען ער איז געגאַנגען מיט אַ פרוי, אין די מואַוויס, און דאָס קינד האָט געדאַרפט צוקוקן די קושעניש און די ליב... — זי קאָן שוין ניט פאַרענדיקן און צעכליפּעט זיך.

די ריכטער באַטראַכטן דעם מאַן, ווי ער שטייט זיך אַזאַ רואיקער די גאַנצע צייט, און פרעגן אים, וואָס ער האָט צו זאָגן.

— אַלץ איז אמת וואָס זי זאָגט, — גיט דער מאַן אָפּנהאַרציק אַ זאָג, און דאַרום די ליפּן זיינע צעלייגן זיך ווייכע שטריכן, וואָס מ'קאָן אָננעמען פאַר אַ לייכטן שמייכל. עס זעט זיך ניט אויף אים, אַז ער זאָל זיך פילן שולדיק אין עפּעס.

די ריכטער דערפילן זיך ווי אין אַ קלעם. אַנשטאָט די קאָנפליקטן, וואָס שפּילן זיך געוויינלעך אָפּ אין פאַמיליע־געריכט, וואו איין צד באַשולדיקט און דער צווייטער צד לייקנט אָפּ, אָדער וויל גלאָט זיך אַרויסדרייען, גיט אָט־דער אָנגעקלאָגטער מאַן צו, אַז אַלץ איז וואָס זיין פרוי באַשולדיקט אים איז אמת. די ריכטער זיצן אין פאַרלעגנהייט. נאָך אַ ווייל שטיל־שווייגן, ווענדט זיך דער פאָרזיצער צום מאַן אינדערשטיל, ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז קיינער זאָל ניט הערן:

— הייסט עס, איר גיט אַליין צו, אַז איר פאַרברענגט מיט פרויען און פאַרנאַכלעסיקט אייער אייגענע פרוי, אייערע קינדער?

דער מאַן הערט די ווערטער פון פאָרזיצער, אָבער מ'זעט, אַז זיי זיינען אים ניט דורכגעדרונגען. ער קומט צו נעענטער צום טיש און זאָגט:

— איך פֿאַרנאַכלעסיק זײ ניט. איך גיב מײַן פֿרוי ווײפֿל געלט זי וויל. נאָר, איך קויף זײ אַלעמען די בעסטע מתנות, זאָל זי אַלײן זאָגן. — ער גיט זיך אַ דרײ אוים צו זײַן פֿרוי, און קוקט אויף איר מיט פֿרײַנטשאַפֿט, עפּעס אַ ווײַטע פֿרײַנטשאַפֿט.

— וואָס קומט מיר אַרויס פֿון זײַנע מתנות? — רופֿט זיך אָן די פֿרוי מיט אַ פֿאַרצווײפֿלטער שטים. — אַז איך און די קינדער זעען אים קײנ־מאָל נישט אָן.

— וואָס־זשע איז דאָס פֿאַר אַ פֿירונג? — רופֿט זיך ווידער אָן דער ריכטער. — אַ פֿאַרהײַרטער מאַן, אַ טאַטע פֿון קינדער, זאָל זיך אַרומשלעפּן מיט פֿרויען. וואו איז אײַער פֿאַראַנטוואָרטלעכקײט, וואו איז אײַער געוויסן?

— איך קאָן זיך ניט העלפֿן, אַזאַ מין נאַטור, — גיט דער מאַן אָפֿנהאַרציק אַ זאָג מיט אַ האַלבן צוריקגעהאַלטענעם שמײכל, ווי ער וואָלט ניט פֿאַר־שטאַנען, וואָס מען מאַכט דערפֿון אַזאַ ווען.

דער ראַבאַי, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צײַט צוריקגעהאַלטן ווי מיט צוואַנגען, האָט מיטאָמאָל שטרענג זיך אָנגערופֿן:

— וואָס מײנט איר אַ נאַטור אַזאַ? אַ גזלן האָט אַ נאַטור אַזאַ צו רויבן! אַ מערדער האָט אַ נאַטור אַזאַ צו הרגענען! איז שוין אַ וועלט הפֿקר? — ער האָט דערפֿילט, אַז ער האָט ניט אָנגענומען דעם ריכטיקן טאָן און איז געבליבן שטיל.

— געהערט איר ערגעץ צו אַ קלוב, אַן אָרגאַניזאַציע? — גיט דער פּסי־כאָלאָג אַ פֿרעג מיט אַ באַרואיקטער שטים, צו פֿאַרווישן דעם ראַבאַים רוגזהדיקן אַרויסטריט.

— נײן, איך בין צופֿיל פֿאַרנומען אין ביזנעס, — גיט יענער אַ זאָג.

— איר וואָלט זיך געדאַרפֿט אָנשליסן אין עפּעס אַ סאָסײעטי, אַ קלוב,

— ראַט אים דער פּאַרזיצער, — גײן צו אַ מיטינג, אַרויסנעמען אײַער פֿרוי אין אַ מואווי, אין אַ טעאַטער, אָנשטאָט זיך לאָזן פֿירן פֿון לײַכטזיני־קע פֿרויען.

— אַזאַ מין נאַטור, — האַלט זיך דער מאַן בײַ זײַנס און דאָס מאָל שוין מיט אַ שמײכל, ווי ער וואָלט חוזק געמאַכט פֿון זיך אַלײן.

די ריכטער האָבן זיך דורכגערעדט צווישן זיך, האָבן אײַנגעזען, אַז זײ

קאָנען דאָ גאָרנישט טאָן צו העלפֿן דער אומגליקלעכער פֿרוי, און האָבן באַשלאָסן צו שיקן מאַן־און־ווייב צו אַ פּסיכיאַטער.

ביים אַרויסגיין זיינען דער פֿרוים פֿאַרצווייפֿלטע בליקן נאָך אַלץ געווען אָנגעהאַנגען אין די ריכטער און מיט פֿאַרבראָכענע פֿינגער האָט זי גע־רעדט צו זיך אויף ייִדיש: „וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן? ...”

אַ פאַרביסענער סאָסייעטי־פּרעזידענט

אַ גערעטעניש דעם אָונט ביי דער זיצונג פון פאַמיליע־געריכט, אויף קריגערייען און רייסערייען צווישן די נאָענטסטע אין פאַמיליעס — מאַן און ווייב, עלטערן און קינדער, ברידער און שוועסטער, אָבער אין אָט־די אַלע שטרייטנדיקע צדדים זיינען די הויפּט־קריגער קראַנקע, עמאָציאָנעל־פאַרשאַפּטע און צעשרויפטע מענטשן, וואָס זיינען ערגעץ־וואו צעריבן געוואָרן צווישן די מילשטיינער פון אָנגעשטרענגטן, שווערן לעבן. עס נעמט אָפּט אַ סך צייט און מי פון די ריכטער צו דערגרונטעווען זיך צו דער אמתער סיבה פון זייערע צאַנקערייען.

אָבער אָט האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ בילד פון אַ מלחמה צווישן צוויי צדדים — ביידע לאַגערן געזונטע, נאָרמאַלע מענטשן.

פאַרן ריכטער איז געשטאַנען אַ מיטליאָריקער ייד, אַ פרומער, מיט אַ טיפער יאַרמולקע אויפן קאָפּ. לויטן פּנים זיינעם איז שווער צו באַצייכע־נען ווי אַלט ער איז — עפּעס זעט ער נישט אויס אַזוי אַלט, אָבער פאָרט פאַרעלטערט, ווי אַ שווערע זאָרג וואָלט זיך צעלייגט אויף אים און אים דערדריקט. פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ טיפער אומעט. ער איז געשטאַנען פאַרן ריכטער־טיש אַ שטילער, אַביסל איינגעבויגן, נאָר ווען ער האָט געדאַרפט אָנהייבן איבערגעבן זיין אָנקלאַגע, האָט מען געזען, ווי אַלץ אין אים רייסט זיך מיט כעס און אימפּעט, און שוין ביי די ערשטע ווערטער האָט ער זיך גענומען קאָכן.

— אָט־דער פּושע־ישראל, דער מחלל־שבת, — האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן אָנגעקלאָגטן, דעם פּרעזידענט פון זיין סאָסייעטי.

— באַרואיקט זיך און קאָכט זיך נישט אַזוי, — האָט אים אָפּגעשטעלט דער פאָרזיצער פון געריכט, אַ לאַנג־יאָריקער איסט־סאַידער לאָיער, וואָס זאָגט אַליין וועגן זיך, אַז ער איז אַן „אויסגעריכערטע ליולקע״ און ווערט שוין פון קיין זאַך נישט נתפּעל. — דערציילט בעסער וואָס איר פאַר־לאַנגט, נאָר קאָכט זיך נישט.

— גרינג צו זאָגן, קאָכט זיך נישט, — גיט יענער אַ קרעכץ און קאָן קוים

אַפּציען דעם אָטעם. ער כאַפּט זיך פֿאַרן האַרצן און רעדט ווייטער. — ער האָט מיך קראַנק געמאַכט מיט זיין רשעות. איך געהער שוין צום קראַנקן אונטערשטיצונג פֿאַריין 43 יאָר, אַריינגענומען אַהין מיינע 3 זין מיט זייערע פֿרויען, האָב אַפּילו אַ קינד ליגן אויפֿן בית־עולם פֿון פֿאַריין.

ער פֿאַרטראַכט זיך אַ ווייַלע, ווי ער וואָלט אין זכרון געבלעטערט די 43 פֿאַרגאַנגענע יאָרן מיט די ליידן און פֿריידן אין דער אָרגאַניזאַציע, מיט די בר־מצוות און חתונות און אַנדערע יום־טובים, וואָס מ׳האָט ברודערלעך געפּראַוועט, און אויך לוויות, וואו מ׳האָט צוזאַמען געלאָזט אַ טרער.

— וואָס־זשע האָט פּאַסירט? — שלאָגט אים דער ריכטער איבער די רעיונות.

ער גיט זיך אַ כאַפּ און קוקט מיט פייכטע אויגן אויף די ריכטער.

— יאָ, — זאָגט ער אַרויס מיט אַ שוואַכן קול, און די בליקן זיינע פּלאָנטערן זיך נאָך אַלץ צווישן די פֿאַרבלייכטע געדרייטע ווענט פֿון די פֿאַרפֿלויגענע 43 יאָר. — נו, איז דאָך שוין די סאָסייטעי געוואָרן אַזוי ווי איין פֿאַמיליע — איך און מיין ווייב, די דריי קינדער מיט זייערע פֿרויען, אַ קינד אויף אונדזער סעמעטערי. העלפֿט גאָט און מיין פֿערטער זון האָט מיט מזל חתונה. — ער שטעלט זיך אָפּ, ווי ער וואָלט זיך שלאָגן מיט דער דעה וועגן עפּעס, און דערציילט ווייטער. — קומט ער דאָך אוודאי מיט זיין פֿרוי אין דער סאָסייעטי זיך אָנשליסן, וויל דער פּרעזידענט זיי אַפּילו נישט אַריינלאָזן.

— וואָס דערציילט ער נישט, אַז זי איז אַ שיקסע, זיין שנור? — האָט זיך צוגעשטופּט מיטן בייכל פֿאַרויס דער פּרעזידענט פֿון דער סאָסייעטי, אַ ייד פֿון אַ יאָר פֿופֿציק, און אָנגעשטעלט אויפֿן אָנקלעגער אַ פּנים, וואָס מ׳רופֿט: „יענעם אויף צעפּיקענש".

— פּושע ישראל, זאָלסט מיר נישט באַנוצן אַזעלכע ווערטער! — האָט דער טאַטע פֿון געקריוודעטן זון אויסגעשריען מיט האַרץ. זיין פּנים האָט גענומען מיניען די קאָלירן — צונטער־רויט, דערנאָך בלייך און צום סוף חושך ווי אַש־קאָליר. ער האָט מיט ציטערדיקע הענט אַרויסגעשלעפּט פֿון זיין בוזעם־קעשענע צוויי בריוו, זיי אָוועקגעלייגט פֿאַר די ריכטער אויפֿן טיש און זיך אָנגערופֿן:

— נאָט, זעט וואָס צוויי רבנים זאָגן וועגן דער שנור.

דער יונגער ראַבאַי־ריכטער, וועלכער האָט זיך אין פֿאַמיליע־געריכט שוין

געמאַכט אַ נאָמען מיט זיין וועלטלעכקייט, ערנסטקייט און פאַרשטענדעניש פאַר מענטשלעכע פּראָבלעמען, לייענט איבער די בריוו און גיט איבער דעם אינהאַלט די אַנדערע ריכטער. מ׳האָט געקאָנט זען, ווי דער וואָלקן, וואָס איז געהאָנגען איבער זיין פּנים די גאַנצע צייט, האָט גענומען פאַרשווינדן. ער האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר טיפע, ערנסטע אויגן און זיך אָנגערופן צום אָנגעקלאָגטן:

— מיין ליבער פריינט, אָט זאָגן צוויי באַגלויבטע רבנים, אַז זיין שנור איז אַ גוטע יידישע טאָכטער כדין וכדת.

— מיר האָבן אונדזער קאָנסטיטוציע! — גיט דער פּרעזידענט פון דער סאָסייעטי חוצפּהדיק אַ זאָג, און שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ פאַרעלטערט געלבלעך דין ביכעלע און לייגט עס מיט רוגזה אַוועק אויפן ריכטער־טיש. — אָט שטייט דאָ געשריבן, אַז מיר זאָלן אַריינגעמען בלויז יידישע קינדער.

די ריכטער קוקן אַ וויילע אַריין אין ביכעלע און דער ראַבאַי רופט זיך אָן מיט ווארעמקייט אין קול:

— אמת, ס׳שטייט טאַקע אַזוי געשריבן, אָבער זי איז דאָך אַ יידישע טאָכטער. אָט איז געקומען אַ קינד פון אַן אַנדער פאָלק און מיט איר אייגענעם ווילן זיך באַהעפט מיט אונדזער פאָלק און אָנגענומען אַלע יידישע פאַרפליכטונגען. איז וואָס האָט איר צו איר?

— מיר האַלטן זיך ביי אונדזער קאָנסטיטוציע! — טענהט אַלץ פאַר־עקשנט דער פּרעזידענט און גיט אָנגעכמורעט אַ זאָג צו אַ געוויסענעם פּרעזידענט, וועמען ער האָט געבראַכט ווי אַן אונטערשטופּער, ער זאָל אויך עפּעס זאָגן. יענער איז מיט ניט־דרייסטע טריט צוגעקומען צום ריכטער־טיש.

—לאָמיר טאַקע הערן וואָס איר ווילט זאָגן, — האָט זיך אָנגערופן דער געשעפטסמאַן־ריכטער, אַ קלוגער, גוט־ברודערישער ייד מיט אַ שמייכלענ־דיקן פּנים. — אָבער פריער הערט מיך אויס. שטעלט זיך פאָר, אַז איר זענט דער פאָטער פון אָט־דעם זון, האָט דורכגעמאַכט צרות און יסורים ביז איר האָט דערלעבט צו פירן אים צו דער חופּה — איך דאַרף אייך ניט דער־ציילן, איר ווייסט אַליין מסתמא די זאַכן. נו, פרעג איך אייך, וואָלט איר געוואָלט, אַז די סאָסייעטי זאָל פאַרצאַפּן אַזוי פיל בלוט אי אייך, אי אייערע קינדער?

דער עדות האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. האָט זיך געקווענקלט, זיך געדרייט אויף אַלע זייטן און שטיל אַרויסגעשטאַמלט:

— כ'ווייס, זיי זאָגן אין דער סאָסייעטי, אַז די שנור זיינע גייט ניט אין מקווה.

— ס'אַ ליגן! — דערהערט זיך אַן אויסגעשריי פון דער זייט. דאָס האָט דער שווער זיך איינגעשטעלט פאַר זיין שנור.

דער ריכטער בייגט זיך איבער צום עדות, גיט אים היימיש אַ גלעט אי־בערן אַקסל און שטעלט אַן אַ פּאָר ברייט־צעעפנטע אויגן גלייך דעם עדות אין די אויגן אַריין.

— זאָגט מיר דעם אמת, — רעדט ער געלאָסן און וואַרעם, — גייען אייערע טעכטער אין מקווה?

דאָס איז געקומען אַזוי אומגעריכט פאַרן עדות, אַז ער האָט זיך פאַרלוירן, און זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין. און דאָ פילט ער דעם פּרעזידענטס בליקן אויף זיין פּלייצע. אָבער ער קאָן זיך ניט העלפן, ער קאָן נישטביישטיין די גרויסע, טיפע אויגן פון דעם צוגעלאָזטן ריכטער מיט זיין וואַרעמקייט, און ער גיט אַ זאָג:

— כ'ווייס, דאַכט זיך, אַז ניט.

— איר מיינט, אַז זיי גייען ניט אין מקווה?

— ווער גייט עס אין מקווה אין אַמעריקע? — גיט שוין יענער אַ זאָג, ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערע משא פון זיך.

דער לאָיער־ריכטער, די „אויסגערויבערטע ליולקע", האָט אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער הויך אויפן קול: „אָט האָסטו דיר!" . . .

דער ראַבאַי האָט אַרונטערגעשלונגען אַ לייכטן שמייכל, וואָס האָט זיך געריסן פון אַרום די ליפּן, אָבער זיין פּנים איז געווען ערנסט, ווען ער האָט זיך אָנגערופן צום אָנגעקלאָגטן:

— איר טוט אַלץ, וואָס איז קעגן דער יידישער רעליגיע און יידישער טראַדיציע און מיינט, אַז איר זענט פרומער און בעסער פון אַלעמען.

ער רעדט זיך דורך מיט די אַנדערע ריכטער און זיי טראָגן אַרויס אַן אורטייל, אַז ביים קומענדיקן מיטינג פון דער סאָסייעטי זאָל מען אויפ־נעמען די אַפּליקאַציע פון דעם יונגנמאַן מיט זיין פרוי אַלס מיטגלידער.

אַרויסגייענדיק האָט דער גליקלעכער טאַטע צוגעוואָרפן דעם פּרעזידענט פון דער זייט:

— און דער פּסוק „ואהבת את הגר" („זאָלסט ליב האָבן דעם פרעמדן") איז ביי אים שוין גאָרניט ווערט?

חברטעס אין נויט

פאַרן ריכטער־טיש איז געשטאַנען אַ מאַן אין די שפּעטע זעכציקער. ער האָט אָבער ניט אויסגעזען זיינע יאָרן. דאָס פּנים — נאָך גאַנץ גלאַטיק און די אויגן — רירעוודיקע, אומרואיקע. ער איז געקומען זיך באַקלאָגן אויף זיין טאָכטער, אַז זי האָט אים געקרייוודעט. ער איז געשטאַנען און געטראַכט, נישט געוואוסט ווי אָנצוהייבן.

— לאָמיר הערן אייער טענה, — האָט אים דער פאָרזיצער אַרויסגעריסן פון זיין פאַרטראַכטקייט.

— ס׳איז מער ווי אַ טענה, — האָט ער אָנגעקוקט די ריכטער מיט פאַר־וואונדערונג און אין דער זעלביקער צייט מיט הכנעה, אַפּנים כדי זיי געפעלן צו ווערן. — איך וועל אָנהייבן פון דער לעצטער צייט, איידער מיין פרוי איז געשטאָרבן. זי איז קראַנק געווען פיר חדשים, האָב איך דער נוירס, וואָס פלעגט אַריינקומען, געהאָלפן אכטונג געבן אויף איר, געהאָלפן זי אָפּהיטן, — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ טאָן פון זעלבסט־לויב.

ער פאַרטראַכט זיך ווידער. ער וואָלט געוואָלט דערציילן נאָך עפּעס אַ גוטע זאַך, וואָס ער האָט געטאָן פאַר זיין פרוי, און ער נישטערט אין די געדאַנקען, נאָר זיי גליטשן זיך פאַרביי אָן וועלכע ס׳איז אויסצייכענונגען.

דער האַבאַי־ריכטער האָט זיך צוגעבויגן צום פאָרזיצער און אים אַריינ־געשושקעט אין אויער:

— אוודאי, ער האָט געהאָלפן אכטונג געבן אויף זיין פרוי! ס׳קומט אים אַ קניפּ אין בעקל . . .

דער מאַן האָט אויפגעכאַפּט דעם סוד אויף זיין חשבון. ער האָט זיך דערפילט געטראָפן און איז געבליבן שטיין פאַרלאָרן. ער האָט זיך געהאַט געגרייט נושא־חן זיין ביי די ריכטער, כדי זיי זאָלן אים געבן גערעכט, און דאָ גאָר אַזאַ ברוך־הבא גלייך צום אָהייב.

— וואָס איז ווייטער געשען? — האָט דער פאָרזיצער אים געפרעגט.

דער מאַן נעמט זיך צונויף און דערציילט ווייטער:

— דריי וואָכן איידער מיין פרוי איז געשטאָרבן האָט זי מיך געבעטן

איך זאָל זי אַרונטערנעמען פון בעט און אַריינפירן זי אין צווייטן צימער. דאָרט האָט זי מיר געוויזן באַהאַלטן אין אַ שופלאַד פון קאָמאָד אַ באַנק־ביכל מיט העכער צוויי טויזנט דאָלער. איך האָב קיינמאָל ניט געוואוסט וועגן דעם. ווען איך האָב אַריינגעקוקט אין באַנק־ביכל האָב איך דערזען, אַז דאָס געלט איז אַוועקגעלייגט געוואָרן פאַר דער טאָכטער. מיין פרוי האָט ניט געקאָנט לייענען ענגליש, האָט די טאָכטער דאָס אוודאי אַליין אַריינגעשריבן, אַז דאָס געלט זאָל זיין פאַר איר.

ער שווייגט אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערלייגן וואָס ווייטער צו דערציילן, אָבער ער בלייבט שטיל.

די טאָכטער, וועלכע איז געשטאַנען ביי דער זייט, האָט זיך שאַרף אָנגערופן:

— דערציילט, דערציילט, וואָס דו האָסט דעמאָלט געזאָגט דער מאַמען!

— ס'האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, האָב איך דאָס געזאָגט, — האָט זיך דער פאָטער אַ קער געטאָן צו דער טאָכטער מיט כעס.

— וואָס אַזעלכעס האָט איר געזאָגט? — האָט דער לאָיער־ריכטער אים געצויגן פאַרן צונג.

דער פאָטער קווענקלט זיך. ער פילט, אַז ער גליטשט זיך אַריין אין אַ צרה, אָבער ער מוז דערציילן, — די ריכטער קוקן אים אין מויל אַריין.

— איך בין געווען אין כעס, — זאָגט ער ענדלעך אַרויס לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף גלאָז, — האָב איך אַ זאָג געטאָן, אַז איך וועל מער ניט אַכטונג געבן אויף איר. זאָל די טאָכטער, וועמען זי גיט אַוועק דאָס געלט, אַכטונג געבן אויף איר.

די ריכטער קוקן זיך איבער דערשטוינט. דער ראַבאַי, וועלכער ווייזט שטענדיק אַרום גרויס געדולד מיט אַלעמען אין געריכט, דרייט זיך אַז אויפגערעגטער אויפן שטול און קוקט מיט גרויס פאַרדרוס אויפן אָנקלאָגער, וואָס איז אין זיינע אויגן איצט געוואָרן אַן אָנגעקלאָגטער.

— לאָמיר איצט הערן וואָס איר האָט צו דערציילן, — האָט דער פאַרזיצער זיך געווענדט צו דער טאָכטער.

די טאָכטער, אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק, מיט אַ פנים פאַרפלאָמט פון אויפרעגונג און מיט שווערן אָסמאַטישן אָטעם, האָט זיך דערנענטערט צום טיש. זי האָט אויפגעהויבן אַנטצונדענע אומעטיקע אויגן צו די ריכטער און זיך אָנגערופן:

— ער האָט פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז ער האָט געסטראַשעט די האַלב־טויטע מאַמע, אַז ער וועט אַוועק פון הויז און זי לאָזן אַליין, — האָט די טאָכטער קוים אַרויסגערעדט מיט אַ צעבראָכענער שטים און זיך צעוויינט. זי האָט דאַן געגומען שילדערן פאַר די ריכטער אַ בילד פון אַן אָרעם און ביטער לעבן, וואָס איר מאַמע האָט געהאַט, ווי דער טאַטע האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף זיין הויז־געזינד און ס'האָט אים ניט געאַרט אַפילו, ווען זיי האָבן געהונגערט.

— איך בין די עלטסטע און צו פערצן יאָר האָב איך שוין געוואַשן פרעמ־דע וועש צוזאַמען מיט דער מאַמען, — האָט זי מיט האַרץ גערעדט. — איך האָב ניט געהאַט קיין לייטיש קליידל אויפן לייב, קיין גאַנצע פאָר שיך. די מאַמע אויך ניט. מיר האָבן ביידע געשלעפט די גרויסע פעק פרעמדע וועש, און אונטער אַט־דער שווערער משא איז געשלאָסן געוואָרן אַ טיפע איבערגעגעבנקייט צווישן אונדז ביידע. מיר זיינען געוואָרן חברטעס, חברטעס אין נויט. די מאַמע האָט זיך אָנגעהויבן פאַרטרויען פאַר מיר מיט אירע צרות, מיט איר עלנט, און מיין האַרץ האָט געוויי טיקט פאַר איר. כ'האָב שאַרף דערזען, ווי אומגענטשלעך מיין טאַטע באַגייט זיך מיט אונדז, ווי ס'אַרט אים גאָרניט פאַר אונדז, אַז מיר האָבן אים קוים געקענט און ער אונדז — נאָך ווייניקער. איך האָב געמוזט אויפהערן גיין אין סקול, ווייל איך האָב געדאַרפט אַרבעטן, און איך האָב אַזוי ליב געהאַט דאָס לערנען, האָב ליב געהאַט לייענען, אַ סך לייענען.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דורך פייכטע וויעס געקוקט די ריכטער אין די אויגן מיט פאַרשנדיקע בליקן, צי זיי פאַרשטייען וואָס פאַרן קליין מיידעלע דעמאָלט האָבן געמיינט די אַלע איבערלעבענישן, — און אַזוי האָבן זיך געצויגן שווערע, גרויע יאָרן. מיר זיינען אונטערגעוואַקסן. איך און מיין ברודער און שוועסטער, מיר האָבן אַלע אָנגעהויבן אַרבעטן און אַריינברענגען געלט אין הויז. אָבער דעם עול האָב איך נאָך אַלץ געטראָגן מער פון אַלעמען. איך האָב מיין מאַמען פאַר די לעצטע פופצן יאָר אונטער־געשטופט פון צייט־צו־צייט עטלעכע דאָלער, זי זאָל זיך דערלויבן אַ ביסל לוקסוס, מישטיינס געזאָגט. אָבער מיין מאַמע, מיין לאַנג־יאָריקע חברטע, האָט דאָס געלט קיינמאָל ניט אויסגעגעבן אויף זיך, זי האָט דאָס אַוועק־געלייגט אין באַנק און פלעגט מיט פרייד מיר קוקן אין די אויגן און זאָגן: — טאָכטערשי, געדענקסט, ווי מיר פלעגן ביידע זיך אויסדרייען די הענט

מיט די פרעמדע וועש? איז וואס דארף איך איצט לוקסוס? זאלן ליגן עטלעכע דאלער אוועקגעלייגט, ס'איז דיינס.

זי בלייבט שטיל, ווייל אפטרעטן פון טיש, נאר זי כאפט זיך מיטאמאל און רופט זיך אן:

— ס'איז מיר א חרפה זיך צו אמפערן איבערן געלט, נאר איין זאך וויל איך זאגן, הערן ריכטער, דאס געלט טאר ניט גיין צו דעם מענטשן, וועלכער האט אזוי טיף באליידיקט און ווי געטאן מיין מאמען. איך בין גרייט אוועקצוגעבן דאס געלט פאר וואילטעטיקע צוועקן איידער ער זאל פון דעם געניסן. אגב האט ער אייגענע עטלעכע טויזנט דאלער.

די ריכטער באראטן זיך און בעטן די טאכטער מיטן טאטן ארויסגיין אין צווייטן צימער, ווייל זיי ווילן זיך דורכרעדן מיטן ברודער און דער יינגער שוועסטער, וועלכע זיינען געקומען מיטן פאטער. דער פארזיצער ווענדט זיך צו זיי.

— איז אמת, וואס אייער שוועסטער האט דא דערציילט?

דער ברודער, א יונגערמאן מיט אן אפענעם פנים און ערלעכע אויגן, ענטפערט ניט באלד. ער קוקט צו די ריכטער, שאקלט אומעטיק מיטן קאפ, ווי געריירט פון זיין שוועסטערס רייד, וועלכע האבן געבראכט צוריק זיינע אייגענע ביטערע, פארווארלאזטע קינדער־יארן, און רופט זיך אן מיט א ציטערדיקן קול:

— ס'איז מיר שווער צו רעדן קעגן טאטן. פארט א טאטע. אבער זי האט דערציילט דעם אמת. מיר, איך און די יינגסטע שוועסטער, זיינען קינדווייז געווען ווייניקער נאענט מיט דער מאמען, טאקע צוליב איר שטארקער פריינטשאפט מיט אונדזער עלטסטער שוועסטער. כ'ווייס ניט ווי אזוי דאס האט פאסירט. יא, זי זאגט דעם גאנצן אמת.

ער ווארפט א בליק צו זיין פרוי און זיין יינגסטער שוועסטער, צי זיי זיינען ניט ברוגז אויף אים פאר זיינע רייד, ווייל דער פאטער האט זיי געבראכט זיי זאלן אים העלפן.

די ריכטער רעדן זיך דורך צווישן זיך און באשליסן, אז די טאכטער דערציילט דעם אמת.

אויפן וועג אהיים איז דער פאטער געגאנגען מיט א טיף־אראפגעלאזענעם קאפ. ווער ווייסט וואס פאר א געדאנקען עס האבן זיין קאפ אזוי אראפגעזונקען.

די גרויסע, צעשראָקענע אויגן...

מאַן און ווייב זיינען געקומען זיך אַן עצה האַלטן. ביידע זיינען זיי אין די זעכציקער יאָרן, אָבער דאָ שטייען זיי ווי הילפלאָזע קינדער, אָפּהענטיקע, דערשלאָגענע און קוקן אַרויף צו די ריכטער נאָך הילף; זי — מיט האָפענונג, און ער — מיט געבעט.

דער מאַן קומט צו נעענטער, רירט־אָן מיט די שפּיץ־פינגער דעם ריכטער־טיש, ווי ער וואָלט זוכן אַ שטיקל אָנשפּאַר אין זייער טיש פאַר זיין שווערן געמיט, און הייבט אָן מיט אַ ציטער אין קול:

— ס׳איז שווער אייך איבערצוגעבן, וואָס איך לעב דורך, ווען איך דאַרף איינגנטלעך רעדן פאַר דריי — אַ טאַטן, אַ מאַמען און אַ מאַן.

מ׳זעט ווי ער אַליין וויל זיך באַהערשן, זיך האַלטן רואיק. ער פאַרבייסט זיין אונטערשטע ליפּ, ווישט זיך כסדר דעם שטערן, אָבער זיין שטים איז אָנגעזאַפּט מיט טרערן.

ער פירט אַוועק די ריכטער מיט שטילע, אָפּטמאָל צעקרישלטע ווערטער, אויפן פיינלעכן וועג פון זיין לעבן, און דאָ אַנטפּלעקט זיך דער וואָרצל פון זיינע ליידן: ער פילט זיך שולדיק קעגן זיין טאָכטער, שולדיק און פאַר־אַנטוואָרטלעך, און פון דעם נעמען זיך אַלע שוועריקייטן מיט זיין פרוי.

זיין טאָכטער, דערציילט ער, איז איצט 37 יאָר אַלט. זי איז אינטעלי־גענט, באַלעזן, איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ לערערין — אַ גוטע לערערין, אָבער זי איז גייסטיק צערודערט. און אָנגעהויבן האָט זיך עס, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע. טאַטע־מאַמע פלעגן זיך קריגן, זיך אַרומ־רייסן, יעדער איינער פלעגט סטראַשען מיט איבערלאָזן האַק און פּאַק און אַוועק פון הויז.

ער שטעלט זיך אָפּ אַ רגעלע, דריקט צונויף די פייכטע ווייעס און רעדט אַרויס מיט האַרץ, ווי פאַר זיך אַליין:

— איך קאָן נאָך איצט זען, ווי דאָס קליינע טיף־פילנדיקע מיידעלע מיט די צוויי אַרויסשטאַרטשנדיקע צעפּעלעך פלעגט זיך דערמאָלט פאַררוקן אין אַ ווינקעלע מיט פאַרשטשעמעטע ליפּעלעך און אַרויסקוקן פון דאָרטן מיט גרויסע צעשראָקענע אויגן.

ער כאַפּט זיך, אַז ער רעדט צו זיך אַליין און ווערט אַנטשוויגן.

— דערציילט, דערציילט, — ווענדט זיך צו אים דער פאָרזיצער, אַ גע־רירטער.

—אַט־די גרויסע צעשראָקענע אויגן אירע, — כאַפּט ער ווידער אָן דעם פאָדעם, — זיינען וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ טיפער און אומעטיקער, און ווען איר מאַמע איז מיט אַ צייט שפּעטער געשטאָרבן, געהרגעט געוואָרן אין אַן אומגליקספאַל, איז דאָס קינד שטאַרק צערודערט געוואָרן און זיך גענומען טוליען צו מיר מיט אַן אומבאַשרייבלעכער בענקשאַפט, ווי עפּעס אַ טיף־פאַרבאָרגענע שרעק וואָלט זי געטריבן צו זוכן ביי מיר אַ רעטונג. ווען איך האָב אין אַ צייט אַרום חתונה געהאַט, האָב איך עס אין אַ גרויסער מאָס געטאָן אויך צוליב מיין טאָכטער, וועלכע איז שוין געווען אַ דער־וואַקסן מיידל, אָבער נאָך אַלץ צערודערט און דערשראָקן.

ער ווערט אינגאַנצן אַנטשוויגן, קוקט זיך אַרום, פאַרהאַלט דעם בליק אויף זיין פרוי, וועלכע שטייט לעבן אים אַ פאַרזאָרגטע, אַן אָפּגעצערטע, אָבער מיט אַנטשלאָסנקייט אין די אויגן.

— איך פיל זיך גאָרניט שולדיג, איך בין אַליין קראַנק געוואָרן לעבן איר, איך בין קראַנק, — האָט די פרוי זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי דער מאַן וואָלט זי אַ ברי געטאָן מיט זיין בליק.

— האָט איר צוגעגרייט אייער טאָכטער צו דעם, אַז איר ברענגט אַ צווייטע פרוי אַהיים, און ווי האָט זי אויפגענומען איר נייע מאַמע? — האָט מיט גרויס אינטערעס געפרעגט דער פּסיכאָלאָג־ריכטער.

— לויט איר טיפער אינערלעכער דערשראָקנקייט און אומזיכערקייט אין זיך, קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, אַז קיין גרויסע פרייד איז ניט אַריין אין איר לעבן, — האָט דער מאַן געזאָגט, און ס'זעט זיך אָן, אַז ער לעבט זיך טיף אַריין אין זיין טאָכטערס צושטאַנד און אין אירע געפילן, און פאַר־שטייט זי גוט.

אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט ער ווייטער דערציילט, האָט זיין טאָכ־טער זיך אַרויסגעצויגן פון הויז און געוואוינט מיט אירער אַ באַקאַנטער, וועלכע איז אויך גייסטיק צערודערט. זי איז כמעט אַנטלאָפן פון הויז, אַ דערשראָקענע און צעפייניקטע, ווייל מיין פרוי האָט עטלעכע מאָל געשריען אויף איר פאַר אַ קלייניקייט, האָט איר אַ וואָרף געטאָן אירע שיך מיט רוגזה.

— איך האָב דאָך בלויז געמיינט זי צו לערנען ווי צו האַלטן אירע שיך אויף אַ פּלאַץ, און אַנדערע אַזעלכע זאַכן. איך קאָן דאָך ניט אַרומגיין אַרום איר ווי אויף גלאָז די גאַנצע צייט. איך בין אַליין אַ קראַנקער מענטש, — האָט די פרוי געזאָגט מיט אַ געבראָכענער שטים.

— נו, האָט זי זיך אַרויסגעצויגן, מיין טאָכטער, — האָט דער מאַן ווייטער דערציילט און געוויגט מיטן קאָפּ, ווי מ'באַקלאָגט עפּעס אַן אומגליק, — און מיין האַרץ איז מיר אויסגעגאַנגען. כ'האָב געוואוסט, וואָס זי לעבט דאָרט איבער אין איר פינצטערער שרעק איינינקע אַליין. איין טאָג האָט זי צוזאַמענגעבראָכן און מ'האָט זי געמוזט אַוועקנעמען אין אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע. איך האָב נאָך דעמאָלט געהאַט געלט צו האַלטן זי אין פּריוואַטע שפּיטאָלן.

— זי האָט אונדז געלאָזן אַן אַ גראָשן ביי דער נשמה, — האָט די פרוי מיט ביטערקייט אַ זאָג געטאָן און זיך פאַרכאַפּט. זי האָט געזען, אַז איר זאָג האָט געלאָזן אַ שלעכטן איינדרוק.

— וואו איז אייער טאָכטער איצט? — האָט איינער פון די ריכטער אַ פרעג געטאָן.

— זי איז ווידער מיט אונדז, — האָט דער מאַן געענטפערט. — איך האָב שוין ניט געקאָנט מער צאָלן די גרויסע געלטער, וואָס זיי רעכענען דאָרט אין די פּריוואַטע פּלעצער, און האָב זיך הייליק פאַרשוואָרן ניט צו לאָזן זי צונעמען אין אַ שטאַטישן אַנשטאַלט אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן. אגב, האָט מיר דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז די זיכערקייט און דאָס ביסל צוטרוי צו זיך, וואָס זי קריגט, ווען זי איז מיט מיר, קאָן דער בעסטער שפּיטאָל איר ניט געבן.

ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל ער עס דאָ אַרויסברענגען, צי ניט, און ער רופט זיך אָן:

— ס'איז מיר ניט אָנגענעם עס צו דערציילן, אָבער ס'איז וויכטיק, איר דאַרפט עס וויסן. מיין פרוי איז אַוועקגעפאָרן אויף צוויי וואָכן וואַקאַציע. האָט איר געדאַרפט זען, וואָס פאַר אַן אַנדער מענטש מיין טאָכטער איז געווען די גאַנצע צייט. זי פלעגט זיצן מיט מיר ביים טיש און מיר פלעגן עסן צוזאַמען און שמועסן געמיטלעך וועגן פאַרשיידענע זאַכן. די אָנגעשטרענגטקייט אויף איר פּנים האָט זיך ווי אָפּגעטאָן, די גרויסע צעשראָקענע אויגן זיינען עפּעס ווי ווייכער געוואָרן. זי האָט אפילו פון צייט־צו־

צייט אַ לאַנג געטאָן. מיין האַרץ איז אין מיר געוואַקסן פאַר פרייד. אָבער...

ער האָט הילפלאָז אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און איז אַנטשוויגן געוואָרן. די פרוי לעבן אים איז געוואָרן בלייך, איר אָנגעשטרענגטע ליפּ האָט גע־נומען ציטערן. זי האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר פאַרגלייזטע אויגן צו די ריכ־טער, פול מיט געבעט, זיי זאָלן זי ראַטעווען פונעם אומגליק, וואָס רוקט זיך אויף איר.

די ריכטער זיינען שטאַרק געריירט פון דער טראַגעדיע פון די דריי מענ־טשן. זיי רעדן זיך דורך מיט האַרץ, צעוואַרעמט, און זיי באַשליסן, אַז פריער פון אַלץ דאַרף מען ראַטעווען דעם שלום־בית און דערביי אויך ניט פאַרזען די קראַנקע טאָכטער.

— ווי וואָלט געווען, — רופט זיך אָן דער פאָרזיצער צום מאַן, — ווען איר וואָלט געקראָגן אַ פּאַסנדיקע דירה פאַר אייער טאָכטער ניט ווייט פון אייך, אַזוי אַז זי זאָל פילן אַ רואיקייט, אַ מין זיכערקייט, אַז איר זענט שטענדיק דאָ לעבן איר?

ביי דער פרוי שיינען אויף די אויגן און אַ וואַרעמע דאַנקבאַרקייט טראָגט זיך אין אירע בליקן צו די ריכטער. דער מאַן איז אַ ביסל סקעפּטיש און ער רופט זיך אָפּ:

— דאָס וואָלט אפשר געווען דער איינציקער אויסוועג פון דער אומגליק־לעכער לאַגע, אָבער ווער קאָן איצט צוטרעטן צו אַ דירה? מ׳שינדט דאָך די הויט! מיין טאָכטער פאַדינט איינגאַנצן פערציק דאָלער אַ וואָך אין אָפיס, וואו זי אַרבעט, דאַרף זי פון דעם אויסגעבן צוואַנציק דאָלער יעדע וואָך פאַר צוויי וויזיטן ביים פסיכיאַטער, און איך מיט מיין פרוי האָבן קוים אויסצוקומען מיט דער הוצאה.

— וועגן דעם וועלן מיר פּרובירן עפּעס טאָן, — רופט זיך אָן די דירעק־טאָרשע פון יידישן פאַמיליע־געריכט, רוט ריטשמאַן, — כאָטש קיין גרוי־סע האָפענונגען קאָן מען אויף דעם ניט לייגן.

די לעצטע ווערטער האָבן ווידער אויסגעלאָשן די אויפגעוועקטע פונקען ביי מאַן און ווייב. אַרויסגייענדיק האָבן זיי ביידע קוים געשטעלט זייערע טריט, און ער האָט שטיל, מיט ווייטיק געגעדט ווי צו זיך אַליין און גע־וויגט מיטן קאָפּ:

— אַזאַ רייכע שטאָט, אַזאַ ניו־יאָרק, און ס׳זאָל ניט זיין אַ פּיצל ווינקל פאַר מיין קראַנק קינד אַוועקצולייגן רואיק איר קאָפּ. אַזאַ טייער קינד . . .

„וועמען האָט עס געקאָנט איינפאַלן?”...

מאַן און ווייב זיינען אַריינגעקומען צוזאַמען, פרידלעך — און ס'איז די ריכטער געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן. זיי האָבן שוין געוואוסט, אַז מ'וועט איצט אויסמיידן צו הערן באַשולדיקונגען און קלאָגן פון איינעם קעגן אַנדערן.

זיי זיינען ביידע געווען אין די טיפע זעכציקער, דאָס פּאָר־פאָלק, און לויט זייער וואויל־פאַרהיטן אויסזען און קאָסטבאַרע קליידער, האָט מען געקאָנט זען, אַז דאָס זיינען פאַרמעגלעכע מענטשן. זי — אַ באַוועגלעכע, מיט רי־רעוודיקע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויפן מאַן מיט אַ סך וואַרעמקייט און געטריישאַפט, און ער — מער צוריקגעהאַלטן, לאַנגזאַמער אין זיינע באַ־וועגונגען, מיט טיפע, פאַרטראַכטע אויגן, פאַרצויגענע מיט אַ דורכזיכטיקן וואָלקן פון אומעט.

ס'האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז קיינער פון זיי האָט נישט קיין שום קלאָגן קעגן אַנדערן. די פרוי האָט בלויז אַ בקשה צו די ריכטער, זיי זאָלן העלפן איר און איר מאַן אָפּנהאַרציק זיך דורכרעדן.

— וואָס זיינען אייערע שוועריקייטן? — האָט דער פאָרזיצער זיך געווענדט צו דער פרוי.

— חלילה, קיינע שוועריקייטן, — האָט די פרוי זיך געכאַפּט, אַז ווער ווייסט וואָס עס קאָן די ריכטער איינפאַלן צו טראַכטן וועגן זיי. — פאַר־קערט, מיר לעבן זיך זייער פיין. מיר האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערן. אונדזער הייראַט איז נישט געווען פאַרבונדן, ווי עס מאַכט זיך ביי אַנדערע, מיט וועלכע עס איז מאַטעריעלע חשבונות. איך האָב נישט געזוכט קיין „ברויט־געבער”, און אויך ער האָט עס נישט געדאַרפט. מיר זיינען ביידע געווען זייער גוט פאַרזאָרגט.

זי הייבט אויף אַ פּאָר ווייכע אויגן און אירע צופרידענע בליקן — ווי זיי וואָלטן זאָגן: „איר קאָנט עס אַליין זען”. און זי נעמט זיך דערציילן:

— מיר זיינען פאַרהייראַט עטלעכע יאָר, ביי ביידן די צווייטע הייראַט. מיין מאַן איז זייער אַ פיינער מענטש, אַז איבערגעגעבענער. איבערהויפּט

איז ער מיר געפעלן געוואָרן, ווען איך האָב אויסגעפונען, אַז ער האָט געלעבט אַ גליקלעך לעבן מיט זיין ערשטער פרוי, געווען פאַרליבט כמעט די אַלע יאָרן. אויך אונדזער לעבן האָט זיך איינגעשטעלט אַזוי. מיר זיינען זיך געטריי איינער דעם אַנדערן. — זי וואַרפט אַ וואַרעמען בליק צום מאַן און אירע אויגן שיינען. — איך היט אים אָפּ ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אויך ער איז זייער גוט צו מיר — אַ שטילער, איידעלער מענטש. מיר האָבן באַשלאָסן צו וואוינען אין זיין הויז, ווייל דאָרט איז אים אַלץ היימיש און ליב.

זי ווערט אַנטשוויגן אויף אַ ווייל, זוכט אין געדאַנק ווי אַזוי אַרויסצו־ברענגען פאַר די ריכטער דאָס, וואָס באַאומרואיקט זי אַזוי און צו וואָס זי קאָן זיך נישט דערגריבלען. אירע מילדע, צופרידענע אויגן ווערן אומרו־איקער און אין איר שטים כאַפּט זיך איצט אַריין אַ שטילער ציטער.

— שוין אַ שטיק צייט, — רעדט זי ווייטער, — ווי איך האָב אָנגעהויבן באַמערקן, ווי מיין מאַן איז אומעטיק, גייט אַרום אַ פאַרטראַגענער. איך האָב אים אַ סך מאָל געפרעגט וועגן דעם, אָבער ער וויל נישט רעדן. עפּעס דריקט אים. ביי מיר גייט אויס די נשמה, כ'וויל אים העלפן, אָבער איך ווייס נישט וואָס צו טאָן.

זי לייגט אינסטינקטיוו צוגויף די הענט, דריקט די פינגער ביז ווייטיק און בלייבט שטיין אַ הילפלאָזע מיט צער אין די אויגן.

אַ ווײַלע הערשט אַ געדריקטע שטילקייט אין געריכט. די ריכטער קוקן זיך איבער צווישן זיך מיט פרעגנדיקע בליקן. דער ראַבאַי־ריכטער גיט זיך אַ כאַפּ, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, און ווענדט זיך צום מאַן מיט וואַרעמקייט אין קול:

— נו, אויף דעם האָט די ביבל אַ גוטע רפואה: אַז עס דריקט עפּעס אַ מענטשן, זאָל ער זיך אַרויסרעדן, אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן פאַר אַנדערע, און ס'וועט אים ווערן לייכטער. ווי געפעלט אייך די רפואה, מיין פריינט?

דעם ראַבאַיס אינטימער טאָן האָט ווי אָנגעהויבט מיט וואַרעמקייט די געדריקטע שטימונג און אַרויסגעריסן דעם מאַן פון זיין פאַרקלעמטקייט. אַ שאָטן פון אַ שמייכל האָט אַ שוועב געטאָן איבער זיינע אומעטיקע אויגן און ער האָט שטיל זיך אָנגערופן:

— נישט אַלעמאָל קאָן מען זיך אַזוי לייכט אַראָפּרעדן פון האַרצן. אַמאָל איז עס ווי אויפדעקן אַ טיפע וואונד אינמיטן גאַס.

— זיך דורכרעדן מיט אַן אייגענער פרוי איז אויפדעקן אַ וואונד אינמיטן

גאָס? — האָט די פרוי אַ פרעג געטאָן מיט אַ געקריוודעטער שטים. — האָבן מיר דאָך אָנגעהויבן אַ לעבן אויפדאָסניי.

זי וויל נאָך עפּעס זאָגן, נאָר זי באַמערקט, אַז איר מאַן האָט אויפגע־ציטערט, ווי עפּעס וואָלט אים אַ ברי געטאָן. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און געקוקט אים אין די אויגן מיט בעטנדיקע בליקן:

— אויפדאָסניי — האָט זיך פּלוצלינג אַרויסגעריסן ביים מאַן, ווי ער וואָלט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם וואָרט. זיינע שטאַרע אויגן האָבן געקוקט אין דער וויטקייט. מ'האָט געקאָנט זען, ווי עס צעגייט אין אים דער פאַר־גליווערטער ווייטיק, ווי דער אָנגעקליבענער צער אין הארצן גייט אַריבער אַלע ברעגן און רייסט זיך אויסצושרייען.

— פאַרוואָס אויפדאָסניי? פאַרוואָס דערמאָנען כסדר? לאָז זיך דאַכטן, אַז אַלץ איז ווי פריער, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, אַז ס'האָט זיך נישט איבערגעריסן; — פאַלן שוין די ווערטער אימפּעטיק, מאָנענדיק ווי דאָס וואָרט „אויפדאָסניי" וואָלט אויפגעריסן זיין שווער געמיט, און ס'האָט אַ שלאָג געטאָן אַ קוואַל. זיין בליק פאַלט פּלוצלינג אויף זיין פרוי, וועל־כע שטייט אַ דערשראָקענע לעבן אים און קוקט אויף אים מיט ברייט־צעעפנטע, פייכטע אויגן.

ער ווערט מיטאַמאָל שטיל, טרעט אָפּ צוריק און וויל שוין שווייגן, אָבער ער קאָן נישט פאַרהאַמען די ווערטער, וועלכע רייסן זיך געקייטלט איינס אינעם אַנדערן:

— די ערשטע צייט איז דאָס לעבן אונדזערס געגאַנגען מיטן נאַטירלעכן אָנגענומען גאַנג, — די זעלבע וואַרעמע ווענט, די זעלבע אין האַרצן־איינ־געבאַקענע ווינקעלעך, נאָר ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, האָט די היים אָנגע־הויבן אויסקוקן אַנדערש, אַלץ האָט זיך געפונען אויף אַן אַנדער פּלאַץ. איך האָב אָנגעהויבן בלאָנדזשען אויף די נייע סטעזשקעס פונעם הויז, זיך געבלאָנקעט צווישן די זאַכן אויף די פרעמדע ערטער. יעדן טאָג איז מיין האַרץ אין מיר געזונקען אַלץ טיפער. עפּעס אַ פרעמדקייט האָט גענומען ווייען אויף מיר פון אַלע זייטן.

זיין שטים ווערט שוואַכער, די ווערטער הייבן אָן זיך ברעקלען, אָבער ער באַהערשט זיך מיט אַלע כוחות און רעדט קוים אַרויס:

— און אָט קום איך איין טאָג אַריין אין הויז און זע, ווי — — — ער קאָן מער נישט רעדן און צעוויינט זיך ווי אַ קינד. די פרוי דערשרעקט זיך, נעמט אים צערטלעך אַרום, גלעט זיין האַנט אים צו באַרואיקן.

— וואָס האָט פּאַסירט? וואָס האָט פּאַסירט? — בעט זי זיך ביי אים מיט טרערן אין קול.

עס קומט אים אָן שווער צו באַרואיקן און איינגאַנצן אַ צעבראָכענער האָט ער קוים איבערגעגעבן, ווי ער איז איין טאָג אַריינגעקומען אין הויז און האָט דערזען, אַז דער קליידער־שראַנק פון זיין ערשטער פרוי איז נישטאָ מער און אויף זיין אָרט איז געשטאַנען אַ נייער שראַנק.

ער האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר פאַרטראַכטע אויגן און געקוקט צו די ריכ־טער מיט פאַרשנדיקע בליקן, צי זיי פאַרשטייען כאָטש, וואָס פאַר אַ קלאַפּ האָט איז געווען פאַר אים.

דער פּסיכאָלאָג־באַאָבאַכטער האָט אין דער געדריקטער שטילקייט זיך אַריבערגעבויגן צו איינעם פון די ריכטער און אים אַריינגעשושקעט אין אויער:

— אוי, ווי דער מאַן איז נאָך אַלץ פאַרליבט אין דער ערשטער . . .

די פרוי האָט אויפגעכאַפּט די ווערטער און איז בלייך געוואָרן. אירע הענט האָבן זיך ציטערנדיקע אָראָפּגעלאָזט. זי האָט מאָדנע אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן, ווי זי וואָלט דערזען אַ פרעמדן מענטשן פאַר זיך. איר פּנים איז ווי מיטאַמאָל פאַרעלטערט געוואָרן.

— נו, איז דאָך טאַקע אמת, אַז מ'דאַרף זיך שטענדיק דורכרעדן, — האָט דער ראַבאַי איבערגעריסן די שווערע שטילקייט, — אַ סך טראַגעדיעס וואָלטן פאַרמידן געוואָרן, ווען מענטשן וואָלטן זיך דורכרעדן, פאַרטרויען איינס פאַרן אַנדערן. — זיינע רייד האָבן געקלונגען ווי טרייסט־ווערטער.

דער מאַן האָט אויפגעהויבן די אויגן און מיט ווייכקייט אין קול אַרויס־גערעדט:

— ווי האָב איך גאָר געקאָנט אָנהייבן רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן מיט מיין פרוי? ס'איז אמת, וואָס זי האָט געזאָגט, זי איז אַ געטרייע, אַן איבער־געגעבענע, און איך האָב נישט געוואָלט איר ווי טאָן. זי איז מיר זייער טייער.

די פרוי האָט זיך אויסגעגלייכט, ווי זי וואָלט זיך באַפרייט פון עפּעס אַ שווערער משא. אירע אויגן האָבן דורך די פאַרטרערטע וויעס ווידער אויפ־געלויכטן. זי האָט צאַרט אים אָנגענומען ביים אָרעם, וואָרעם אַריינגע־קוקט אין פּנים און זיך אָנגערופן:

— ווען האָט עס גאָר געקאָנט איינפאַלן? . . . נו, אַבי מיר האָבן זיך דורכגערעדט און זיך פאַרשטאַנען.

אויף אירע דינע פלייצעלעך . . .

דער אמתער העלד פונעם אונט איז געווען א פופצן־יאריק מיידעלע — כאטש זי האט קיינעם ניט אנגעקלאגט. זי האט אויסגעקוקט א סך יינגער פון אירע יארן, דאס מיידעלע — מיט דינע פלייצעלעך און אן איינגעפאלן פנימל. בלויז די אויגן האבן דערציילט, אז דא שטייט א „דערוואקסענער מענטש” מיט א היפש ביסל צרות — אויגן ארומגעזוימט רויט, א סימן, אז זיי האבן שוין פארזוכט דעם טעם פון ביטערע טרערן.

זי שטייט איינגעקלעמט צווישן טאטע־מאמע און ס׳קוקט אויס, ווי אי זיי טוליען זיך צו איר, אי זיי הענגען זיך אן אויף איר און אירע שוואכע פלייצעלעך ברעכן זיך אונטער דער לאסט.

די מוטער, א מיטליאריקע פרוי מיט א יונג־פארעלטערטן פנים, פון וועלכן ס׳שיינען ארויס די ליכטיקע בלויע אויגן, גיט אלע ווייל א קוק אויף דער פאראומערטער טאכטער און פירט מיט די פינגער איבער די ליפן, ווי זי וואלט געוואלט אראפווישן די ווערטער, וואס האבן זיך געריסן פון דער טיפעניש פון צעווייטיקטן געמיט. דער פאטער, א ביסל עלטער פון איר, אן אומרואיקער, נערוועזער מענטש, איז ניט איינגעשטאנען אויף אן ארט, אבער אלעמאל צוריקגעקומען צו דער טאכטער און זיך געשטעלט הארט ביי איר זייט.

די פרוי האט פארלאנגט פון די ריכטער איינס פון די ביידע — אדער זיי זאלן פועלן ביי איר מאן ער זאל זיך לאזן באהאנדלען פון א פסיכיאטער, אדער זיי זאלן איר העלפן קריגן א גט.

— דער פאמיליע־געריכט איז פאראינטערעסירט אויף אזויפיל ווי מעג־לעך אויסצוגלייכן סיכסוכים צווישן מאן און ווייב, און ניט זיי צעטיילן, — האט זיך אנגערופן דער פארזיצער. — דערציילט אונדז אייערע שוועריקייטן.

די פרוי גיט א פיינלעכן בליק אויף איר טאכטער, ווי ס׳וואלט איר ווייגעטאן, וואס זי וועט איר פארשאפן צער מיט אירע ווערטער, טראכט א ווײלע און נעמט דערציילן :

— ס׳איז שוין אַז אַלטע געשיכטע. ס׳ציט זיך שוין יאָרן. דער מענטש האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַ נאַרישקייט און באַשולדיקט מיך אין אומטרייהייט און פאַרצאַפּט מיר דאָס בלוט. גענומען האָט זיך עס פון אַ קלייניקייט. מיר זיינען געווען אויף אַ חתונה. וואו מיר זיינען געשטאַנען, איז אַ מאַן געזעסן אויפן דיל און עפּעס אַפּגעווישט דאָרט און אומגערן אָנגערירט מיין פוס ביים קנעכל. איז מיין מאַן אויפן אָרט אויפגעשפּרונגען און געמאַכט אַ סקאַנדאַל. איך האָב אים קוים מיט צרות איינגעהאַלטן ער זאָל זיך ניט כאַפּן שלאָגן אי צום מאַן, אי צו מיר.

— אפשר וואָלטן מיר אַרויסגעשיקט אייער טאָכטער אין צווייטן צי־מער? — זאָגט דער ראַבאַי־ריכטער צו דער פרוי.

— ס׳איז ביי איר ניט קיין נייעס צו הערן עס, — ענטפערט די פרוי מיט ווייטיק אין קול און טוליעט זיך צו איר אַ הילפלאָזע. — שוין יאָרן אַזוי. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אָט מיט דעם פינטעלע און ס׳איז אויסגעוואַקסן אין אַ גאַנצן באַרג. איך האָב מיט שרעק צוגעקוקט, ווי זיין אומצוטרוי צו מיר וואַקסט און וואַקסט אין זיין קראַנקן קאָפּ. כ׳האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, האָב פּרובירט רעדן מיט אים רואיק, אים איבערצייגן, אַז אים דאַכטן זיך אויס זאַכן, וואָס זיינען ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. אַמאָל ווייזט זיך אויס, אַז ער זעט אַליין, אַז ער איז אומגערעכט, אָבער ס׳האַלט ניט אַן לאַנג, די משוגעת גיט אים ווידער אַ שפּאַר אין קאָפּ און ס׳איז ווידער צרות. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער עפנט טיר און פענצטער כדי די שכנים זאָלן הערן, ווי ער רופט מיך „באָס" און אַנדערע נעמען.

די פרוי ווערט אַנטשוויגן. די ליכטיקע בלויע אויגן פאַרציען זיך מיט אַ שאָטן, אָבער פון דער טונקלקייט בליקן אַרויס צאַרנדיקע פייערלעך. זי טוליעט זיך שטאַרקער צום מיידעלע ביי איר זייט און רעדט לאַנגזאַם אַרויס פון צווישן די פאַרשטשעמעטע ציין:

— ווען ניט זי, וואָלט איך שוין לאַנג זיך באַפרייט פון אַזאַ גיהנום.

די טאָכטער האָט אַ שלוכץ געטאָן און גענומען ווישן די אויגן. די מאַמע האָט איר גענומען גלעטן איבערן קאָפּ, אַריינגעקוקט איר אין פּנים און זי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. נאָך אַ מאָמענט שטילשווייגן האָט זי גענומען שילדערן פאַר די ריכטער די טראַגעדיע, וואָס זייער טעכטערל לעבט איבער. ביידע האָבן זיי זי ליב, ווי דאָס לעבן, טאָקע אפשר דערפאַר, ווייל זיי זעען ווי זי גייט אונטער אין דער אומגליקלעכער אַטמאָספערע פון דער היים.

די מוטער צערטלט זי, טוט אַלץ איר צו העלפֿן און פֿאַרטרויט זיך פֿאַר איר. אויך דער פֿאָטער איז מערסטנס גוט צו איר. דאָס מיידעלע פֿאַרשטייט איר מאַמעס ווייטיק, האַלט מיט איר, אָבער זי האָט אויך רחמנות אויפֿן טאַטן. זי לעבט אין שטענדיקער שרעק, אַז טאַטע־מאַמע וועלן זיך צעשיידן — זי וויל זיין מיט ביידן.

די ריכטער זיצן פֿאַרגאַפֿטע און הערן זיך צו צו אירע ווערטער, וואָס צעטראָגן זיך, ווי צעקרישלטע שטיקער פֿון אַ צעפֿאַלנדיקער געביידע, און זיי וואַרפֿן פֿאַרשנדיקע בליקן אויפֿן מאַן.

— נו, וואָס האָט איר צו זאָגן ? — רופֿט זיך אָפּ דער פֿאָרזיצער צום מאַן מיט אַ געמיש פֿון האַרבקייט און מיטלייד אין קול.

דער מאַן גיט זיך אַ ריס אָפּ פֿון דער טאָכטער, שטעלט־אָן אַ פּאָר ברייט־צעעפֿנטע אויגן אויף די ריכטער און רוקט זיך צוריק צו צו דער טאָכטער, טראַכט אַ וויילע פֿאַרטראָגן און זאָגט אַרויס מיט אימפּעט :

— וואָס איך זאָג ? גאָרניט. גאָרניט. זאָל זי אַוועקגיין פֿון הויז, — גיט ער אַ ווייז מיטן פֿינגער אויף זיין פֿרוי, וועלן מיר זיך ניט קריגן. די טאָכ־טער וועט זיין מיט מיר.

דאָס מיידעלע גיט זיך אַ צאַפּל און הייבט אָן וויינען הויך אויפֿן קול :

— איכ׳ל ניט זיין מיט קיינעם ! איכ׳ל אַנטלויפֿן אין דער וועלט אַריין !

— זי וויינט ווי אַ קליין קינד און ווישט אַפֿילו ניט אָפּ די טרערן, וועלכע פֿליסן איבערן פֿרי־פֿאַרעלטערטן פּנים׳ל. זי איז ווי נאָך קלענער געוואָרן אין איר געוויין, ווי איינגעשרומפּן.

דער פֿאָטער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, האָט צאַרט אָנגענומען זיין טעכטערל ביים אָרעם און געקוקט אויף איר מיט צעשראָקענע אויגן. אין צימער האָט געהערשט אַ שטילקייט. די ריכטער האָבן זיך איבער־געקוקט און זיך בּאַראָטן מיטן פּסיכאָלאָג־באַאָבאַכטער, און דער ראַבאַי־ריכטער האָט אַ זאָג געטאָן צום פֿאָטער :

— נו, אַלץ וואָס אייער פֿרוי פֿאַרלאַנגט איז, אַז איר זאָלט גיין צו אַ פּסיכיאַטער, וואָס האָט איר צו פֿאַרלירן ? אַ סך מענטשן גייען איצט דורך די באַהאַנדלונג. אַנשטאָט צעברעכן אייער פֿאַמיליע, וועט איר אויפֿ־ריכטן אייער אייגן לעבן און דאָס לעבן פֿון אייער פֿרוי און טאָכטער.

— איך דאַרף ניט קיין פּסיכיאַטער ! זאָל מיין פֿרוי גיין צו אים ; זי איז מיר אַ שונא ! — האָט דער מאַן זיך געוואָרפֿן אויף אַלע זייטן, אָנ־האַלטנדיק זיך אין זיין טאָכטערס אָרבל.

— א י ך בין אים אַ שונא, — האָט די פרוי שוין אַ באַרואיקטע זיך אָנגערופן. — איך האָב אים איינמאָל געקאָנט פאַרשיקן אין אַ משוגעים־הויז אָבער מיין האַרץ האָט מיך ניט דערלאָזט, און ער זאָגט, אַז איך בין אים אַ שונא. איך האָב אַלץ געהאָפט, אַז ער וועט זיך וועלן ראַטעווען, היילן.

— איך בין ניט קראַנק, איך דאַרף זיך ניט היילן! — האָט ער מיט צאָרן אַריינגעוואָרפן און זיך געדרייט אויף אַלע זייטן.

דער ראַבאַי בייגט זיך אַריבער צו אים און רעדט שטיל און מיט האַרץ:

— ס'איז שוין די נאַטור פון קראַנקע מענטשן ניט צו וועלן צוגעבן, אַז זיי זיינען קראַנק. זייט ניט איינגעשפּאַרט.

— כ'וויל ניט הערן דערפון! — האָט זיך יענער געהאַלטן ביי זיינס.

דאַ האָט איינער פון די ריכטער, אַ לאַיער, זיך געווענדט צום מאַן און שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— הערט אויס, מיר קאָנען ניט דערלאָזן, אַז איר זאָלט אומברענגען אַ פאַמיליע. — ער האָט אַ ווייל אים אָנגעקוקט און ווידער זיך אָנגערופן:

— ווי וואָלט געווען, אַז איר זאָלט זיך צעגיין אויף עטלעכע חדשים און דורך דער צייט וועט איר אפשר איבערטראַכטן?

— אַוועקגיין פון הויז אויף עטלעכע חדשים? אויב איך גיי אַריבער די שוועל קום איך ניט צוריק! — האָט דער מאַן געזאָגט און זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר און איז באַלד צוריקגעקומען און זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טאָכטער. ער האָט צום ערשטן מאָל דאַ אויפגעהויבן די אויגן צו זיין פרוי, און זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט צוזאַמען מיט דער טאָכטערס בליקן. די פרוי האָט זיך פאַרטראַכט.

— לאָמיר אַלע דריי גיין צו אַ פּסיכיאַטער, — האָט זי פלוצלינג זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי מ'כאַפּט זיך אַז אין אַ שטרוי, ווען מ'טרינקט זיך. — טעכטערל, אַ־יאָ דו וועסט גיין מיט אונדז צו אַ פּסיכיאַטער?

דאָס מיידעלע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ אַביסעלע באַרואיקט און האָט זיך אינסטינקטיוו אַ טוליע געטאָן צום פאָטער, אָבער ער — ער שטייט און שווייגט, טיף פאַרטאָן אין זיך, נאָר מ'פילט, אַז עפּעס האָט זיך ערגעץ ביי אים איבערגעבראָכן. די שרעק, אַז זיין טאָכטער וועט ערגעץ אַנטלויפן אין דער וועלט אַריין, האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבער אַלע זיינע חושים ווי אַ דונער, און דאָ שאָקלט זי אַזוי חנעוודיק־פאַרוויינט אויף יאָ און אים דאַכט זיך אַפילו, אַז זי האָט אַ שמייכל געטאָן — דאָס אַלץ האָט

אים אַ ביסל אַרויסגעשלאָגן פון זיין איינגעשפּאַרטקייט. ער גיט זיך ניט אונטער, אָבער מיט פאַרטראָגענע אויגן גיט ער אַ זאָג אין דער זייט פון דער פרוי:

— מ'וועט זען!

די אָנגעשטרענגטע שטימונג ביי אַלעמען האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט. אַרויסגייענדיק האָבן די ריכטער און אַלע אַנדערע זיך געוואונטשן, אַז הלוואַי זאָל עס אַזוי אָנהאַלטן כאָטש ביז דער שוועל פונעם פּסיכיאַטער...

„ער האָט מיך פיינט"...

אַ יונג פּאָר־פּאָלק, ביידע שיינע — אַ מחיה צו קוקן אויף זיי. זי — אַ בלאָנדע, מיט אַ קאָפּ כוואַליעדיקע האָר, גרויסע, וואַרעמע אויגן, וואָס אַט לויכטן זיי, אַט פאַרציען זיי זיך מיט אַ דינעם דורכזיכטיקן אומעט. פון איר חנעוודיק־לענגלעכן פּנים טראָגט זיך אַ ליבלעכקייט, וואָס איז ערגעץ אויף איר לעבנס־וועג פאַרשטערט געוואָרן. ביי די ווינקלען פון אירע פיין־געשניצטע ליפּן באַהאַלטן זיך דינע, שטרענגע שטריכן, וואָס קוקן אויף אייך מיט עקשנות און שטאַרקן ווילן.

איר מאַן — אַ טונקעלער, ווי אָפּגעברענט פון דער זון, מיט אַ ווייכן שמייכל אויפן פּנים, פון די שמייכלען, וואָס קאָנען לייכט אַריבער אין אַ כעס. די אויגן שיינע, אַביסל אומרואיקע, שפּרינגענדיקע, אויגן וואָס קאָנען זיך לאַנג נישט פאַרהאַלטן אויף איין פּונקט, אויף איין זאַך, אַריינצו־דרינגען, אַריינצובליקן, צו פאַרטראַכטן זיך.

די פרוי איז די אָנקלאָגערין. אין אַ זאַפטיקן, ציכטיקן יידיש דערציילט זי די ריכטער וועגן איר שווער לעבן מיטן מאַן. זיי זיינען צעשיידט, שוין דאָס צווייטע מאָל צעשיידט. דער מאַן, דערציילט זי, האָט געמאַכט פון דער היים אַ גיהנום. ער פלעגט זיך זידלען, פלעגט שלאָגן די קינדער פאַר דער מינדסטער קלייניקייט, האָט אויך געהויבן אַ האַנט קעגן איר.

— שטעלט זיך פאָר, וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס האָט אויף די קינדער, — הייבט זי אויף אַ פּאָר אויגן, וועלכע גלעטן מיט זייער וואַרעמקייט און פייניקן אייך מיט זייער צער. — די קינדער האָבן פאַרלאָרן דעם גאַנצן רעספּעקט פאַר מיר און כאָטש איך האָב זיך איינגעשטעלט פאַר זיי און זיי האָבן אינסטינקטיוו זיך געקלעפּט צו מיר און געפילט, אַז איך וועל אויך געקריוודעט ווי זיי, איז מיר געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער זיי צו קאָנטראָלירן. איך האָב דערפילט, אַז נישט נאָר איך אַליין גיי אונטער, נאָר אויך מיין איינציק שטיקל טרייסט אין לעבן, די קינדער, גליטשן זיך אַרויס פון אונטער מיינע הענט. — זי לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ און בלייבט שטיל.

— איז וואָס איז אייער פאַרלאַנג ? — פרעגט זי דער פאַרזיצער שטיל און צוריקגעהאַלטן.

זי הייבט אויף לאַנגזאַם דעם קאָפּ, קוקט די ריכטער אין די אויגן און אירע ווערטער רייסן זיך אַרויס מיט אימפּעט:

— זאָל ער מיך לאָזן צורו! זאָל ער אונדז לאָזן צורו! איך וואוין איצט מיט די קינדער באַזונדער, און עס הייבט זיך אָן איינשטעלן אַ נאָרמאַל לעבן ביי אונדז. מיר פאַרגעסן צוביסלעך דעם גיהנום מיט די כסדרדיקע צאַנקער־רייען. זאָל ער אונז לאָזן צורו.

זי רעדט און אין איר שטים הערט זיך אָן אַנטשלאָסנקייט, וואָס איז מסתמא געקומען נאָך אַ סך ליידן און איבערטראַכטן. די ריכטער דערפילן עס און ווילן הערן, וואָס איר מאַן האָט צו זאָגן. דער פאַרזיצער רופט אים צו און פרעגט אים:

— איר האָט געהערט אייער פרויס טענות. וואָס האָט איר צו זאָגן וועגן דעם ?

דער מאַן האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויפן ריכטער־טיש, ווי ער וואָלט געזוכט אַן אָנשפּאַר פאַר זיך, האָט מיט די שפּרינגענדיקע בליקן זיך געוואָרפן פון איין ריכטער צום צווייטן און אָנגעהויבן שטיל און מיט אומזיכערקייט אין זיין שטים:

— איך גיב צו, אַז איך בין נישט קיין צדיק, אָבער אויך נישט אַזאַ רשע, ווי זי מאָלט מיך. איך גיב אַמאָל אַ קלאַפּ אַ קינד. שטעלט זיך פאָר, איך קום אַהיים אַ מידער נאָך אַ טאָג אַרבעט און וויל זיך אָפּרוען, און דאָ טומלט מען. נאָך אַלעמען בין איך דאָך אַ טאַטע, האָב איך נישט קיין רעכט אָנ־צושלאָגן אַמאָל אַ קינד ער זאָל זיך אויפפירן לייטיש ? נו, מישט זי זיך אַריין. ווער איך אין כעס און פאַרגעס זיך און . . . — ער פאַרהאַלט זיך און בלייבט שטיל. זיין פרוי פאַרענדיקט פאַר אים:

— און ער גיט מיר אויך אַ קלאַפּ. און וועגן די קינדער זאָגט ער אויך נישט אמת, מאַכט זיך „גאָט די נשמה שולדיק". ער שרייט אויף זיי און באַליידיקט זיי און שלאָגט זיי פאַר דער קלענסטער קלייניקייט, פאַר דער קלענסטער קלייניקייט, זאָג איך אייך.

די ריכטער קוקן אויפן מאַן מיט פאַרוואונדערונג און דער לאַיער־ריכ־טער רופט זיך אָן צו אים מיט אויטאָריטעט:

— אַ סך מענטשן קומען אַהיים מידע פון דער אַרבעט און מאַכן נישט קיין סקאַנדאַלן אין הויז. און הייבן אַ האַנט קעגן אַ פרוי איז נישט נאָר

מיאוס, נאָר אויך קעגן געזעץ. איר ווייסט, זי קאָן אייך אריינזעצן אין טורמע פאַר אזאַ זאַך.

— ער איז שוין דריי יאָר אונטער פּאָליציי־אויפזיכט פאַר שלאָגן מיך. דער ריכטער האָט אים דעמאָלט געוואָרנט, אַז טאָמער טוט ער עס נאָכ־אַמאָל, וועט ער אים פאַרשיקן. מיינט איר, אַז ער האָט עס ווידער נישט געטאָן? איך האָב נישט געוואָלט אים לאָזן אַרעסטירן און האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אים, דאָס מאָל אויף שטענדיק.

דער ראַבאַי־ריכטער איז אויפגערודערט פון דער פרוים טראַגישע רייד. ער קוקט דאָ אויף דער פרוי, דאָ אויפן מאַן, ווי ער וואָלט זוכן וואו אָנצו־כאַפּן דעם פאָדעם, און רופט זיך אָן:

— איך וועל אייך זאָגן. ס'איז זייער לייכט צו צעברעכן, אָבער אויפצו־בויען איז שווער. אַז מ'הייראַט דאַרף מען זיין גרייט אויף פשרות.

— פשרות האָבן אויך אַ שיעור, — רופט זיך אָפּ די פרוי מיט ווייטיק אין קול. — כ'האָב שוין געמאַכט גענוג פשרות, אָבער ס'האָט נישט גע־האָלפן. איך קאָן נישט מער. ער איז גוט צו דער גאַנצער וועלט, נאָר נישט צו די קינדער און נישט צו מיר. אַ יונגער מענטש, ווי לאַנג איז עס געווען, ווען ער אַליין איז געווען אין די יאָרן פון זיין עלטסטן יינגל? און דאָך איז ער אַזוי גרויזאַם צו אים. ער באַמיט זיך אפילו נישט צו פאַרשטיין אים. — זי קוקט אויפן מאַן פיל־באַדייטנדיק און צעוויינט זיך. דער מאַן לאָזט אומעטיק אַראָפּ דעם קאָפּ.

דער פאָרזיצער שיקט אַרויס דעם מאַן אין צווייטן צימער און ווענדט זיך צו דער פרוי:

— דערקלערט אונדז, וואָס דענקט איר איז די אורזאַך פון זיין האַנדלען אַזוי צו די קינדער?

די פרוי פּרובירט זיך באַהערשן און רופט זיך אָן מיט אַ ציטער אין קול:

— אונדזער עלטסטער זון איז געבוירן געוואָרן מיט אַ פאַרקריפּלטן פוס. אַ טייערער בחור, אָבער דער טאַטע קאָן אים נישט פאַרליידן — פון ערשטן טאָג אָן פון זיין געבוירן. זיין ווידערווילן האָט זיך אויך אַריבערגעטראָגן צו די אַנדערע קינדער. שלאָגט ער זיי פאַר יעדער קלייניקייט, האָט קיינ־מאָל נישט קיין ליב וואָרט פאַר זיי, ווי ביי לייטן אַ טאַטע. מיין האַרץ ציטערט אין מיר: וואָס פאַר אַ מענטשן קאָנען אַרויסקומען פון קינדער

אין אַזעלכע באַדינגונגען ? דער עלטסטער שטעלט זיך שוין קעגן, באַנוצט שאַרפע ווערטער.

— ווי אַלט איז ער ? — פרעגט דער פסיכאָלאָגישער באַאָבאַכטער.

— ער איז שוין זיבעצן יאָר אַלט, — ענטפערט די מוטער מיט אַ באַ־האַלטענעם שטאָלץ. — זיבעצן לאַנגע, ביטערע יאָרן פון באַליידיקונג און שטראָף פאַר אים. טיף אין האַרצן פיל איך, אַז דאָס איז דער קוואַל פון אַלע אונדזערע צרות. מיין מאַן איז, ווייזט אויס, שטאַרק שאָקירט געוואָרן פונעם פאַרקריפּלטן קינד און איז געבליבן פאַרגליווערט און פאַרביטערט, און אויך צו אונדז אַלעמען.

די ריכטער בלייבן זיצן צעפּייניקטע, אָבער זיי פילן דאָך, אַז די פרוי דאַרף נישט צעברעכן די היים, און זיי טענהן איין מיט איר, זי זאָל נאָך איין מאָל פּרובירן מאַכן שלום. זיי ווייזן אָן, אַז איר פעסטער באַשלוס איצט צו פאַרלאָזן אים וועט אפשר דאָך אויפוועקן אַ שטראַל אין זיין גע־דאַנק, וואָס וועט אים פירן אויף אַן אַנדער וועג, אויפן ריכטיקן, נאָרמאַלן וועג. די פרוי ראַנגלט זיך מיט אַלע כוחות. מ׳זעט אויפן אויסדרוק פון איר פנים, ווי שווער ס׳איז איר איינצוגיין אויף דעם, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אָפּצושוואַכן איר פעסטן באַשלוס נאָך אַזויפיל יסורים פון פאַר־האַרטעוועט זיך. אָבער די ריכטער לאָזן נישט אָפּ.

— פּרובירט נאָך איין מאָל, קומט זיך צונויף אויף צוויי חדשים, — גלעט זי דער ראַבאַי מיט זיין ווייכער, פאָטערלעכער שטים. — איר זענט זייער אַ פאַרשטענדיקער מענטש. גיט אים נאָך איין געלעגנהייט.

זי לאָזט אַראָפּ די הענט, איר פנים ווערט ווי איינגעפאַלן. זי קוקט אויף די ריכטער מיט פאַרגלייזטע אויגן, ווי זי וואָלט זיי יאָ געזען און נישט געזען. די ענערגישע, פאַרעקשנטע קנייטשעלעך ביי די ווינקלען מויל ווערן אָפּגעלאָזן. זי שטייט אַנגעלענט מיט אַ זייט אויפן ריכטער־טיש און וויגט זיך לייכט, ווי ס׳וואָלט איר שוין געווען אַלץ־איינס. זי שווייגט אַ וויילע און רעדט אַרויס שוואַך :

— כ׳וועל פּרובירן.

דער שטיין, וואָס איז אַראָפּ די ריכטער פונעם האַרצן, האָט זיך שווער אַ לייג געטאָן דער פרוי אויפן האַרצן.

ווען מאַן און ווייב זיינען אַרויס האָט זיך פלוצלינג, אומגעריכט, אַריינ־געשטעלט אין צימער דער זון זייערער מיט אַ קוליע אונטער איין אָרעם,

ער איז צוגעקומען צו די ריכטער, זיך אוועקגעשטעלט פארן טיש און זיך אנגערופן:

— מיין מוטער האט מיר געזאגט, אפשר ווילט איר מיך עפעס פרעגן.

די ריכטער זיינען געבליבן געפלעפט. א פיין בחורל, מיט דער מאמעס שיינע לענגלעכע געזיכטצוגן און דעם פאטערס טשוב האר איבערן שטערן.

— איך וויים נישט, צי מיין מוטער האט אייך אלץ דערציילט, — האט ער זיך אנגערופן און געקוקט אויף די ריכטער מיט אנגעשטרענגטע אויגן.

— פארוואס קאנסטו נישט אויסקומען מיט דיין פאטער? — פרעגט דער ראבאי מיט א פאטערלעכער שטים.

— מיין פאטער האט מיך פיינט, ווייל איך בין געבארן געווארן א קריפל, ער שעמט זיך מיט מיר...

די ריכטער בלייבן זיצן גערירט. דעם יינגלס ווערטער האבן אלעמען א שניט געטאן ביים הארצן. דער לאיער האט זיך א כאפ געטאן און פאר־פירט א שמועס מיטן יינגל:

— גיי שוין, גיי, א טאטע קאן נישט פיינט האבן זיין קינד און איך בין זיכער, אז ער שעמט זיך נישט מיט אזא פיינעם זון ווי דו.

— א דאנק פארן קאמפלימענט, — זאגט דאס בחורל איידל, — אבער ער שעמט זיך מיט מיר. איך האלט מיין קוליע אין פראנט־צימער, באר האלט ער עס כסדר, קיינער זאל עס נישט זען.

דער לאיער וויל פארענטפערן דעם טאטן, אבער עס קומט ארויס נישט גוט. דער ראבאי גיט איבער דעם יינגל, אז טאטע־מאמע וועלן פרובירן מאכן שלום און זאגט:

— דו ביזט דאס עלטסטע קינד אין הויז און ס׳וועגדט זיך אין דיר זיי צו העלפן.

דער יינגל קוקט אויף די ריכטער מיט אנטשלאסענע, אבער אומעטיקע אויגן און רופט זיך אן:

—איך קאן זיך אליין נישט העלפן, ווי קאן איך זיי העלפן?

ער געזעגנט זיך העפלעך מיט די ריכטער און הינקט ארויס פון געריכט־זאל. איבערן צימער קלינגען־אפ די טריט פון דער קוליע, ווי די קוליע וואלט וויינען: „ער האט מיך פיינט, ער האט מיך פיינט".

פינף זין — און איין מאַמע...

ס'האָט זיך דערמאָנט דאָס פאָלקס־ווערטל: „דעם יורד איז ערגער, ווי דעם געבאָרענעם קבצן".

פאַרן ריכטער־טיש איז געזעסן נישט קיין יורד, נאָר אַ יורדטע, און כאָטש זי וואָלט זיך נאָך געקאָנט איינטיילן מיט אירע טייערע שאַלן, פיינע אויירינגלעך און פינגערלעך, וואָס איר פאַרשטאָרבענער מאַן האָט איר געלאָזן פון די „זיבן פעטע יאָרן", איז איר נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. זי האָט זיך געקלאָגט אויף אירע פינף זין. דריי פון זיי זיינען טאַקע געווען מיט איר אין געריכט — הויכע, אויסגעפּאַשעטע, גלאַט־פּאַרקעמטע און נעט־געקליידטע חברהלייט.

זי איז אַ קראַנקע פרוי, אָבער די גוטע צייטן לאָזן זיך נאָך מערקן אויף איר. דאָס פנים איז נאָך גאַנץ גלאַטיק. בלויז אַרום די אויגן־ווינקלען ראַנגלען זיך דינע קנייטשעלעך מיט מי זיך אַנצוזען. דער גווידער קוקט אַרויס פון אונטער דער גאָמבע מיט אַ געמיש פון דערשלאָגנקייט און אַנשטעל — ווערדיק אַ געוועזענע נגידותטע. זי רעדט שטיל און קוקט יעדע ווייַלע צו אירע זין. עפּעס ווייסט זי נישט וואָס פאַר אַ טאָן אָנצושלאָגן. זי איז צו־שטאָלץ צו בעטן זיך ביי די קינדער, צו דערנידעריקן זיך אָבער דאָס האַרץ דערלאָזט זי נישט צו רעדן שאַרף וועגן זיי.

— מיינע קינדער זיינען „קיינעאָרע גוט־אָפּ", — זאָגט זי אַרויס מיט שטאָלץ און אַ ביסעלע ווייטיק, וואָס זי דאַרף נאָך ברענגען אַזאַ זאַך פאַר פרעמדע מענטשן — איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז זיי האָט גאָרנישט געפעלט, ווען זיי זיינען געווען קליין. פון שענסטן און פון בעסטן, פון אַלדאָסגוטס.

זי אָטעמט שווער אָפּ, גיט זיך אַ וויש מיט צוויי פינגער איבער די ווינקלען ליפּן און בלייבט זיצן מיט אַנגעשטעלטע בליקן אויף די ריכטער.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זי האָט נישט קיין געגוג אויסצוקומען. זי האַלט אַ פרוי, וואָס גייט זיך אָפּ מיט איר, ראַמט דאָס הויז, קאָכט. זי קאָן אַליין גאָרנישט טאָן. דאָקטוירים און מעדיצינען קאָסטן איר אָפּ אַ מאַיאָנטעק. איר הוצאה איז אַרום 450 דאָלער אַ חודש.

די ריכטער קוקן אַריין אין דער צושריפט וועגן אירע פינף זין און הייבן מיט די פּלייצעס: איינס־און־איינס פאַרמעגלעך. דער געשעפטסמאַן־ריכטער באַמערקט, אַז איינער פון די זין טוט גרויסע געשעפטן מיט אַ פירמע, מיט וועלכער ער אַליין איז פאַרבונדן.

אַט־דער זון (ער רופט אים אַז ביים נאָמען) וואָלט אַליין געקאָנט אויס־האַלטן מער ווי איין מאַמען, — זאָגט ער מיט שפּאָס און אין זיינע אויגן צינדט זיך אָן אַ פלעמל פון פאַרדראָס.

דער ראַבאַי־ריכטער, וועלכער איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— גוט געזאָגט! מער ווי איין מאַמע. קיין שום לעבעדיקע באַשעפע־ניש אויף דער ערד קאָן נישט האָבן מער ווי איין מאַמע, דערפאַר איז דאָך די מצווה פון כיבוד אם אַזוי גרויס און דערהויבן. — ער רעדט אַרויס די ווערטער "כיבוד אם" מיט אַ סך וואַרעמקייט און קוקט די זין גלייך אין פּנים אַריין, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן ענטפער.

— "וואָס'ס דהעט?" — גיט איינער פון זיי אַ פרעג, אַן ערנסטער.

דער ראַבאַי כאַפּט זיך, אַז ער האָט נישט פאַרטייטשט וואָס "כיבוד אם" מיינט און נעמט זיך אויפקלערן פאַר די זין די גרויסקייט פון האַלטן אַ מאַמע מיט כבוד. ער רעדט, און מ'זעט, ווי ביסלעכווייז לייזט זיך אויף אין אים דער שטרענגער ריכטער און ס'בלייבט בלויז דער ווייך־האַרציקער ראַבאַי. ער מאָלט פאַר די זין אַ בילד, ווי זייער מאַמע האָט אַזויפיל שלאָפלאָזע נעכט פאַרבראַכט ביי זייער וויגעלע, האָט אַזויפיל טרערן פאַרגאָסן, ווען זיי האָבן זיך אַ קרים געטאָן.

— זי האָט אייך, פינף קינדער, געטראָגן אויף די הענט אַזויפיל יאָרן. איצט האָרפט איר זי אָפּטראָגן, קינדערלעך, אָפּטראָגן.

די מוטער איז געזעסן אַ בלייכע. דער שטאָלץ אירער איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. צום ערשטן מאָל אַ גאַנצן אָוונט, האָבן זיך אירע אויגן אָנ־געפילט מיט טרערן. די זין האָבן זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט. אין זייערע פּנימער האָבן זיך געביטן די קאָלירן. די ריכטער האָבן זיך באַראָטן מיט זיי וועגן צונויפלייגן זיך און באַזאָרגן די מוטער מיט אַלץ, וואָס זי דאַרף האָבן.

— ביי אונדז האָט איר געפועלט, — האָט איינער פון זיי זיך אָנגערופן.

— מיר האָבן איר ביז איצט אויך געהאָלפן, זינט ס'האָבן זיך איר אויס־

געלאָזט די מיטלען צום לעבן. אָבער מ'דאַרף פּועלן ביי די אַנדערע צוויי ברידער, איבערהויפּט ביי איינעם,ביים גביר.

— דער גביר, — זיפצט די מוטער אָפּ אַ דערשלאָגענע. — שוין קאַרגע פינף יאָר, ווי ער איז נישט געקומען מיך זען. גיט אַ מאָל אַ קלינג אויפן טעלעפאָן: „העלאָ, מאַ!" און פּטור. דער אַנדערער איז מיר שולדיק 26 הונדערט דאָלער, קומט ער נישט, פאַרשפּאָרט ער אָפּצוגעבן. די צוויי (זי ווייזט מיט דער האַנט אויף צוויי זין אין געריכט) צאָלן מיינע דאָקטאָר־בילס און גיבן מיר 10 דאָלער אַ וואָך. זיי קומען מיך אויך זען אָפּט.

דער לאָיער־ריכטער שטעלט־אויס אַ צעטל, לויט וועלכן די פינף זין זאָלן צוזאַמען געבן דער מוטער 400 דאָלער אַ חודש און צוזאַמען מיט אירע 59 דאָלער אַ חודש עלטער־פּענסיע, וועט זי קאָנען לעבן רואיק און בכבודיק.

ווען די פרוי דערהערט דעם באַשלוס ווערט איר פּנים אויפגעלויכטן. זי דאַנקט די ריכטער פונעם גאַנצן האַרצן און לאָזט זיך גיין, נאָר פּלוצלינג גיט זי זיך אַ כאַפּ, קערט זיך אום צוריק און ווענדט זיך צום ראַבאַי מיט אַ געבעט:

— פאַרזאָגט זיי שוין אויך, אַז זיי מוזן מיך קומען זען . . .

דער ראַבאַי האָט מיט אַ טרער אין קול איר צוגעזאָגט דאָס צו טאָן.

אין קלעם פון שרעק

דער מזל האָט צונויפגעפירט אין איין אַוונט צוויי לאָדעניש, און געוועז זיינען זיי — ווי טאָג און נאַכט.

נאָכדעם ווי די ריכטער האָבן מיטן „שוויים פון געזיכט" און שווערע געמיטער געפונען אַ שטיקל לייזונג פאַר דער ערשטער לאָדעניש — אַן עלנט פאַרפאַלק, וואָס האָט זיך געראַנגלט אין די נעגל פון ביטערער דחקות און זאָרג און צאַנקערייען צווישן זיך, — האָט די צווייטע לאָדעניש אַ בלענד געטאָן אויף די ריכטער ווי אַ שטראַל פון שפע און פרנסה און פּראַפּיטן און — אַ צעשיידט פאַרפאַלק.

דער אָנקלאָגער איז דאָ געווען אַ פרוי, אין די פופציקער. דאָס פּנים, גלאַטיק און אָפּגעהיט, איז אָבער געווען פול מיט אומעט. זי האָט האַלבפאַרשעמט דערציילט, אַז שוין אַ שטיקל צייט, ווי איר מאַן האָט זי פאַרלאָזט, נאָך איבעררייִדן און מיספאַרשטענדענישן. אין אירע ווערטער האָט זיך געפילט אַ טאָן פון שולדיקייט און פאַרדראָס.

אויף די פּנימער פון די ריכטער האָט זיך ווידער פאַרצויגן אַ וואָלקנדל. זיי זיינען געזעסן און געוואַרט אויף מער איינצלהייטן, אָבער די פרוי איז געבליבן זיצן מיט פאַרשלאָסענע ליפּן און געקוקט אין דער ווייטקייט.

— אפשר וואָלט איר אויפגעקלערט אין וואָס דאָ האַנדלט זיך? — האָט דער פאָרזיצער זיך געווענדט צום מאַן.

דער מאַן, אין די זעלביקע יאָרן, נאָר רירעוודיקער און מוטיקער, האָט זיך קוים דערוואָרט ער זאָל עפּעס זאָגן. אין דער אמתן איז ע ר גאָר געווען דער אָנקלאָגער.

—פריער פון אַלץ וויל איך דערקלערן, — האָט ער אָנגעהויבן שטיל און געלאַסן, — אַז דאָ איז נישט קיין פראַגע פון אויסהאַלטן מיין פרוי. זי איז רייך גענוג און נוציקט זיך נישט אין קיין שטיצע. איך בין אַוועק פון הויז, ווייל איך האָב פשוט געוואָלט אַרייַנברענגען אַן ענדערונג אין מיין לעבן, — מער אינטערעס, מער גייסטיקן אויסלעבן זיך.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין פרוי מיט אַ געמיש פון וואַרעמקייט

און פאַרביטערקייט, ווי ביידע וואָלטן זיך געריסן צו קומען פריער צום אויסדרוק.

און דאָ האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ פאַנאָראַמע פון אַ פאַרלאָפן לײדיק און מאָנאָטאָן לעבן פון אַ מענטשן, וואָס האָט אָפּגעפטרט זיינע בעסטע יאָרן אין שאָפּ טאָג און נאַכט (אַ פאַר, ביי וועלכן מ'אַרבעט אָפט אין די אָוונטן), און „אָווערטאַיים", און נישט געזען די וועלט אַרום זיך, כאָטש געבענקט האָט ער נאָך עפּעס שענערס, בעסערס.

— די ערשטע יאָרן האָב איך געהאַט אַ באַרעכטיקונג — מיינע צוויי קינ־דער, וואָס זיינען מיר פאַרבליבן אויף די הענט נאָכן טויט פון מיין ערשטער פרוי, — האָט ער מיט טרערן אין קול אַ זאָג געטאָן ווי ער וואָלט זיך גע־האָט אויף דער מינוט אַריבערגעטראָגן אין יענער צייט, — נו, נישט גע־וואוסט פון קיין לעבן, קיין פאַרברענגען. — ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיך פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט געבלעטערט אין געדאַנק זיינע פאַרלאָפענע, גרויע, מאָנאָטאָנע יאָרן, — אָבער איצט, ווען מיינע צוויי זין זיינען שוין פאַרזאָרגט, און מיר ביידע, איך און מיין פרוי, קאָנען זיך פאַרגינען, פאַר־וואָס זאָלן מיר נישט הנאה האָבן פון לעבן, פאַרן אָנקוקן די וועלט מיט אירע וואונדער, מיט אירע נאַטירלעכע רייכקייטן, היסטאָרישע ערטער, זיך באַקענען מיט פאַרשיידענע מענטשן, קולטורן ?

— האָט איר דען די מיטלען דאָס צו טאָן ? — גיט דער פאָרזיצער אַ פרעג.

— יאָ, — רופט זיך אָפּ דער מאַן. — איך האָב אָפּגעשפאָרט געלט. און מיין פרוי האָט אויך אַ היפשן איינקונפט פון אירע הייזער. אָבער זי פאַרגינט זיך נישט דאָס לעבן. מ'וואָלט געקאָנט וואוינען שענער, לעבן בעסער.

די ריכטער וואונדערן זיך. די פרוי באַמערקט עס און איר פנים באַ־דעקט זיך מיט אַ פינצטערער רויטקייט. די פאַרשלאָסענע ליפּן אירע גיבן אַזש אַ ציטער און רייסן זיך אויף און ס'נעמען אימפּעטיק פאַלן ווערטער ווי בריענדיקע שטיינדלעך :

— ס'איז אים לייכט צו רעדן : הייזער, איינקונפט. ער וויל אָבער קיינ־מאָל נישט וויסן, ווי ס'איז אונדז אָנגעקומען צוזאַמענצושטשאָבען אַ פעני צו אַ פעני, ביז מיר האָבן שוין געהאַט אָפּצוזעפן אַ ריכטיקן מאַלצייט. — איר אַטעם ווערט אַלץ שווערער און די ווערטער אַלץ הייסער, בריענדיקער.

— איך וועל קיינמאָל, קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן די ביטערע, פינצטערע יאָרן, וועז אין הויז איז נישט געווען קיין שטיקל ברויט. איך בין דאָן נאָך געווען אַ קליין מיידעלע, אָבער איך האָב שוין געזען, ווי אַנדערע מיידלעך גייען אָנגעטאָן שיין און איך בין געווען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן. אין הויז איז געווען חושך, קאַלט און פון יעדן ווינקעלע האָט געיאָגט אַ פּחד. לאַנגע, ביטערע יאָרן.

זי הייבט אויף אירע טיף־דערשראָקענע אויגן צו די ריכטער, בויערט איין אירע שאַרפע גליאיקע בליקן אין זייערע און רופט אויס:

— איך קאָן זיך נישט באַפרייען פון יענער שרעק, פון יענעם פּחד. איך בין פול מיט ציטער עס זאָל מיך, חלילה, נישט באַפאַלן ווידעראַמאָל אַזאַ עלנט, אַזאַ נויט.

די ריכטער בלייבן זיצן געררירטע. בלויז דער געשעפטסמאַן־ריכטער ווענדט זיך צו דער פרוי מיט אַ טרוקענעם קול:

— האָט איר זיך גאַרנישט צוגעוואוינט דורך דער גאַנצער צייט צום געדאַנק, אַז איר זענט רייך?

די פרוי עפנט־אויף אַ פּאָר פאַרטראַגענע אויגן אויפן ריכטער און זאָגט שטיל:

— איך ווייס נישט. עפּעס בין איך ווי אין אַ חלום אַריינגעשוואומען אין די בעסערע יאָרן, וואָס מיינע עלטערן האָבן זיך דערשלאָגן. און ווען זיי זייען געשטאָרבן, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט צו עפּעס, וואָס האָט מיך צערודערט.

— איר האָט מורא, הייסט עס, צו פאַרנוצן אייער געלט, טאָמער וועט אייך נישט בלייבן אויף צו לעבן? — רופט זיך אָפּ דער ראַבאַי־ריכטער וואַרעם און וויל צוקומען צו איר האַרץ דורך אירע אייגענע ווערטער.

די פרוי דערפילט זיך אַביסל היימיש פונעם ראַבאַיס רייד און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. אירע אויגן קוקן איצט ליכטיקער דורך דער טיפער שרעק.

— אָבער ווער וויל דען אויסנוצן איר פאַרמעגן? — רופט זיך אָפּ דער מאַן אַ באַליידיקטער. — איך טענה מיט איר און באַווייז איר שוואַרץ אויף ווייס ,אַז ווען איך זאָל זיך טיילווייז צוריקציען פון דער אַרבעט קאָנען מיר, פון מיינע פאַרדינסטן, צוזאַמען מיט אַ טייל פון איר איינקונפט, האָבן גענוג צו פירן אַן אינטערעסאַנט לעבן. אָבער איך קאָן זי ניט איבערצייגן.

אירע אויגן פֿאַרציִען זיך מיט אַ פֿינצטערן וואָלקן און עס באַפֿאַלט זי אַ שרעק, ווען איך הייב אָן רעדן וועגן דעם.

ער ענדיקט רעדן און לאָזט אַראָפּ די הענט הילפֿלאָז. די פֿרוי קוקט פֿון אַ ווינקל אויג דאָ אויף איר מאַן און דאָ אויף די ריכטער און לאָזט אויך אַ הילפֿלאָזע אַראָפּ דעם קאָפּ.

די ריכטער רעדן זיך דורך צווישן זיך און מיט פּסיכאָלאָגישן ראַטגעבער און באַשליסן צו רעקאָמענדירן פֿאַרן פֿאַרפֿאָלק פּסיכיאַטרישע באַהאַנדלונג, פֿאַר ביידן ; זי — צו היילן, און אים — ווי זיך צו באַגיין מיט איר.

מיט אַ שווער געמיט זיינען זיי ביידע געגאַנגען אַהיים צוזאַמען.

צו־שפּעט געוויינט...

לויט אירע רויט־באַזוימטע אויגן און די פייכטע וויעס, האָט מען געקאָנט זען, אַז זי האָט זיך שוין גוט אָנגעוויינט אין וואַרט־צימער, איידער מ׳האָט זי אַריינגערופן אין געריכט־זאַל.

דאָס האָט די מוטער געבראַכט איר זון אין געריכט. ווען דער פּאָרזיצער האָט זיי געפרעגט ווער ס׳איז דער אָנקלאָגער, האָט די מוטער דערקלערט, אַז זי האָט גערופן דעם זון אין געריכט, אָבער נישט, חלילה, אָנצוקלאָגן אים. זי וויל בלויז די ריכטער זאָלן אים איבערצייגן, וואָס פאַר אַ געטרייע מאַמע זי איז שטענדיק געווען און ווי זי האָט אוועקגעלייגט איר גאַנץ לעבן פאַר אים — און פאַרוואָס איז ער אַזוי פאַרביטערט קעגן איר, אַז איר דאַכט זיך, אַז ער האָט זי פּשוט פיינט. ביי די ווערטער האָט זי געגעבן אַ פאַרדעק דאָס פּנים מיט די הענט און אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געוויין.

דער פּאָרזיצער האָט זי באַרואיקט, און ווען זי האָט געעפנט די דורכגע־ווייקטע אויגן, האָט זי פריער פון אַלץ געוואָרפן אַ בליק אויף איר זון, וועל־כער איז געשטאַנען ביי דער זייט, אָפּגערוקט אַביסל פון איר און קאַלט ווי אייז געקוקט אין דער צווייטער זייט.

דער זון, אין די פריע פערציקער, אַ קרעפּטיקער, מיט ברייטע פּלייצעס, האָט פון צייט־צו־צייט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו די ריכטער צו זען, וואָס פאַר אַ ווירקונג זיין מאַמעס געוויין האָט געהאַט אויף זיי. און איז ווייטער געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט. די ריכטער האָבן זיך געוואונדערט אויף דער גלייכגילטיקייט פון זון.

— אָט אַזוי ווי איר זעט, — האָט די מוטער נאָך אַלץ אַ כליפּענדיקע ווידער גענומען רעדן. — ער וועט אפילו נישט אַ קוק טאָן אין מיין זייט. ווען איר ווייסט וואָס איך האָב אַלץ נישט געטאָן פאַר דעם־אַ זון מיינעם!

זי האָט אויסגעווישט די אויגן, אַ גלעט געטאָן די האָר אויף ביידע זייטן קאָפּ און גענומען דערציילן, ווי זי האָט זיך פּשוט מקריב געווען פאַר איר זון.

— אָט קוקט — אויסגעוואַקסן קיינעניאַרע געזונט און שטאַרק, — האָט

זי געזאָגט מיט פֿאַרבאָרגענעם שטאָלץ. — איך פּלעג אים גיסן גאָלד אין האַלדז. אים נישט לאָזן אויפֿהייבן קיין שטרויעלע. ער האָט אויף זיין לעבן נישט געוואוסט פֿון קיין שווערער מינוט. די געשעפֿטן אין מיין „לאַנדראָומאַט" זיינען געגאַנגען גוט, האָט אים שוין קיין געלט נישט געפֿעלט. איך האָב אים קוים איינגעבעטן ער זאָל גיין זיך לערנען אויף לאַיער, איז דאָס שוין געווען דאָס אמתע לערנען זיך. — זי כאַפּט אַ קוק אויפֿן זון פֿון דער זייט און ס'טוט איר שוין באַנג וואָס זי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיטן וואָרט.

— איז וואָס פֿאַרלאַנגט איר מיר זאָלן טאָן? — האָט דער פֿאָרזיצער זי פּלוצלינג אַ פֿרעג געטאָן.

די פֿרוי האָט אַ פֿאַרטראָגענע געקוקט אויפֿן פֿאָרזיצער מיט אַ פּאָר טרויעריקע אויגן און ווי זי וואָלט נישט געהערט זיינע ווערטער האָט זי ווייטער גערעדט:

—ער האָט מיך קראַנק געמאַכט און רואינירט זיך אַליין. נאָך צוואַנציק יאָר לעבן מיט אַזאַ טייערער פֿרוי גייט ער און פֿאַרדרייט זיך אַ קאָפּ מיט אַ קריסטלעכער פֿרוי. — זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש און מיט אַ פֿאַרשטיקט קול קוים אַרויסגערעדט, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט די ווענט זאָלן הערן: „ער האָט מיך שוין געסטראַשעט, אַז ער וועט זיך שמדן".

די ריכטער האָבן צערודערטע זיך איבערגעקוקט צווישן זיך און דער ראַבאַי־ריכטער האָט אַז אומרואיקער זיך אָנגערופֿן צום זון:

— נו, וואָס האָט איר צו זאָגן וועגן אייער מוטערס טענות צו אייך?

דער זון האָט זיך אַ קער געטאָן צום ראַבאַי, אַ ווײַלע געקוקט אים אין די אויגן און לאַנגזאַם געזאָגט: — אַלץ וואָס זי האָט געזאָגט איז אמת.

— ווער „זי", אייער מוטער? — האָט דער ראַבאַי שנעל אַ זאָג געטאָן.

— יאָ, — האָט דער זון געענטפֿערט צוריקגעהאַלטן און מ'האָט געזען, אַז ער האָט פֿאַרשטאַנען דעם ראַבאַיס מיין. — זי האָט מיר געגאָסן גאָלד אין האַלדז, אַלץ געטאָן פֿאַר מיר, געהאַלטן אונטערן פֿאַרטעך — אַזוי צו צען יאָר, אַזוי צו צוואַנציק, נישט געלאָזן אויפֿהייבן קיין שטרויעלע און נישט אויפֿהייבן דעם קאָפּ.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַ פֿאַרטראַכטער געשטאַנען און זיך לייכט געוויגט, ווי ער וואָלט מיט זיך אַליין עפּעס געפֿירט אַ חשבון פֿון אָט־די פֿאַרנעפּלטע יאָרן.

— ס'האָט דיר עפּעס געפעלט? כ'האָב דיך אפשר געשיקט אַרבעטן, ווי אַנדערע מאַמעס האָבן געשיקט זייערע קינדער, דיינע פריינט?

די ווערטער האָבן אים ווי אַ ריס געטאָן פון זיין פאַרטראַכטקייט. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער מוטער און מיט ווייטיק אין קול איר פאַר־געוואָרפן:

— יאָ, מיינע פריינט האָבן שטאָלצירט מיט זייער אַרבעט און מיט זייער „פעידע" יעדע וואָך. האָסט מיר געגעבן אַלץ פון גרייטן, און מיין האַרץ איז מיר געווען פוסט און ליידיק.

די אָנגעשטרענגטע אָדערן אויף זיין געזיכט האָבן פאַמעלעך אָפּגעלאָזן און זיין קול איז געוואָרן ווייכער, האַרציקער און האָט פרייער געעפנט זיין האַרץ פאַר די ריכטער, געשילדערט, ווי די מוטער האָט מיט איר איבער־געטריבענער גוטסקייט אים שטענדיק דאָמינירט, אַז אפילו געהייראַט האָט ער אין אַ גרויסער מאָס דערפאַר, ווייל דאָס מיידל איז דער מאַמען שטאַרק געפעלן געוואָרן, און וואוינען האָבן זיי געדאַרפט אין דער זעלביקער גע־ביידע מיט דער מאַמען.

—אייער מוטער האָט דערמאָנט עפּעס אַז אַנדער פרוי, — האָט דער ראַבאַי פלוצלינג אים אַ פרעג געטאָן. — איז עס אמת?

דער זון האָט אַ ווײַלע געשוויגן, זיך געקווענקלט און לאַנגזאַם אַרויס־גערעדט: — ס'איז יאָ אמת און ניט אמת. ס'איז נישט ווי מיין מוטער דערציילט. זי איז ברוגז, וואָס איך האָב זיך ענדלעך אָפּגעריסן פון איר פאַרטוך, און צו דעם האָט אים טאַקע אָט־די פרוי געגעבן אַ שטויס. איך האָב זיך דערפילט פרייער, זעלבסטשטענדיק.

— און וואָס זאָגט אייער פרוי? — האָט דער לאַיער־ריכטער געפרעגט.

— זי איז אַוועק פון הויז, — האָט די מוטער געענטפערט פאַר אים מיט אַ געבראָכענער שטים.

די ריכטער זיינען געזעסן אומעטיק. פאַר זיי איז קלאָר געווען, אַז די שולד פאַלט דאָ אינגאַנצן אויף דער צו־געטרייער מאַמען. זיי האָבן זיך דורכגערעדט און באַשלאָסן, אַז פריער פון אַלץ מוז מען פּרובירן מאַכן שלום צווישן מאַן און ווייב. זיי האָבן זיך באַראַטן מיט אים אָפּנהאַרציק און איינגעזען, אַז ער וועט אפשר איינגיין אויף דעם. זיי האָבן אויך באַ־שלאָסן, אַז דער זון מיט זיין פרוי זאָלן אומבאַדינגט באַלד אַרויסציען

זיך פון דער געביידע, וואו זיין מוטער וואוינט און טאַקע אויף שטענדיק פאַרוואַרפן דעם פאַרטוך.

ביים פאַרלאָזן דעם געריכט האָט דער פסיכאָלאָגישער ראַטגעבער שטיל געעצהט דער מוטער, זי זאָל זיך אינגאַנצן נישט מישן אין איר זונס פאַמי־ליע־לעבן און אים לאָזן צורו.

די מוטער האָט ברייט פאַנאַנדערגעעפנט אַ פּאָר טרויעריקע אויגן און שטיל שעפּטשענדיק: „אָט דאָס איז פאַר מיין גאַנצער גוטסקייט", האָט זי לאַנגזאַם, אַ צעבראָכענע, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, קוים זיך צוגע־שלעפּט צו דער טיר.

אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן...

קיינער וואָלט קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז די צוויי מיטליאָריקע פרויען זיינען שוועסטער, לייבלעכע שוועסטער — אַזוי פאַרשיידן זיינען זיי געווען, סיי אין אויסזען, סיי אין זייער באַנעמונג.

די עלטערע — אַן אויסגעצערטע, מיט שאַרפע געזיכט־שטריכן און טיף־איינגעפאַלענע באַקן און אַן אויפגעלאָפן אָדערל אויפן האַלדז, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שפּרינגען. זי איז געשטאַנען אַ פאַראומערטע, מיט ברוגזע אויגן, וואָס זיינען אויך געווען אָנגעפילט מיט ווייטיק. די יינגערע שוועסטער איז געווען אַ פולע, אַ צעגאָסענע, מיט אַ קיילעכיקן פּנים, מיט מאַטע, וואַסערדיקע אויגן, וואָס האָבן געקוקט ווי פאַרשטאַרט.

ווען דער פאָרזיצער האָט געפרעגט ווער ס׳איז דער אָנקלאָגער, האָט די עלטערע זיך אַ צאַפּל געטאָן, אַ ווײַלע זיך צוריקגעהאַלטן און לאַנגזאַם זיך דערנענטערט צום געריכט־טיש.

— דאָס איז מיין שוועסטער, אַ יינגערע פון מיר, — האָט זי געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקט, ווייטיקדיק קול, אָנווייזנדיק אויף דער יינגערער. — איך האָב שוועריקייטן מיט איר.

— וואָס זיינען אייערע שוועריקייטן? — האָט דער פאָרזיצער מיט מיטגעפיל געזאָגט, באַטראַכטנדיק די צוויי דערשלאָגענע מענטשן.

די אָנקלאָגערין איז געשטאַנען שטיל, פאַרטראַכט, געקוקט די ריכטער אין די אויגן. ערשט איצט האָט זי דערפילט, ווי שווער ס׳איז איר צו זאָגן אַ שלעכט וואָרט וועגן איר שוועסטער. אָבער דער געדאַנק, אַז מ׳איז געקומען אין געריכט אויסצוגלייכן זייערע סיכסוכים, האָט זי געשטאַרקט און געמוטיקט צו באַהערשן זיך און דערציילן די ריכטער וועגן די צרות, וואָס זי האָט מיט איר שוועסטער. און דאָ האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ בילד פון אַ שווער, ביטער לעבן אין אָרעמקייט און קראַנקהייט.

זי און איר שוועסטער האָבן ביז ניט־לאַנג צוריק געוואוינט צוזאַמען מיט זייערע עלטערן, און נאָכדעם, ווי דער פאָטער איז געשטאָרבן, און אַ ביסל שפּעטער אויך די מוטער, האָבן די צוויי שוועסטער זיך געמוזט אַריינציען

אין אַ ביליקער וואוינונג — אַ שלאָפצימער מיט אַ קיך, און דאָס גאָר קליינע.

— אָרעמקייט איז ניט קיין שאַנד, — האָט זי שטיל געזאָגט, און די איינגעפאַלענע באַקן האָבן זיך פאַררויטלט, — אָבער גלייבט מיר, ס'איז אַ גרויסער ווייטיק. איך טו אַלץ, וואָס איך קאָן צו מאַכן מיין שוועסטער באַקוועם.

זי בייגט זיך צו נעענטער צו די ריכטער און פאַרטרויט זיי אַ סוד: זי האָט אָנגעהויבן ליידן פון פאַרהאַרטעוועטע אָדערן אַרום מאַרד. — דאָס לעצטע וואָרט רעדט זי קוים אַרויס. זי בלייבט שטיל און די אויגן פאַר־לויפן איר מיט טרערן.

די ריכטער זיינען גערירט, און דער לאָיער־ריכטער האָט מיט האַרטקייט אין קול געפרעגט:

— איר קומט נישט אויס צווישן זיך?

— אָט וועגן דעם האַנדלט זיך, — האָט זי ווייך אַרויסגערעדט. — איך קאָן ביי איר ניט פועלן זי זאָל העלפן האַלטן די וואוינונג אין אָרדענונג, מ'שטיינס געזאָגט. — אומעטום ליגן אָנגעוואָרפן אירע זאַכן און ס'איז ניטאָ וואו זיך אַ ריר צו טאָן.

זי גיט אַ קוק אויף דער שוועסטער מיט מיטלייד, אָבער זי ווערט באַלד אָנגעפילט מיט כעס און גיט אַ ווייטיקדיקן זאָג:

— זעט, ווי צעשויבערט אירע האָר זיינען. צעשויבערט און צעפּאַטלט!

די בליקן פון די ריכטער, וואָס האָבן זיך אינסטינקטיוו אַ קער געטאָן צו דער שוועסטערס האָר, האָבן איר געטראָפן ווי אָנגעגליטע שפּיזן אין האַרצן. דאָס פּנים איז רויט געוואָרן ווי פייער, די וואַסערדיקע אויגן זיינען ווי פאַרגלייזט געוואָרן און זי האָט פאַרקלעמט אַ זאָג געטאָן:

—זי ווייסט דאָך פאַרוואָס. מיין שאַרבן טוט מיר לעצטנס וויי, קאָן איך ניט פאַרקעמען די האָר ווי געהעריק. ווען ס'וועט מיר איבערגיין, וועל איך זיך פאַרקעמען בעסער. — זי האָט דאָס אַרויסגערעדט מיט אַ סך דערשלאָגנקייט און האָט אַרומגענומען די האָר מיט די הענט און זיי גע־גלעט.

די עלטערע שוועסטער איז געבליבן שטיין אַ פאַרשולדיקטע. זי האָט דערפילט, אַז זי איז באַגאַנגען אַ זינד קעגן איר שוועסטער און האָט אַ זאָג געטאָן אומדערוואַרט:

— איך וואָלט איר אוועקגעגעבן מײַן גאַנץ לעבן, נאָר זי מאַכט מיך שרעקלעך נערוועז. איך האָב שוין געקראָגן אַ ציטערניש אין האַלדז. — ביי די ווערטער האָט זי פֿאַרמאַכט די אויגן אַ ווײַל, ווי אַ הילפֿלאָזע, נאָר מיט־אַמאָל האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און מיט צער זיך אָנגערופֿן:

— שוין אַ שטיק צייט, ווי זי קומט נישט אַריין אין קיך עסן צוזאַמען מיט מיר. שטעלט זיך פֿאָר, ווי איך לייד דערפֿון.

די ייִנגערע שוועסטער, וואָס איז געזעסן און ווי אויסגעדרימלט, האָט אויפֿגעכאַפּט די עטלעכע ווערטער און מיט אַשטרענגונג זיך אָנגערופֿן:

— ווי קאָנען מיר עסן צוזאַמען, אַז זי הענגט שטענדיק אויף אירע וועש איבערן טיש און מ׳קאָן אַפֿילו נישט דורכגיין! נישט אמת? — האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו איר שוועסטער מיט אַ גלייכגילטיקן קול, ווי ס׳וואָלט איר שוין געווען אַלציינס.

די ריכטער האָבן זיך געוואָלט בארַאטן און געבעטן די שוועסטער אַרויס־צוגיין אין וואַרט־צימער. אין געשפּרעך האָט דער פּסיכאָלאָגישער ראַט־געבער אָנגעוויזן, אַז אים איז קלאָר, אַז ביידע שוועסטער זײַנען באמת זייער צוגעבונדן איינע צו דער אַנדערער, נאָר צוליב דער ענגשאַפֿט אין די צוויי צימערלעך קומט מען צו רייבונגען. ער האָט דעריבער פֿאָרגעשלאָגן, אַז מ׳וואָלט זיי אפשר געדאַרפֿט אָנשרעקן מיט אַ באַשלוס, אַז זיי זאָלן זיך צעשיידן און וואוינען באַזונדער. דאָס וואָלט זיכער אויף אַזויפֿיל געווירקט אויף זיי, אַז זיי זאָלן ביידע זיך באַמיען צו פֿאַרבעסערן זייערע באַציאונגען צווישן זיך.

ווען מ׳האָט זיי אַרייַנגערופֿן און דערקלערט, אַז אונטער די אומשטענדן וועלן זיי זיך מוזן צעשיידן און וואוינען באַזונדער, זײַנען זיי ביידע פֿאַר־ציטערט געוואָרן. די עלטערע איז בלייך געוואָרן, האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן אויף די ריכטער און גענומען ברעכן די פֿינגער. די ייִנגערע האָט אין שרעק געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געקאָנט אַרויס־רעדן אַ וואָרט, בלייבנדיק שטיין אַזוי מיט אַ האַלב אָפֿן מויל.

אין צימער האָט זיך געפֿילט אַ פּיינלעכע שטילקייט. די ריכטער האָט שוין כמעט באַנג געטאָן אויף דער געוואָגטער עצה זייערער. נאָר דאָ האָט זיך דער ראַבאַי־ריכטער אָנגערופֿן מיט וואַרעמקייט און ציטער אין קול, קוקנדיק די שוועסטער אין די אויגן:

— ווי איך זע, ווילט איר זיך ניט צעשיידן. איז די בעסטע זאַך פֿאַר

אייך צו קריגן אַ ביסל אַ גרעסערע וואוינונג, וואו ס׳זאָל אייך ביידן זיין באַקוועם. איך נעם זיך אונטער אייך צו העלפן אין דעם.

אין צימער איז עפּעס ווי ליכטיקער געוואָרן. ס׳איז אַלעמען אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. די עלטערע שוועסטער האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט און האָט זיך צעוויינט. ווען זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו די ריכטער האָבן די טיף־איינגעזונקענע אויגן צום ערשטן מאָל אַ שמייכל געטאָן דורך די פייכטע וויעס, ווי אַ זונשטראַל דורך אַ זומער־רעגנדל. זי האָט זיך אויסגעגלייכט, איז צוגעגאַנגען צו דער שוועסטער און זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און מיט ווייכקייט געזאָגט:

— ס׳וועט זיין גוט. זיי וועלן אונדז העלפן קריגן אַ גרעסערע וואוינונג. ס׳וועט אונדז זיין גוט.

די יינגערע האָט אַלץ גלעטנדיק די האָר מיט די הענט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַ צופרידענע, און ביידע שוועסטער האָבן אַרויסגעשפּאַצירט פון געריכט מיט אַ וואַרעמער האָפענונג אין די האַלב־פאַרגליווערטע הערצער.

טרערן פון חרטה...

לויט דעם, ווי דער מאַן האָט אַרייַנגעשפּאַנט אין גערעכט־צימער און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, בעת זיין פרוי האָט נאָך געהאַלטן ביים איבער־טרעטן די שוועל, האָט מען שוין געקאָנט זען, וואָס פאַר אַ דאַליע זי האָט ביי אים געהאַט. אין געריכט זיינען אויך געקומען זייערע פאַרהייראַטע קינדער.

די פרוי איז געווען די אָנקלאָגערין. אַ פאַראומערטע, אַ צעטראָגענע האָט זי מיט אַ שווער האַרץ געטענהט פאַר די ריכטער, אַז איר מאַן האָט זיך קיינמאָל מיט איר נישט גערעכנט.

— איך האָב אַ לעבן־לאַנג אָפּגעאַרבעט מיט אים שווער און ביטער, — האָט זי מיט טרערן אין קול גערעדט, — און ער פירט זיך אויף, ווי ער וואָלט געווען דער גאַנצער באַלעבאָס און ווי איך וואָלט געווען איך ווייס אַליין נישט וואָס.

— אָבער אַלץ איז שטענדיק געווען אָפּגעשריבן אויף אונדזערע ביידנס נעמען, — האָט דער מאַן אַ ברום געטאָן.

די פרוי האָט געשוויגן אַ ווייל, ווי זי וואָלט געוואָלט איבערטראַכטן וואָס ער האָט געזאָגט, און זיך אָנגערופן:

— יאָ, אָבער וואָס קומט אַרויס? אַז דו דרייסט דאָרט אַזוי, אַז איך ווייס קיינמאָל נישט אויף וואָסער וועלט איך בין.

— וואָס אייגנטלעך פאַרלאַנגט איר איצט? — האָט דער פאָרזיצער זי שטיל און געדולדיק געפרעגט, צוזעענדיק איר פאַרזאָרגטן, צעטראָגענעם צושטאַנד.

—וואָס איך פאַרלאַנג איצט? — האָט די פרוי לאַנגזאַם און פאַרטראַכט איבערגעחזרט די ווערטער פון ריכטער, נישט זייענדיק זיכער וואָס זי פאַרלאַנגט, אָבער זי האָט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן און געזאָגט:

— זאָל ער מיר וויַיזן דעם פּאַפּיר, וואָס איך האָב אונטערגעשריבן!

זי האָט אָנגעשטעלט אויף איר מאַן אַ פּאָר מאַנענדיקע אויגן, וואָס האָבן ווי געשריען: דו ווייסט שוין וואָס איך מיין!"

די ריכטער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט שווערע געמיטער און דער לאַיער האָט אַ פרעג געטאָן ביי דער פרוי:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאַפּיר?

דאָ האָט דער מאַן זיך אַריינגעריסן און זיך אָגערופן:

— ס׳הייבט זיך שוין אָן מיטן פּאַפּיר. ס׳איז ניט געווען קיין שום פּאַפּיר.

דער פאָרזיצער האָט אים געהייסן וואַרטן ביז מ׳וועט אים פרעגן און געבעטן די פרוי רעדן ווייטער.

—אָט אַזוי־אַ שטענדיק, — האָט די פרוי אַ זיפץ געטאָן. — דאָ זאָגט ער, אַז ס׳איז נישט געווען קיין שום פּאַפּיר, און דאָ דערציילט ער אַ מעשה, אַז ס׳איז נישט וויכטיק וואָס איך האָב אונטערגעשריבן. אדרבה, זאָל ער אַליין דערציילן דעם אמת. זי האָט צוזאַמענגעדריקט די אויגן־דעקלעך, ווי אַ שווערע מאַסע וואָלט אויף זיי געלעגן, און איז געבליבן שטיל.

דער מאַן, אַן אָנגעכמורעטער, מיט אַ צעאַקערטן פּנים און פאַרזשמורע־טע אויגן, האָט צוגעוואָרפן אַ בליק די קינדער, ווי ער וואָלט געזוכט ביי זיי דערמוטיקונג, און האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַ נישט־זיכערן קול. ער האָט דערציילט, אַז זיין פרוי האָט כסדר טענות צו אים.

— דאָס געלט מיט די פּראָפּערטיס, וואָס מיר פאַרמאָגן, האָבן אונדז אומגליקלעך געמאַכט, — האָט ער אַרויסגערעדט אין אַ טאָן, וואָס האָט געקלונגען האַלב ערנסט און האַלב שפּאַס. — הייזער, סטאַקס, און מ׳רייסט זיך פאַר די האָר.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך פאַר־טראַכט. די ריכטער האָבן געוואַרט ער זאָל ווידער אָנהייבן רעדן, נאָר ער איז געזעסן און זיך געוויגט, ווי ער וואָלט עפּעס טיף אין האַרצן באַ־דויערט.

— איז וואָס איז די מעשה מיטן פּאַפּיר, וואָס אייער פרוי זאָרגט זיך אַזוי שטאַרק וועגן איר אונטערשריפט? — האָט אים דער לאַיער־ריכטער אַ פרעג געטאָן.

דער מאַן האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שווערע געדאַנקען, ער האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר הילפלאָזע אויגן אויף די ריכטער. מ׳האָט געקאָנט זען, אַז ער שלאָגט זיך מיט דער דעה וועגן עפּעס, און ענדלעך אָנגעהויבן רעדן. מיט אַ דערדריקט קול האָט ער איבערגעגעבן, אַז ער האָט איינמאָל פאַר־קויפט אַ גרויסע צאָל „שערס" און פאַרלאָרן אַ סך געלט.

— און דאָס האָב איך געטאָן קעגן איר ווילן און אָן איר וויסן, — האָט ער אַ דערשלאָגענער כמעט שעפּטשענדיק אַ זאָג געטאָן, ווי ער וואָלט גע־

וואָלט, אַז זיינע ווערטער זאָלן וואָס שנעלער פאַרלאָרן ווערן. — און ווען זי האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם, איז דאָס געווען פאַר איר אַ זייער גרויסער קלאַפּ, נישט אַזויפיל דאָס געלט, ווי דאָס, וואָס זי האָט מיטאַמאָל פאַרלאָרן איר גאַנצן צוטרוי צו מיר. פון דעמאָלט אָן איז זי פאַרשלאָסן אין זיך און ס׳דאַכט זיך איר נאָר אויס, אַז איך נאָר זי און טו זאַכן הינטער איר פּלייצע.

— איז וואָס איז וועגן פּאַפּיר, וואָס זי האָט אונטערגעשריבן? — האָט דער לאַיער נישט אָפּגעלאָזט.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט איינער פון די זין און דערציילט, אַז זיי, די קינדער, האָבן איבערגעזוכט אַלע פּאַפּירן, דאָס גאַנצע הויז, און נישט געפונען אַזאַ פּאַפּיר.

— דאָס מוז זיך איר אויסדוכטן, — האָט ער געזאָגט די ריכטער שטילערהייט, די מוטער זאָל נישט הערן, — אָדער זי מישט עס צונויף מיט איר אונטערשריפט אויף די פאַרלאָרענע „שערם”.

דער פאָטער האָט געוואָרפן אַ טרויעריקן בליק אין דער זייט פון זיין פרוי און מיט אַ שוואַך קול זיך אָנגערופן:

—אויב ס׳איז געווען אַזאַ פּאַפּיר איז ער גאָרנישט ניט ווערט, איך פאַרזיכער אייך.

די ריכטער האָבן זיך לאַנג בעראַטן צווישן זיך און באַשלאָסן, אַז דער מאַן זאָל אונטערשרייבן, אַז אויב ער האָט ערגעץ אַן אונטערשריפט אויף אַ פּאַפּיר וועגן עפּעס, וואָס קאָן איר ברענגען שאָדן, זאָל די אונטערשריפט זיין בטל, ווי קיינמאָל נישט געווען.

ווען די ריכטער האָבן דערקלערט דעם באַשלוס האָט זיך די פרוי, ווי אַ דערפרישטע, אַ הייב געטאָן און הויך אַרויסגערעדט:

— און זאָל ער אויך געבן אַ האַנט תקיעת־כף.

דער ראַבאַי־ריכטער האָט אַ געריכטער אויסגעשטרעקט די האַנט צום מאַן און אויסגערופן:

— יאָ, גיט אַ תקיעת־כף.

דער מאַן האָט וואַרעם געדריקט דעם ראַבאַיס האַנט און עפּעס געמורמלט.

ביים אַרויסגיין האָט די פרוי אויסגעזען אַביסעלע באַרואיקט, און ביים מאַן האָבן טרערן געפינקלט אין די טיפע קנייטשן פון זיין פּנים.

אַ קריג — אָן קריגער . . .

דער אָנקלאָגער איז געווען דער 87־יאָריקער פֿאָטער — אַ קליינער, דאַרינקער טאַטעלע, קוים וואָס מ׳זעט אים אַרויס צווישן די אַכט דערוואַקסענע „קיינענאָרעדיקע" קינדער, אָבער איז היפּשלעך רירעוודיק פֿאַר זיינע יאָרן. זיינע אויגן זיינען אָנגעשפּיצט אויף אַלע זייטן און די נאָז דערציילט וועגן גרויס עקשנות — נישט סתם עקשנות אין דער וועלט אַריין, נאָר אַ מין אויסגעהאַלטנקייט און גרייטקייט איינצולייגן וועלטן פֿאַר דעם, וואָס ער האַלט פֿאַר ריכטיק.

די קינדער זיינען געשטאַנען אַרום און געציטערט און געפּלאַטערט איבער אים. פֿון יעדערנס אויגן איז געפֿלאָסן אַ ים מיט ליבע און אַכטונג צו אים. אַ זון האָט אים אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער, אַ טאָכטער האָט אים אונטערגעטראָגן די גלאָז צו די ליפּן בעת ער אַליין האָט געהאַלטן אין איינטעניהן מיט די ריכטער און די הענט זיינען אים געווען פֿאַרנומען . . .

פֿון פֿאָטערס קריוודעס קעגן זיינע קינדער האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט אַ מערקווירדיקע פֿאַנאָראַמע פֿון אַן אויסערגעוויינלעך־געטרייער און ענג־צוזאַמענגעוואַקסענער משפּחה. און דערציילט האָט דער אַלטיטשקער אַלץ קלאָר און רואיק, דורכגעפּלאָכטן מיט אַ גמרא־ווערטל און אַ פֿאָלקס־ווערטל מיטן גאַנצן טעם און זאַפט.

—איר זעט, קיין עין־הרע, מיינע קינדער? — גיט ער זיך לייכט אַ קער אויף ביידע זייטן צו ווייזן די ריכטער וועמען ער מיינט. — ס׳איז גאָר אַזעלכעס אויף דער וועלט ניטאָ. דאָס האָט משה רבינו געמיינט מיט כיבוד אב. נאָר אין איין זאַך שטעלן זיי זיך קעגן מיין ווילן.

ער בלייבט שטיל, גיט זיך אַ וויש דעם שטערן, ווי צו פֿאַרטרייבן אַ שווערן געדאַנק, און קוקט זיך אַרום אויף די קינדער. די קינדער אויף ביידע זייטן ווערן אַ ביסל אומרואיק, קוקן דעם טאַטן אין די אויגן אַריין מיט בליקן פֿון געבעט, ער זאָל זיך נאָר נישט אויפֿרעגן. דער פֿאָרזיצער וויל אַ ביסל לייכטער מאַכן די שטימונג און רופֿט זיך אָן:

— מיין טייערער ייד, ווער קאָן גאָר האָבן וועלכע עס איז טענות צו אזעלכע טייערע קינדער?

— איך האָב, חלילה, נישט קיין טענות צו זיי, — זאָגט דער פאָטער שוין אַ בארואיקטער פון די עטלעכע גוטע ווערטער פונעם ריכטער: — דאָס זיינען דאָך גאָלדענע קינדער. נישט נאָר האַלטן זיי מיך אוים בכבוד גדול, נאָר זיי גיבן מיר אַפילו געלט צו שיקן קיין ארץ־ישראל צו ישיבות און יתומים.

— נו, איז דאָך גוט! — גיט זיך דער לאַיער אַ כאַפּ אַ צופרידענער און וויל נאָך עפּעס זאָגן, אָבער דער אַלטיטשקער שטעלט אָן אויף אים אַ פּאָר אויגן פול מיט פאָרוואורף און נעמט פּויקן אויפן טיש מיט אַ ביינערדיקן, צעקאַרבטן פינגער:

— און מיין וואונטש! מיין פאַרלאַנג?

— דערציילט אונדז וועגן אייער וואונטש און אייער פאַרלאַנג, אדרבה, — רופט זיך אָן דער ראַבאַי שטיל און לאַנגזאַם און בייגט זיך אַריבער איבערן טיש און קוקט אַריין דעם אַלטיטשקן אין די אויגן.

דער אַלטיטשקער האַנגלט זיך צווישן זיין טענה און די שטילע, רואיקע ווערטער פונעם ראַבאַי. ער האַלט אַלץ אָנגעשטעלט זיינע בליקן אויפן ראַבאַי, בליקן איינגעשפּאַרטע, מאָנענדיקע, און נעמט ענדלעך דערציילן, ווי ער האָט זיין גאַנץ לעבן געחלומט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. ווען ער דערמאָנט דאָס וואָרט „ארץ־ישראל" קוקן די אויגן אין דער ווייטקייט, זיין שטים ווערט הייס און ער קאָן זיך קוים קאָנטראָלירן.

— און איצט, אַז איך האָב שוין זוכה געווען צו זיין אין הייליקן לאַנד און זען מיט מיינע אויגן די יידישע מלוכה — — — ער פאַרענדיקט נישט. די ווערטער בלייבן אים שטיין אין האַלדז.

— בארואיקט זיך, בארואיקט זיך, — גלעט אים דער ראַבאַי איבערן אַקסל און קוקט אויף אים מיט שטראַלנדיקע אויגן. — לאָמיר גאָר הערן וואָס די קינדער האָבן צו זאָגן.

עס רוקט זיך אַרוים די עלטסטע טאָכטער און נעמט רעדן פאַר אַלעמען.

— שטעלט זיך פאָר וואָס דער פאָטער אונדזערער וויל אונדז אָפּטאָן, — הייבט זי אָן מיט הארץ. — ער איז געפאָרן קיין ישראל אויף אַ באַזוך, אָנקוקן דאָס לאַנד. האָט ער גענומען און זיך איינגעקויפט דאָרט אַ שטיקל ערד און אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען נייטיק נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, און קלייבט זיך אַוועקצופאָרן אַהין און אונדז דאָ לאָזן אַליין. און וואָס

וועט זיין מיט אונדזער זעליקער מאַמען, וואָס האָט צוגעגרייט אַ „פּלאַץ" פאַר זיך און פאַר אונדזער פאָטער, אים צו לאַנגע יאָר, און פאַר אונדזער גאַנצער משפחה ביז אור־אייניקלעך, כּדי מיר זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען שטענדיק, ווי מיר האַלטן זיך אַלע ביים לעבן?

איך קול ווערט אַלץ שוואַכער און דורכגעמישט מיט טרערן. די אַרומיקע שטייען און ווישן זיך די אויגן. דער פאָטער אָבער שטייט מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, אַן אויסגעגלייכטער, ווי ער וואָלט איצט העכער געוואָרן, האַלט זיך אַן עקשנותדיק אין טיש און רעדט צו זיך אַליין: „דאָס איז מיין איינציקער פאַרלאַנג, מיין הייסטער וואונטש".

די ריכטער האָבן זיך דורכגערעדט. לאַיער און געשעפטסמאַן קוקן אויפֿן ראַבאַי מיט פרעגנדיקע אויגן און שווייגן. דער ראַבאַי זיצט פאַרטראַכט. מען זעט, אַז אים איז שטאַרק צום האַרצן די גרויסע ליבע פון אַלטיטשקן צו ישראל, אָבער ער פילט אויך, אַז מ׳טאָר נישט צערייסן אַזאַ טייערע משפחה. זיצט ער און טראַכט און גיט מיטאַמאָל אַ פרעג:

— זאָגט מיר, מיין טייערער ייד, גייען אייערע קינדער אַמאָל אויפֿן קבר פון זייער מוטער?

— ס׳אַראַ שאלה? — האָט דער פאָטער געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט אין דער לופֿטן מיט שטאָלץ, — איין קליייניקייט!

דער ראַבאַי וואַרט אַ ווײַלע, קוקט דעם אַלטיטשקן אין די אויגן און רופט זיך אָן:

— נו, ווי וועט זיין, אַז אייערע קינדער וועלן וועלן קומען אייך באַזוכן נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, האַ? — וויל דער ראַבאַי אים כאַפּן ביי אַן עוולה קעגן די קינדער, — וואָס, איר ווילט דאָך נישט צונעמען ביי זיי די מצווה פון כּיבוד אב.

— אָבער מיין האַרץ, מיין האַרץ איז דאָרטן, — בעט זיך שוין דער אַלטיטשקער מיט שוואַכקייט אין קול און קאָן נישט פאַרענדיקן די ווערטער.

די ריכטער האָבן זיך דורכגערעדט צווישן זיך און דער ראַבאַי האָט דערקלערט לאַנגזאַם און ערנסט:

— הערט זשע זיך איין, מיין ליבער ייד. מ׳טאָר נישט צעברעכן אַזאַ טייערע משפּחה. בלייבט דאָ מיט דער משפּחה. אייער האַרץ איז סיי־ווי דאָרטן אין ישראל.

דער אַלטיטשקער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן. עפּעס האָט דער ראַבאַי אים

אַנטפּלעקט אַ נייעם געדאַנק, אַ נייע שיטה. ער האָט לאַנג געקוקט דעם ראַבאַי אין די אויגן, ווי ער וואָלט פּרובירט איבערקייען אין געדאַנק דעם ענין, און מיט פּייכטע אויגן שטיל און שוואַך זיך אָנגערופֿן:

— אפשר, אפשר זענט איר גערעכט.

די אויגן ביי די קינדער האָבן זיך צעלויכטן דורך די פּייכטע וויעס. ביים אַרויסגיין פֿון געריכט האָט מען דעם פֿאָטער איינגאַנצן נישט געקאָנט אַרויסזען פֿון צווישן די קינדער, ווי ער וואָלט נאָך מער איינגעשרונקען . . .

פאַרן כבוד פון זיין ברודער

ער איז געקומען זיך אָננעמען פאַרן כבוד פון זיין ברודער, וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די הענט פון די נאַצישע רוצחים.

זיין לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטי, האָט ער דערציילט די ריכטער, האָט אַרויסגעגעבן אַ יזכור־בוך אין אָנדענק פון די קדושים. אין בוך שפּיגלט זיך אָפּ דאָס אַמאָליקע שטעטל מיט די ליידן און פריידן פון די דאָרטיקע יידן, וועלכע זיינען שפּעטער, אונטער היטלערן, כמעט אַלע פאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט. אין דעם־אַ בוך, האָט דער ברודער מיט ווייטיק געזאָגט, האָט מען פאַרלוימדעט און געשענדט דעם אָנדענק פון זיין אומגעקומענעם ברודער.

די ריכטער קוקן זיך איבער אין שטוינונג און דער פאָרזיצער בעט דעם אָנקלעגער דערקלערן דייטלעך אין וואָס דאָ האַנדלט זיך.

דער ברודער, אַליין אַ געראַטעוועטער פונעם היטלער־גיהנום, האָט מיט אַ פינצטערן פּנים און רויטלעך־טרויעריקע אויגן דערציילט, אַז די מיט־גלידער פון דער סאָסייעטי האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ יזכור־בוך צו פאַראייביקן די קדושים פון זייער שטעטל, וועלכע זיינען אומגעקומען על קידוש השם. ער דערלאַנגט די ריכטער דעם בוך.

— מיר אַלע האָבן געאַרבעט זייער שווער צו שאַפן די עטלעכע טויזנט דאָלער אַרויסצוגעבן דעם בוך, — האָט ער דערציילט. — אין בוך זיינען דאָ עפּיזאָדן פון פאַרשיידענע מענטשן פון שטעטל. ווען דער בוך איז אָנגעקומען פון ישראל, וואו ער האָט זיך געדרוקט, און איך האָב אַ קוק געטאָן אין אים איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מיין ברודער, וועמען לציס אין קליין שטעטל האָבן געגעבן אַ נישט־שיינעם צונאָמען, איז דאָרט אָנגע־רופן געוואָרן מיט אָט־דעם צונאָמען.

ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און זאָגט:

— איך קאָנט דאָך די קליינע שטעטלעך מיט די רכילותן און באַרעדע־נישן. אָבער אין אַ בוך ווען אַזאַ בלוטיקן מבול אויף אונדזער פאָלק פאַר־גינט מען זיך צו באַצייכענען מאַרטירער מיט צונעמען?

— לאָמיר הערן וואָס דער אַנדערער צד האָט צו זאָגן וועגן דעם, — רופט זיך אָן דער פאָרזיצער אַ צערודערטער.

די עטלעכע פאָרשטייער פון דער סאָסייעטי גיבן אָן פאַרשיידענע ענטפערס: דער בוך איז געדרוקט געוואָרן אין ישראל, ס'האָבן זיך געביטן די רעדאַקטאָרן, און נאָך אַזוינע שוואַכע פאַרענטפערונגען. דערווייל דערהערט זיך אַ קול פון איינעם פון צווישן זיי:

— אין אַן אַנדענק־בוך דאַרפן זיך אָפּשפּיגלען די שאָטנדיקע זייטן פון שטעטל, אַזוי גוט ווי די ליכטיקע זייטן! — און געזאָגט האָט עס יענער מיט אַ טאָן פון אַן אויטאָריטעט און מיט אַ סך חוצפה.

די ריכטער, וועלכע זיינען די גאַנצע צייט געווען אונטערן איינדרוק, אַז דאָ איז באַגאַנגען געוואָרן אַ פאַרזען דורך אימיצן, זיינען דערשטוינט געוואָרן, ווען זיי האָבן דאָס דערהערט, און דער ראַבאַי־ריכטער האָט אַז אויפגערעגטער זיך אָנגערופן צו יענעם:

— ר' ייד, צי ווייסט איר נישט, אַז נאָכן טויט פון אַ מענטשן זאָגט מען קיינמאָל נישט קיין שלעכטס וועגן אים? פאַרקערט, מ'באַמיט זיך צו געפינען אויף אים אַ זכות, איבערהויפּט נאָך אין אַזאַ פאַל, אין אַזאַ פאַלקס־טראַגעדיע.

ער האָט אַ צעוויטיקטער געקוקט אויף די טוער פון דער סאָסייעטי, געטראַכט אַ טרויעריקער און היים אַ זאָג געטאָן:

— די נאַצים, ימח שמם, האָבן דאָך אים אומגעבראַכט נישט דערפאַר, וואָס מ'האָט אים, מיט רעכט אָדער אָן רעכט, גערופן עפּעס אַ צונאָמען, נאָר ווייל ער איז געווען אַ ייד, אַ ייד! — — —

ער וויל נאָך עפּעס זאָגן, אָבער זיין קול האַקט זיך איבער און ער קאָן מער קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען. ער לאָזט שווער אַראָפּ דעם קאָפּ.

אין געריכט האָט זיך דערפילט אַ מוראדיקע שטילקייט. די ריכטער זיינען געזעסן בלייכע. פון די אויגן האָט זיך געטראָגן אַ געמיש פון ווייטיק און צאָרן. זיי האָבן נאָכאַמאָל געעפנט דעם יזכור־בוך, אַריינגעקוקט אין דעם אַרטיקל וועגן דעם געקריוודעטן מאַרטירער און האָבן אומעטיק געשאָקלט מיט די קעפּ.

— איז וואָס פאַרלאַנגט איר? — האָט זיך דער פאָרזיצער געווענדט צום אָנקלעגער.

דער פאַראומערטער ברודער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געקוקט די ריכטער

אין די אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט דאָרט געפינען אַ שטיקל טרייסט פאַר זיין געפייניקטן געמיט, און שטיל געזאָגט:

— זאָל די סאָסייעטי אָפּדרוקן אַ בלעטל מיט אַן אַנטשולדיקונג פאַר דער משפחה, פריינט און לאַנדסלייט פון מיין באַליידיקטן אומגעקומענעם ברודער און עס אַריינקלעפּן אין יעדן איינציקן בוך, און אויך צושיקן די דאָזיקע בלעטלעך צו אַלע לאַנדסלייט, וואָס האָבן שוין דעם בוך דערהאַלטן.

די ריכטער האָבן זיך דורכגערעדט צווישן זיך און האָבן באַשלאָסן, אַז דאָס איז זייער אַ גערעכטע פאָדערונג פון דעם אָנקלעגער, וועלכער איז געקומען זיך אָננעמען פאַרן כבוד פון זיין ברודער, — און האָבן אַרויסגעגעבן אַזאַ פּסק־דין.

מ׳זוכט אַ מציאה ביים לערער...

דריי זײַנען זיי געקומען אין געריכט. צוערשט האָבן אַרײַנגעשפּאַנט אַ מאַן און זיין פרוי, ביידע אין די פריע פערציקער. זיי זיינען אַרײַנגעקומען האָפּערדיקע, מיט פעסטע טריט, זיכער אין זיך. פון זייערע פּנימער האָבן אַראָפּגעשיינט „גוטע טעג" — גלאַטע, ראָזעווע בעקעלער. די פרוי האָט געטראָגן די לעצטע מאָדע פריזור — העל־בלאָנדע און פוכקע־אויפגעבלאָזן. אויך זיינען זייערע קליידער געווען „ניט צו פאַרזינדיקן" ...

נאָך זיי איז אַרײַנגעקומען אַ מאַן אין די שפּעטע פופציקער. ער איז געגאַנגען געלאַסן, ווי באַטראַכט די טריט, וואָס ער שטעלט. זיין פּנים איז געווען בלאַסלער און אַביסל פאַרזאָרגט, אָבער די אויגן — טיפע, פאַרטראַכטע.

— ווער איז דער אָנקלאָגער ? — האָט דער פאָרזיצער פון געריכט געפרעגט די דריי.

— יענער מאַן, — האָט די פרוי מיט ביטול אַ זאָג געטאָן, — אָבער איך וועל אייך איבערגעבן אין וואָס עס האַנדלט זיך.

— אין אַלע געריכטן פירט זיך, אַז דער אָנקלאָגער האָט דאָס ערשטע וואָרט, — האָט דער פאָרזיצער זיך אָנגערופן מיט אויטאָריטעט. — לאָמיר הערן וואָס איר האָט צו זאָגן, — האָט ער זיך געווענדט צום אָנקלאָגער.

דער פרוי איז עס נישט געפעלן געוואָרן. זי האָט געמיינט, אַז זי וועט דאָ איינעמען די וועלט מיט איר זיכערקייט אין זיך און מיט איר אָנשטעל און דאָ האָט זי שוין ביים סאַמע אָנהייב פאַרלאָרן. זי האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אויפן אָנקלאָגער, ווי ער וואָלט געווען שולדיק אין דעם.

דער אָנקלאָגער איז מיט שטילע טריט צוגעקומען צום געריכט־טיש און גענומען איבערגעבן זיין טענה. ער איז אַ „היברו טיטשער", האָט ער געזאָגט, און אַ טייל פון זיין פּראָפעסיע איז אויך צוצוגרייטן יינגלעך צו בר־מצווה.

— דער מאַן און די פרוי האָבן מיך איינגעלאַדן איך זאָל קומען צו זיי צוגרייטן זייער יינגל צו בר־מצווה, — האָט ער גערעדט מיט ווירדע, אָבער

אַ געקרענקטער, וואָס אים קומט אויס זיך צו לאָדן וועגן אַזאַ עניין. — ווען זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז זייער זון ווייסט גאָרנישט וועגן ייִדישקייט, האָב איך זיי דערקלערט, אַז דאָ איז נישט קיין פראַגע פון בר־מצווה בלויז, אַז מ׳דאַרף אים באַקענען מיט ייִדישקייט בכלל, מיט ייִדישער געשיכטע. ווען ער וועט זיין גרייט פאַר בר־מצווה וועלן מיר רעדן וועגן דעם באַזונדער. זיי האָבן איינגעוויליקט צו צאָלן פינף דאָלער אַ לעקציע איין מאָל אַ וואָך.

— פינף דאָלער, „מיינד יו", פינף דאָלער פאַר עטלעכע מינוט! — רייסט זיך די פרוי אַריין אין זיינע רייד, און איר אויפגעבלאָזענע פריזור שאָקלט זיך אַזש.

דער לערער האָט אויפגעהויבן אַ פאָר טרויעריקע אויגן אויף דער פרוי און דערקלערט די ריכטער:

— איך האָב געדאַרפט פאָרן צו זיי אַ היפּשע שטרעקע, איז אַרום און אַרום מיטן לערנען פלעגט עס אויסמאַכן אַ שעה און אַ האַלב.

— איז וואָס איז אייער פאַרלאַנג? — האָט דער פאָרזיצער אַ פרעג געטאָן דעם לערער.

— זיי ווילן נישט באַצאָלן פאַר צוגרייטן זייער זון צו בר־מצווה, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, — האָט דער לערער געזאָגט. — אויך נישט פאַר די עטלעכע מאָל, וואָס איך בין געקומען און דער ייִנגל איז נישט געווען אינדערהיים.

— דאָס איז נישט אמת, מיין ייִנגל איז שטענדיק געווען אינדערהיים! — האָט די פרוי אַ זאָג געטאָן מיט כעס. — איך האָב אָבער געוואוסט, אַז ער וועט ביי אונדז צאַפּן געלט. ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען צו אונדז אין הויז, האָט איר געמעגט זען, ווי ער האָט אַזוי באַקוקט יעדע זאַך, דעם גאָרטן, די מעבל, ווי ער וואָלט זיך געטראַכט, אַז זיי מעגן באַצאָלן, זיי האָבן גענוג, — האָבן אירע ליפּעלעך געגאָסן מיט גאַל.

— ס׳איז נישט ריכטיק! — האָט דער לערער זיך אָנגערופן אַ בלייכער און צערודערטער און האָט געוואָרפן אַ פאַראַכטנדיקן בליק אין איר זייט.

—איך האָב באַטראַכט דעם שיינעם גאָרטן, ווייל איך האָב ליב בלומען, און די היים אין באַנגאַלאָ־סטיל (ס׳האָט געפעלט ער זאָל אַ זאָג טאָן: אויף אַלע „היברו טיטשערס" געזאָגט געוואָרן . . .). אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיטן באַצאָלן פאַר מיין לערנען מיטן ייִנגל, דווקא אַ וואויל בחורל?

דער ראַבאַי־ריכטער האָט צופרידן אַ שמייכל געטאָן. ס׳איז אים געפעלן

געוואָרן, וואָס דער דערציער" האָט געגומען די איבערהאַנט איבערן סכסוך מיט די פאַרגרעבטע טאַטע־מאַמע. ער האָט געקוקט אַ ווײַל מיט נחת־רוח אויפן לערער און דאַן זיך אָנגערופן צו די עלטערן:

— נו, און ווי איז געווען די בר־מצווה? גוט צוגעגרייט?

די פרוי האָט זיך דערפילט ווי אין אַ קלעם. זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און ענדלעך זיך אָנגערופן:

— וואָס אמת איז אמת, די בר־מצווה איז געווען זייער גוט. אַלע געסט האָבן באַוואונדערט דעם „ספּיטש" און דעם געדאַנק.

— איז ווי דענקט איר, דאָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל? — האָט דער ראַבאַי־ריכטער געזאָגט מיט דינעם פאַרוואורף אין קול.

די ריכטער האָבן זיך דורכגערעדט צווישן זיך און באַשלאָסן, אַז דער לערער דאַרף קריגן באַצאָלט די ספּעציעלע סומע פאַרן צוגרייטן צו בר־מצווה און אַז ער זאָל מוותר זיין אויף די אַנדערע עטלעכע דאָלער.

די פרוי האָט אַרויסגעוויזן אָפענע אומצופרידנקייט מיטן באַשלוס. די זעלביקע אויגן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין ווארפן שמייכעלעך ביים אַריינקומען, האָבן איצט געקוקט ביסטרע, און דאָס שפּיץ נעזל איז אַזש בלוי געוואָרן פאַר כעס. דער מאַן האָט זי גענומען פאַרן אָרעם און אַ זאָג געטאָן שאַרף: „לעט'ס גאָו!"

דער ראַבאַי־ריכטער איז געבליבן זיצן אַ פאַרקלערטער. זיינע אויגן האָבן אומעטיק געקוקט אין דער ווייטקייט און זיין האַרץ איז אים אויסגעגאַנגען נאָכן לערער.

צרות מיט אַ בעל־תשובה

מאַן און ווייב, ביידע אין מיטעלע יאָרן, זיינען געקומען אין געריכט מיט טענות איינער צום אַנדערן. דער מאַן, אַ שטאַרק־צערודערטער, מיט אַרויס־געשטאַרטשעטע מרה־שחורהדיקע אויגן, האָט אויפגעוויקלט אַ מערקוויר־דיקן קאַפּיטל פון זיין לעבן.

— שוין פערצן יאָר, ווי איך בין געוואָרן אַ בעל־תשובה, — האָט ער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן דערקלערט די ריכטער אין אַ שאַרפן טאָן. — מיט פערצן יאָר צוריק האָב איך אָנגעהויבן שטרענג אָפּהיטן יידישקייט.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אויפגעהויבן די שווערע ברעמען און אָנגעשטעלט די בליקן אויף די ריכטער. ס'האָט אַ וויילע געהערשט אַ שטיל־שווייגן אין געריכט. דער ראַבאַי־ריכטער האָט זיך אַ רוק געטאָן פאָראויס כדי בעסער דורכצודרינגען דעם אָנקלאָגער און זיך אָנגערופן:

— אַ בעל־תשובה, זייער פיין פון אייך. ווי שטייט דאָרט: „במקום שבעלי תשובה עומדים" . . . איז וואָס־זשע איז אייער פאַרלאַנג?

דער אָנקלאָגער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם העברעאישן זאָג פונעם ראַבאַי, ער האָט זיך אָבער דערפרייט צו הערן פון יענעמס מויל דאָס וואָרט „בעל־תשובה" און איז געוואָרן אייפערדיקער און האָט זיך אָנגערופן:

— איך קלאָג אָן מיין פרוי, אַז זי פירט זיך נישט אויף ווי אַ יידישע פרוי באַדאַרף זיך אויפפירן. מיין הויז איז נישט גענוג יידיש. דאָס ערגסטע איז, וואָס מיין פרוי פירט אַראָפּ די קינדער אונדזערע פון דרך הישר, רייסט זיי אָפּ פון גאָט.

דאָס קול איז געוואָרן ביי אים אַלץ הייסער און הייסער און די בולטע אויגן זיינען אומגעשוואומען ווי אין אַ וואָלקן, ביז די צערודערונג איז אַרי־בער אין אויפרעגונג. דער ראַבאַי האָט אים געמוזט שטאַרק בעטן צו באַ־רואיקן זיך און רעדן זאַכלעך און נישט וואַרפן זיך סתם מיט באַשולדיקונגען.

דער מאַן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און גענומען דערציילן, ווי זיין עלטסטער זון וועלכער האָט זיך דאָ נישט לאַנג צוריק אומגעקערט פון דער אַרמיי, האָט אינגאַנצן פאַרוואָרפן די פרומקייט און אַז דער מיטלסטער, ניינצן־יאָריקער זון, איז אויך נישט פרום, אינגאַנצן נישט פרום און דעם

יינגסטן, פופצן־יאָריקן יינגל, וואָלט ער נאָך געקאָנט „אָפּראַטעווען פֿאַר גאָט", אָבער די פֿרוי לאָזט נישט, זי העלפֿט אים נישט אין דעם.

— וואָס טוט אייער יינגסטער זון ? — האָט דער פֿאָרזיצער געפֿרעגט.

— איך הערט דאָך, — האָט דער מאַן געזאָגט און געמיינט, אַז יענער האָט געלייענט זיינע געדאַנקען. — איך האָב אים געשיקט אין אַ ישיבה און ווען ער האָט דאָרט געענדיקט די פּאָבליק־סקול, האָט ער באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן די ישיבה און אַריינגיין אין אַ רעגירונג האַי־סקול, און דאָרט איז ער שוין אַ פֿאַרלאָרענער — אי פֿאַר גאָט, אי פֿאַרן יידישן פֿאָלק.

די ריכטער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פֿרעגנדיקע אויגן און דער ראַבאַי האָט מיט וואָרעמער רואיקייט אים אַ פֿרעג געטאָן :

— מיינט איר צו זאָגן, אַז אַלע טויזנטער און טויזנטער יידישע קינדער, וואָס לערנען זיך אין די רעגירונג האַי־סקולס, זיינען פֿאַרלאָרן פֿאַרן יידישן פֿאָלק ?

דער בעל־תשובה האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פֿאַרוואונדערטע אויגן אויפֿן ראַבאַי, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט דערוואַרט אַזאַ אפּיקורסישע פֿראַגע פֿון אים. ער האָט געשוויגן אַ וויילע צוצוטראַכטן דעם ריכטיקן ענטפֿער און אַ זאָג געטאָן מיט האַסט :

— איך וואָלט געוואָלט, אַז מיינע זין זאָלן שטיין מיט מיר אין בית־מדרש ביי ביידע זייטן און דאַוונען מיט מיר פֿון סידור. אַלס אַ טאַטע מעג איך עס פֿאַרלאַנגען. אָט־דאָס הייסט ביי מיר יידישקייט. דער יינג־סטער גייט נאָך מיט מיר אַלע שבת אין שול, אָבער איך פֿיל, ווי ער דער־ווייטערט זיך פֿון מיר אַלץ מער און מער, און דאָס איז אַלץ איר שולד. — ער האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ צו זיין פֿרוי.

די פֿרוי איז געשטאַנען און געקוקט אויף איר מאַן סיי מיט רחמנות, סיי מיט פֿאַרביטערטקייט. ווען די ריכטער האָבן זי געפֿרעגט, וואָס זי האָט צו זאָגן וועגן איר מאַנס טענות, האָט זי לאַנגזאַם זיך דערנעענטערט צום ריכטער־טיש און שטיל, אָבער קלאָר געגומען רעדן :

— מיין מאַן זאָגט, אַז איך פֿיר זיך נישט אויף ווי אַ יידישע פֿרוי באַ־דאַרף זיך אויפֿפֿירן. פֿרעג איך אייך : מיט וואָס ? איך האָב אַ כשרע היים, איך בענטש ליכט, איך האַלט זיך פֿאַר אַ גוטער יידישער טאָכטער. די צרה איז, וואָס ער פֿאַרלאַנגט צופֿיל. ער האָט אַזוי אַרום אויך די קינדער אָפּגעשטויסן. איך פֿיל, אַז רעליגיע קאָן מען נישט אַרויפֿצווינגען, ס'דאַרף

קומען פון הארצן. און ווי קאָנען די קינדער זיין אַזוי פרום ווי ער, מיט אַלע פינטעלעך? ער אַליין איז דאָך נישט געווען אַזוי פרום פריער.

— אָבער איך האָב דערזען גאָטס ליכט! — האָט דער מאַן זיך אַריינגעריסן אין אירע רייד. — און דאָס וואָס זי האָט געלעסטערט גאָט?! — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַן אויפגעצאָרנטער, מיט שוים אויף די ליפּן.

די ריכטער האָבן אים געבעטן זיך בארואיקן און האָבן געפרעגט דער פרוי וואָס ער מיינט דערמיט. די פרוי איז אומעטיק געוואָרן. דער געדאַנק אַז זי וועט דאַרפן ווידער רעדן וועגן דעם עניין, האָט זי אויפגערודערט. זי האָט אַ ווײַלע געטראַכט און זיך אָנגערופן:

— דאָס אייביקע מוסרן זיינס, אַז מ'דאַרף טאָן אַלץ נאָר פאַר גאָט, נאָר פאַר גאָט, האָט מיך אַזוי נערוועז געמאַכט, אַז איך האָב אים איינמאָל אַ זאָג געטאָן: „זאָג מיר, פאַרוואָס האָט גאָט גאָרנישט געטאָן פאַר די יידן, ווען היטלער האָט אויסגעקוילעט מיין גאַנצע משפחה און זעקס מיליאָן מענער, פרויען און קינדער?" — די לעצטע ווערטער זיינען אַרויסגעקומען פאַרשטיקטע, צעבראָכענע. איר פּנים האָט פון פאַרפלאַמטער רויטקייט זיך אינגאַנצן געענדערט אין אַ פינצטערער בלייכקייט און אַ שטראָם גרויסע פינקלדיקע טרערן האָט אַ שפּאַר געטאָן פון אירע אויגן.

אַלע אין געריכט האָבן אויפגעציטערט. אַ שווערער אומעט האָט זיך צעלייגט איבער די געמיטער. אַ לאַנגע צייט האָט זיך געדאַכט, אַז אירע פיינלעכע, מאָנענדיקע ווערטער טראָגן זיך נאָך אַלץ איבערן געריכט. פון צווישן די ריכטער האָט זיך דערהערט אַ מורמל: „איובס ווערטער". בלויז דעם בעל־תשובה האָט עס נים געריירט. ער איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער און שטיל געטענהט: „אָט־אַזוי לעסטערט זי גאָט".

אַלע דריי ריכטער האָבן אַ סך אַריינגעטענהט מיט אים, אַז ער פאַרלאַנגט באמת צופיל פון זיין פרוי און קינדער, און אַז דערמיט האָט ער זיי טאַקע אפשר פאַרטריבן פון יידישקייט. גאָר שאַרפע דיבורים האָט גערעדט מיט אים דער ראַבאַי. ער האָט אים אָנגעוויזן, אַז אַ פאָלק באַשטייט פון מער גלויביקע און ווייניקער גלויביקע און אפילו אינגאַנצן נישט קיין גלויביקע, אָבער אַלע זיינען יידן, און דער וואָס שליסט זיי אויס פון יידישן פאָלק איז אַליין נישט קיין אמתער ייד, שטעלט זיך קעגן זיין פאָלק.

די ריכטער האָבן זיך נאָכדעם בארעטן צווישן זיך און באַשלאָסן, אַז די פרוי זאָל אומבאַדינגט גיין מיט איר מאַן צו אַ פּסיכיאַטער. דער בעל־תשובה האָט זיך געקווענקלט, אָבער האָט געמוזט צוזאָגן דאָס צו טאָן.

פון כאַפּעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס...

אַ פּאָרל,ביידע אין די מיטעלע זעכציקער, איז געקומען אין געריכט מיט טענות. און געקומען זײַנען מאַן און ווייב אין די סאַמע טעג וואָס האָבן געזאָלט זיין אַ „האַני מון" — ניט מער ווי זיבן וואָכן נאָך זייער חתונה. די הויפּט טענות האָט אַרויסגערוקט דער מאַן.

— איך האָב גאָרנישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ קאָרגע פרוי זי איז, — האָט ער אָנגעהויבן זיך פאַרקלאָגן פאַר די ריכטער.

— ווי לאַנג האָט איר זיך געקענט פאַר דער חתונה? — האָט דער פאָר־זיצער פון געריכט געפרעגט דעם מאַן.

— צוויי חדשים, — האָט דער מאַן געענטפערט שטיל און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און מיטאַמאָל אַרויסגעשאָסן, אַז זיין פרוי איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט, „שווערע טויזנטער", און ער האָט זי געדאַרפט אויסהאַלטן זינט זיי האָבן געהייראַט.

— גאַנצע זיבן וואָכן, — האָט דער לאָיער־ריכטער אַ זאָג געטאָן מיט פאַרבאָרגענעם חוזק.

דער ראַבאַי־ריכטער האָט אַן אומעטיקער געקוקט אויף מאַן און ווייב, וועלכע האָבן אויסגעזען צו זיין באַלד צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי ער, און מיט זאָרג אין קול זיך אָנגערופן:

— דערציילט אונדז מער וועגן אייער צוזאַמענלעבן.

דער מאַן האָט גענומען רעדן, אָבער אַלץ וואָס ער האָט דערציילט, האָט זיך געדרייט אַרום די „שווערע טויזנטער", וואָס זיין פרוי פאַרמאָגט און ווי קאָרג זי איז. ס'האָט זיך געזען בולט, אַז דער מאַן האָט זיך געהאַט אָנגע־כאַפּט אין שידוך צוליבן געלט, און איצט איז גרויסע צרות.

— לאָמיר הערן וואָס אייער פרוי האָט צו זאָגן, — האָט דער געשעפטס־מאַן־ריכטער ברייטלעך אַ זאָג געטאָן, ווי ער וואָלט אָנגעדרייט, אַז „אויב געלט — לאָזט מיך".

די פרוי, אַ רירעוודיקע, מיט שאַרפע אויגן, נעט געקליידט, האָט גלייך צוגעגעבן, אַז ס'איז געווען אַ צוגעאײַלטער שידוך.

— מענטשן דאַרפֿן זיך בעסער באַקענען איינער מיטן אַנדערן, איידער מ׳פֿאַרבינדט זיך אויף אַ גאַנץ לעבן, — האָט זי מיט וואַרעמקייט אין קול געזאָגט. — מיר זיינען דאָך שוין נישט קיין יונגע קינדער וואָס פֿאַרליבן זיך אויפֿן ערשטן בליק.

— אָבער פֿאַרוואָס קומט איר נישט אוים צווישן זיך ? — האָט דער ראַבאַי געפֿרעגט.

— אַט האָט איר דאָך שוין אַליין געהערט פֿון אים, — האָט זי געענטפֿערט. — פֿון זיינע רייד האָט איר געקענט אַרויסדרינגען, אַז ער האָט גע־הייראַט מיט מיר בלויז צוליבן געלט. איך האָב אָבער שווער געהאַרעוועט אויף דעם, געהאָט געגנוג טעג נישט־דערעסענע, נעכט נישט־דערשלאָפֿענע.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ ווייל, זיך פֿאַרטראַכט, ווי אין געדאַנק וואָלטן זיך איר דורכגעטראָגן די „טעג נישט־דערעסענע, נעכט נישט־דער־שלאָפֿענע". זי האָט מיט ברייט־צעעפֿנטע אויגן געקוקט אויף די ריכטער, געפֿאָדערט, צי פֿאַרשטייען זיי כאָטש ווי ציטערדיק זי האָט אָפּגעהיט יעדן אָפּגעשפּאָרטן גראָשן אויף אַ „רעגנדיקן טאָג". און מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן :

— ער איז זייער אַן אויפֿגערעגטער מענטש, אַ כעסן, און הייסט זיך באַדינען און קאָרמענען פֿון בעסטן און פֿון שענסטן, — האָט זי ווייטער גערעדט. — אין געלט איז ביי אים נים קיין מניעה. אַט קאָן ער אָפּרעדן אויפֿן טעלעפֿאָן „לאַנג דיסטענס" כ׳וויים ווי לאַנג און איך דאַרף באַצאָלן. ווען איך האָב איינמאָל זיך באַקלאָגט אויף דעם, האָט ער געכאַפּט און אַרויסגעריסן דעם טעלעפֿאָן פֿון דער וואַנט און מיר אַ שטויס געטאָן.

דער מאַן האָט זיך דאַ אַריינגעמישט און אויסגערופֿן : „דאָס איז נישט אמת ! איך האָב זי בלויז אַ שטופּ געטאָן און זי איז געפֿאַלן". ער האָט באַלד דערזען, ווי די ריכטער קוקן אויף אים מיט שטראָפֿנדיקע בליקן, ווי זיי וואָלטן אים פֿאַרגעוואָרפֿן : „און אַ שטופּ טאָן מעג מען ?", האָט ער זיך געכאַפּט צו פֿאַרריכטן זיין מערכה ביי זיי מיט דער טענה, אַז זיין פֿרוי איז אַ „קאָמוניסטקע", גייט קיינמאָל נישט אין שול, בלויז איין מאָל איז זי געגאַנגען צו יזכור. ער זעט אָבער, אַז זיינע רייד מאַכן נישט קיין ווירקונג און ער בלייבט שטיין ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

דער פֿאָרזיצער האָט זיך איבערגעבויגן צום ראַבאַי און אים שטיל אַ זאָג געטאָן : „די מעשה מיטן גנב, וואָס האָט צוגעלקחנט ביי אַ פֿרוי די לייב־טער, ווייל זי איז געגאַנגען אין אייגענע האר . . .", דער ראַבאַי האָט אָבער

אַנשטאָט אַ שמייכל טאָן פון וויץ, טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דאָס איז נישט דאָס איינציקע מאָל, וואָס ער האָט מיך אַ שטויס געטאָן, — האָט די פרוי מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אַרויסגערעדט, — איינמאָל, ווען ער האָט מיך געבעטן פינף טויזנט דאָלער ער זאָל עפּעס אַ געשעפט און איך האָב אים אָפּגעזאָגט, האָט ער מיך אַ כאַפּ געטאָן און מיר געמאַכט בלויע און ברוינע סימנים.

— וואָס־זשע פאַרלאַנגט איר פון געריכט? — האָט דער פאָרזיצער ביידן געפרעגט.

די פרוי האָט געבעטן דאָס וואָרט און האָט דערקלערט:

— געערטע ריכטער, איר קאָנט זיך אַליין פאָרשטעלן, ווי שווער ס'איז צו לעבן מיט אַזאַ מין געפיל אין האַרץ, אַז אַ מענטש וויל אייך אויסנוצן, בלויז אויסנוצן. וואָלט ער נישט געווען אַזוי גראָב און ברוטאַל צו מיר, וואָלט איך נאָך אפשר געווען אַ ביסל פאַרבלענדט וועגן אונדזער לאַגע, עס ווילט זיך דאָך האָבן אַ נאָענטן מענטשן לעבן זיך אין די יאָרן. — זי האָט זיך פאַרהאַקט, איר שטים איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ ווײַלע. זי האָט אויסגעווישט אַ טרער און זיך אָנגערופן:

— איך וואָלט פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן זיך פאַנאַנדערגיין אויף אַ קורצער צייט. איך וועל אפילו באַצאָלן פאַר אים דירה־געלט.

די ריכטער האָבן זיך באַראַטן צווישן זיך וועגן דער פרויס פאָרשלאָג, און האָבן איינגעזען, אַז דאָס וואָלט געווען דער בעסטער אויסוועג פאַר זיי. אפשר וועלן זיי זיך איבערדענקען און באַשליסן ווידער זיך צונויפצוקומען. זיי האָבן געפּועלט ביים מאַן, ער זאָל אויך איינגיין אויף דעם און ער האָט צוגעשטימט זיך צו שיידן אויף דריי וואָכן.

דאָס זיבן־וואָכעדיק־פאַרהייראַטע פּאָרפאָלק איז אַרויס פון געריכט — ביידע מיט שווערע געמיטער פון אַ בליץ־שנעלער אַנטוישונג.

נישטאָ מער קיין מנין

אַ גרויסער, טומלענדיקער עולם פון אַ פופצן־צוואַנציק מענטשן האָט זיך אַריינגעלאָזט אין גאָריכט. דער טאָג איז געווען אַ פלאָם־פייערדיקער, אַ שטיקנדיקער, און דאָ האָבן די טענות און די רוגזהרייען צווישן די פאַר־זאַמלטע נאָך מער צעפלאַקערט די געמיטער און צעוויגט דעם שווייס אויף די פנימער.

דאָס האָבן זיך געלאָדן צוויי צדדים פון איין חברה. ווען דער פאָרזיצער פון גאָריכט האָט געפרעגט, ווער עס וויל רעדן, האָט זיך צוגערוקט צום ריכטער־טיש אַן עלטערער, כאָטש גוט־פאַרהיטער מאַן, האָט זיך אָפּגע־ווישט דעם פאַרפּאַרעטן שטערן און גענומען דערציילן די „גאַנצע היסטאָרי", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, פון זייער חברה און שול. דאָ האָט זיך פאַ־נאַנדערגעוויקלט אַ פּאַנאָראַמע פון דער איבערשיכטונג, וואָס די ניו־יאָרקער יידישע באַפעלקערונג האָט דורכגעמאַכט אין די לעצטע 40־50 יאָר.

— איך בין דער לעצטער פון דער גרופּע לאַנדסלייט, — האָט געזאָגט דער ייד מיט אויטאָריטעט און עקשנות אין קול, — וואָס האָט מיט קאַרגע פערציק יאָר צוריק געגרינדעט אַ חברה און אַ שול. די מערסטע זיינען שוין אויף יענער וועלט. אַ פּאָר האָבן זיך לאַנג צוריק אַרויסגעצויגן. אַ שטיק צייט איז די שול געווען בלויז פאַר די לאַנדסלייט, אָבער ביסלעכווייז האָבן אָנגעהויבן צוקומען סתם יידן, שכנים, און פּאַמעלעכקע, פּאַמעלעכקע האָבן זיי געגרינדעט אַ סאָסייעטי אַרום דער שול און זיך דערפילט ווי גאַנצע באַלעבאַטים.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געוואָרפן אַ בליק אַרום זיך, אויף די לאַנדס־לייט און „סתם יידן", וואָס האָבן באַלאַגערט דעם ריכטער־טיש, און מיט באַנייטן מוט גענומען נאָך העכער אויסלייגן זיינע טענות:

— ווי געזאָגט, בין איך דער איינציקער, וואָס איז געבליבן פון אַלע די, וואָס האָבן געבראַכט די ערשטע סומעס געלט, צענערלעך און הונדערטערס און נאָך מער און אויסגעבויט אַ שול און דורך די אַלע יאָרן זי אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. יאָ, אָבער איך האָב מיט מיינע אויגן אויך צוגעקוקט די

גאַנצע צייט, ווי עס בייט זיך אַלץ אַרום, פריער די מתפּללים — נייע, פרעמדע מענטשן, אָבי יידן; שפּעטער האָט זיך גענומען בייטן די גאַנצע געגענט. ס'איז געוואָרן אַלץ ווייניקער יידן און אַלץ מער מענטשן פון אַנדערע גלויבנס, און אונדזער שול האָט גענומען פוסטעווען, ביז ס'איז געקומען אַ צייט, ווען ס'זיינען דאָרט אינגאַנצן נישטאָ קיין יידן.

דער ראַבאַי־ריכטער האָט אים איבערגעריסן און אַ פרעג־געטאָן:

— איר מיינט צו זאָגן, נישטאָ דאָרט אַפילו קיין מנין?

— נישטאָ, נישטאָ, — האָט דער ייד טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און געקוקט די ריכטער אין די אויגן מיט אַביסל דערשלאָגנקייט, ווי ער, דער גרינדער און אַפּהיטער פון דער שול, וואָלט געווען שולדיק אין אָט־דעם חורבן.

ס'האָט אַ ווייל געהערשט אַ געדריקטע שטימונג אין געריכט, נאָר דער געשעפטסמאַן־ריכטער האָט איבערגעריסן די שטילקייט און געפרעגט:

—נו, וואָס וועט איצט זיין מיט דער געביידע פון דער שול?

— אָט וועגן דעם טאַקע האַנדלט זיך עס, — האָט דער גרינדער פון דער שול געזאָגט, — ס'איז נישט נאָר די געביידע, ס'זיינען דאָ אַכט טייערע ספר־תורהס, סידורים, חומשים און סתם ספרים. דער עולם איז נישט אייניק וועגן דעם, וואָס מ'זאָל איצט טאָן מיט דעם אַלעם. איך דענק, אַז מ'זאָל אַלץ פאַרקויפן און אַוועקשיקן דאָס געלט קיין ישראל.

דאָ האָט איינער פון די פאַרזאַמלטע אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט:

— די מערסטע סידורים און חומשים און אַנדערע ספרים זיינען שוין אינגאַנצן צעריסן און אויסגעריבן.

— אויב די מערהייט וויל פאַרקויפן, דאַרף מען פאַרקויפן.

אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס רעדט זיך לייכטער, ווי עס טוט זיך. ס'האָט גענומען דאָס וואָרט איינער פון די נייע, גאָר־שפּעטער צוגעקומענע, און דערציילט אַ לאַנגע, פאַרפּלאָנטערטע מעשה, ווי זיי האָבן געגרינדעט אַ סאָסייעטי אַרום דער שול און איינגעקויפט „סעמעטערי", אַ היפּש ביסל סעמעטערי, און דאָס מאַכט דעם גאַנצן ענין קאָמפּליצירט. די ריכטער זיינען אָבער באַשטאַנען, אַז דאָס האָט נישט צו טאָן מיטן סאַמע עניין פון דער לאָדעניש — וועגן דער שול און די ספר־תורהס.

צווישן די פאַרזאַמלטע האָט זיך אויך געפונען אַן אַלטיטשקע, שטאַרק צעקנייטשטע פרוי מיט אַ פאַרזאָרגט, איינגעפאַלן פּנים און אומעטיקע

אויגן. זי האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין מורמלען, „מיין קינד, מיין קינד" און געוואָלט עפּעס זאָגן די ריכטער און נישט געקאָנט זיך דערשלאָגן צום טיש. סוף־כל־סוף האָט זי געפונען אַ שפּאַרונע צווישן די פּאַרזאַמלטע און האָט זיך דורכגעשטופּט און אָנגעשטעלט אַ פּאָר בעטנדיקע אויגן אויפן ראַבאַי־ריכטער. יענער האָט עס באַמערקט און זיך אָנגערופן צו די אַנדערע צוויי ריכטער:

— לאָמיר הערן וואָס די פרוי האָט צו זאָגן.

די אַלטיטשקע האָט זיך געגעבן אַ ציאַפּל און זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן. זי האָט געגומען שטאַמלען און מיט שוועריקייט אַרויסגערעדט:

— איך האָב פאַרלאָרן אַ קינד, אַ דערוואַקסענעם זון, האָב איך אַריינגעגעבן אין שול אַ ספר־תורה אויף זיין נאָמען. איצט וויל מען גאָר אוועקנעמען מיין קינד און אַוועקשיקן. — זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ס'האָט איר אויסגעפעלט אָטעם. זי האָט בלויז געהאַלטן „אויסגעשטרעקט" די אויגן ווי אין געבעט צו די ריכטער און קליינע, האַלב־אויסגעטריקנטע טרערן האָבן זיך געצויגן איבער די טיפע קאַרבן פון אירע באַקן.

אַ שכנה האָט זי באַרואיקט און שפּעטער דערציילט דעם רעפּאָרטער, אַז גאָט־די אומגליקלעכע מוטער האָט באַטראַכט די ספר־תורה ווי איר זון. איצט וויל זי אַריינגעבן די תורה אין אַ שול נישט ווייט פון איר היים, כדי זי זאָל קאָנען גיין אַהין יעדן טאָג זען איר קינד.

צווישן די פאַרזאַמלטע זיינען געווען נאָך עטלעכע וואָס האָבן נישט צוגעשטימט אַוועקצושיקן זייערע ספר־תורהס קיין ישראל. זיי האָבן געוואָלט אַריינגעבן זיי אין שולן, וואו זיי דאַוונען איצט.

די ריכטער האָבן ערנסט זיך באַראַטן וועגן די ספר־תורהס. ס'איז געווען אַ שאלה, צי איינער, וואָס שענקט עפּעס אַ חפץ צו אַ רעליגיעזן אַנשטאַלט, קאָן עס בעטן צוריק, אויב אַפילו ער וויל בלויז בייטן דעם פּלאַץ פאַרן חפץ. האָבן די ריכטער באַשלאָסן איבערצושיקן די דין־תורה צו אַן אָנגעזעענעם רב, אַ געזעלשאַפטלעכן עסקן אין רעליגיעזע אינסטיטוציעס אין ברוקלין.

מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן

אַ מאַן און אַ פרוי, ביידע אין די מיטעלע יאָרן, זיינען געקומען אין יידישן פאַמיליע־געריכט. כאָטש געגאַנגען זיינען זיי צוזאַמען האָט זיך אָבער אָנגעזען אַ פרעמדקייט צווישן זיי. אין אירע טריט האָט זיך געפילט אַ מין אַנטשלאָסנקייט, נאָר דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט. דער מאַן איז געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער, מיט אַ דערשלאָגענעם אויסזען.

ווען דער געריכט־פאָרזיצער האָט זיי געפרעגט די געוויינלעכע פראַגע, ווער עס איז דער אָנקלאָגער, זיינען זיי ביידע געבליבן שטיין ווי אין אַ פאַרלעגנהייט, און דער מאַן האָט זיך אָנגערופן אַ פאַרלאָרענער: — איך האָב זי גערופן אין געריכט נישט אָנצוקלאָגן. איך וויל נאָר די ריכטער זאָלן פּרובירן מאַכן שלום צווישן אונדז.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און געקוקט די ריכטער אין די אויגן אַריין מיט אונטערטעניקייט, ווי ער וואָלט נישט געוואוסט וואָס ווייטער צו זאָגן. ער האָט געוואָרפן פון דער זייט אַ בליק צו זיין פרוי און זיך אָנגערופן:

— זאָל זי בעסער רעדן.

דערהערט, אַז קיינער וועט דאָ קיינעם נישט אָנקלאָגן, איז די ריכטער געוואָרן פריילעכער אויפן האַרצן און דער פאָרזיצער האָט געבעטן דער פרוי דערציילן אין וואָס עס האַנדלט זיך. די פרוי, וועלכע איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אומבאַוועגלעך, מיט די אויגן אַראָפּגעלאָזט, האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעשטעלט אַ פּאָר סאַמעט־גלאַטיקע אויגן אויף די ריכטער און אומעטיק און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז מיר זייער נישט אָנגענעם צו רעדן וועגן דעם, — זי האָט שווער אָפּגעאָטעמט און געזאָגט: — מיר וואוינען שוין צוזאַמען אַרום פינף יאָר. ווען מיר האָבן זיך באַקאַנט האָט ער מיר געוויזן שענקען אַ סך אויפמערקזאַמקייט — אַ לאַנגע צייט אַזוי — און מיר האָבן זיך באַפריינדעט. איינמאָל האָט ער געהאַט אַן אומגליקספאַל ביי דער אַרבעט האָב איך צוגעשטימט אַכטונג צו געבן אויף אים און אים העלפן. דורך דער צייט האָט ער

מיר פיל מאָל פאַרגעשלאָגן חתונה צו האָבן מיט אים, אָבער איך האָב אים אָפּגעזאָגט. עפּעס האָט זיך דאָס האַרץ געשראָקן — אפשר האָט ער ערגעץ אַ פרוי.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און איז געווען דערווידער צו רעדן וועגן דעם, אָבער ווען דער ראַבאַי־ריכטער האָט זי געבעטן זי זאָל רעדן ווייטער, האָט זי זיך צוגערוקט נעענטער צום ריכטער־טיש, כדי צו קאָנען רעדן נאָך שטילער, ווי זי וואָלט געוואָלט אויסבאַהאַלטן אירע רייד פון די ווענט, האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן דעם קאָפּ און גענומען דערציילן:

— איך האָב אַ לאַנגע צייט געלעבט אַליין, עלנט, און אַז דאָ האָט דער שיקזאַל מיך צוזאַמענגעבראַכט מיט אַ גאַנץ וואוילן מענטשן, וועלכער האָט מיר אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט, איבערגעגעבנקייט, האָט צוביסלעך מיין פאַרגליווערט האַרץ פון איינזאַמען לעבן גענומען ווי צעשמעלצן זיך.

דאָ האָט זי ווידער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, פאַרמאַכט די אויגן און גע־בליבן שטיל. די ריכטער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט סימפּאַטיע צו דער פרוי און געוואַרט, נאָר ווען זי איז אַלץ אַזוי געשטאַנען איבערגעבויגן דעם קאָפּ איבערן טיש און האָט געשוויגן, האָט דער ראַבאַי זייער פאַרזיכטיק, שטיל און מיט ווייכקייט אין קול זיך אָנגערופן:

— איר האָט געזאָגט, אַז איר האָט געלעבט צוזאַמען פינף יאָר?

— יאָ, — האָט די פרוי שעפּטשענדיק אַרויסגערעדט, נישט אויפהויבנ־דיק די אויגן.

— און איצט וויל זי איך זאָל פאַרלאָזן איר הויז, — האָט דער מאַן פלוצים זיך אָנגערופן:

— פאַרוואָס? —האָט דער ראַבאַי געפרעגט דער פרוי.

די פרוי האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שטיל געזאָגט:

— ווייל איך פיל זיך דערנידעריקט. מיין גאַנצער צוטרוי צו אים איז אָפּגעטויט געוואָרן. ס'האָט פּאַסירט, וואָס מיין האַרץ האָט מיך שטענדיק געשראָקן. ער האָט טאַקע אַ פרוי און אויך אַ זון.

אין די ווינקלען פון אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן פינקלען טרערן און מיט אַ שוואַך קול האָט זי קוים צוגעגעבן:

— איך האָב די גאַנצע צייט אויך געציטערט פונעם געדאַנק, אַז ער זאָל נישט פאַרלירן זיין רעספּעקט פאַר מיר, און אויך דאָס האָט פּאַסירט. ער איז געוואָרן אַלץ מער אומגעדולדיק מיט מיר און עטלעכע מאָל האָט ער

אפילו געוואָרפן אויף מיר די שיך. אַזוי האָט ער מיר אָפּגעצאָלט פאַר מיין פריינטשאַפט.

ווען די פרוי האָט דאָס דערציילט האָט דער מאַן זיך קיין אָרט ניט גע־קאָנט געפינען. אין פּנים האָבן זיך אים געביטן די קאָלירן — אַט רויט, אַט אַש־גרוי. פּלוצלינג האָט ער זיך ווי עפּעס דערמאָנט און האַסטיק אַ זאָג געטאָן:

— אָבער איך בין דאָך געגט פון מיין פרוי.

די פרוי האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אויפגערעגט, האָט דורך פּייכטע ווייעס אַ קוק געטאָן אויפן מאַן און זיך אָנגערופן:

— דאָס האָט דיך דיין פרוי געגט, און שפּעטער, אַ סך שפּעטער.

די ריכטער האָבן זיך דורכגערעדט צווישן זיך אינדערשטיל און דער לאַיער־ריכטער האָט אַ פרעג געטאָן דעם מאַן:

— זאָגט מיר, ווער צאָלט אַלע אויסגאָבן אין הויז?

דער מאַן האָט זיך געקווענקלט און מיט אַ האַלב מויל געזאָגט:

— מיר צאָלן ביידע.

— דאָס איז נישט אינגאַנצן אמת, — האָט די פרוי געזאָגט. — איך האָב געאַרבעט די גאַנצע צייט און אַרבעט נאָך איצט אויך, און די היים איז מיינע. ער איז „ריטאַיערד״ און האָט בייגעשטייערט בלויז אַ טייל פון די אויסגאָבן. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. מיין גאַנצע אמתע ליבע צו אים האָט זיך פאַרוואַנדלט אין האַס. ווי איך האָב פריער געזאָגט, איך פיל זיך דערנידעריקט. ס׳פּלאָגט מיך דער געדאַנק: וואָס האָט ער געטראַכט וועגן מיר די גאַנצע צייט?

די ריכטער זיינען געווען גערירט פון אירע רייד. זיי האָבן זיך אָבער באַמיט צו מאַכן שלום צווישן די צוויי פרעמד־געוואָרענע מענטשן.

דער מאַן, אַ דערשלאָגענער פון דער פרויס ווערטער, וואָס האָבן אים גע־בריט, האָט זיך ווידעראַמאָל געווענדט צו די ריכטער אים צו העלפן, פאַר־זיכערנדיק, אַז ער וועט מיטן גאַנצן האַרצן פאַרריכטן זיינע טעותן. די פרוי האָט זיך געראַנגלט קעגן דעם.

— מיין האַרץ איז צעווייטיקט און אינגאַנצן פאַרשלאָסן פאַר אים, — האָט זי געטענהט.

די ריכטער האָבן איינגעזען, אַז די פרוי איז זייער ערנסט און ס׳וועט זיין שווער צו מאַכן שלום צווישן זיי. נאָר דער שטאַרקער באַגער פאַר

שלום־בית האָט זיי איבערוועלטיקט און זיי האָבן באַשלאָסן צו בעטן די פרוי, זי זאָל געבן דעם מאַן אַ געלעגנהייט אויף איין חודש — זען צי זיי קאָנען זיך איבערבעטן. און אויב נישט, וועט ער מוזן זיך אַרויסציען פון איר היים.

דער מאַן האָט אויפגעשיינט און האָט זיך אַ דערמוטיקטער געלאָזט גיין פאַרויס, אָבער די פרוי האָט מיט אַ שווער האַרץ און די אויגן נאָך טיפער אַראָפּגעלאָזט, זיך קוים באַוועגט צו אַ צווייטער טיר.

ניט באַשערט...

נאָך עטלעכע שווערע, ביטערע לאַדעניש, אָנגעפּילט מיט קריגערייען און אַרומרייסעניש איבער צוואות און ירושות צווישן עלטערע פּאַרפאַלקן פון צווייטע הייראַטן, האָבן די ריכטער ווי אויפגעלעבט, ווען אין געריכט האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ יונג פּאָרל, בלוט־און־מילך. אָט וועלן זיך דערהערן יונגע קלינגענדיקע שטימען מיט טענות וועגן ליבע, אייפערזוכט, וועגן נישט־שענקען גענוג אויפמערקזאַמקייט איינער דעם צווייטן און דאָס גלייכן, און ס'וועט ווערן אַביסל פרייליכער, אינטערעסאַנטער . . .

די פרוי איז נאָך קיין צוואַנציק יאָר נישט אַלט געווען, און דער מאַן — אַביסל עלטער. איר חנעוודיק פּנים האָט געשפּילט מיט ראָזעווע ווייכקייט קעגן די פּאַרגייענדיקע זון־שטראַלן פונעם צופאַלנדיקן אָוונט, אָבער די אויגן, גרויסע און שיינע, זיינען געווען פאַרצויגן מיט אַ אומעט, ווי עפּעס אַ שווערע משא וואָלט איר געדריקט אויפן האַרץ. איר מאַן איז איר נאָכגעגאַנגען מיט שטילע, דערשלאָגענע טריט און ביים ריכטער־טיש האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן איר, אָבער זי האָט מיט אַנטשלאָסנקייט זיך אָפּגערוקט פון אים. ווען דער פאַרזיצער האָט זיי געפרעגט, ווער פון זיי עס איז דער אָנקלאָגער, האָט דער מאַן זיך אָנגערופן.

— נו דערציילט אונדז וועגן אייערע יונגינקע צרות, — האָט דער פאַרזיצער זיך געווענדט צום מאַן האַלב אין שפּאַס, וועלנדיק שאַפן אַ לייכטע אַטמאָספערע. ער האָט אָבער באַלד באַמערקט, אַז ס'האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט.

— אויב ס'איז דערלויבט, זאָל זי רעדן פריער, — האָט דער יונגערמאַן זיך אָנגערופן. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ צרה: דער מאַן רעדט יידיש און פאַרשטייט נישט קיין ענגליש, און זי רעדט ענגליש און פאַרשטייט נישט קיין סך יידיש. זיי קומען ביידע פון ישראל, און זיי רעדן זיך צוזאַמען אויף העברעאיש. האָבן די ריכטער געהאַט דעם ריכטיקן „דזשאַב" צו געבן יעדן איינעם פון זיי צו פאַרשטיין—דערהויפּט דעם מאַן—וואָס דער צווייטער האָט געזאָגט.

דאָס יונגע ווייבל האָט אַ ווײַלע געקוקט די ריכטער אין די אויגן און מ'האָט געזען, ווי ס'איז איר שווער אָנצוהויבן רעדן, נאָר פּלוצלינג האָט זי זיך באַהערשט און אַ זאָג געטאָן:

— איך קאָן מיט אים מער נישט לעבן! — און אַרויסגערעדט האָט זי עס מיט אַזאַ ערנסט, אַז מ'האָט דערפילט, אַז עס האַלט טאַקע שמאָל מיט דער הייראַט.

די ריכטער זיינען איבעראַשט געוואָרן. זיי האָבן נישט דערוואַרט אַזאַ מין „ברוך הבא", און דער ראַבאַי האָט זיך אָנגערופן שטיל און מיט אַ גלעטנדיקן קול:

— ווי לאַנג זענט איר שוין פאַרהייראַט? — ער האָט פאַרענדיקט מיטן העברעאישן וואָרט „בבקשה", כדי צו מאַכן זיי פילן אַביסל היימיש.

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען דאָ אין אַמעריקע ערשט דרייצן חדשים און פאַרהייראַט זיינען זיי „גאַנצע" צען חדשים. די ריכטער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פרעגנדיקע בליקן, און דער לאַיער־ריכטער האָט זיך אָנגערופן:

— צען חדשים פאַרהייראַט און מ'קאָן שוין נישט אויסקומען צווישן זיך? און נאָך אַזעלכע יונגע קינדער!

— דאָס איז טאַקע די צרה, — האָט די פרוי געענטפערט מיט אַ טאָן פון אַן אַלטער. — מ'פאַרשטייט נאָך נישט צו דערקענען דעם כאַראַקטער פון אַ מענטשן. ער פירט זיך אויף אין הויז ווי אַ האַר — ביים אים, דער־לאַנג אים, און טאָמער שטעל איך אַוועק אַ גלאָז ניט ווי אים געפעלט, טוט זיך חושך.

זי שווייגט אַ ווייל, פאַרטראַכט זיך און גיט צו — או צו דעם אַלעמען איז ער נאָך אַזוי אייפערזיכטיק, אַז ס'איז נישט אויסצוהאַלטן. ער האָט מיר שוין געמאַכט עטלעכע סקאַנדאַלן, ווייל ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז איך רעד צו־פריינטלעך מיט אַ באַקאַנטן. — זי גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און רופט־אויס: — גענוג, איך וויל מער נישט לעבן מיט אים!

דער מאַן שטייט ביי דער זייט אַ בלייכער, די אָדערן אויף זיין דאַרן האַלדז זיינען אָנגעצויגן, די אויגן אָנגעשטרענגט, ווי ער וואָלט איצט דער־פילט, אַז אויף אים לויערט באמת אַ סכנה. ווען דער פאָרזיצער פרעגט אים, וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן זיין פרוים טענות, ענטפערט ער מיט אַ שטיל און געשלאָגן קול:

— זי זאָגט, איך בין איבערזיכטיק. וואָס דען? ווען מיר זיינען געווען אויף אַ „פּאַרטי“, האָט זי זיך אָנגעטאַנצט אַ גאַנצן אָוונט מיט אירע באַקאַנטע יונגעלייט, און צום סוף, ווען איך האָב געוואָלט זי זאָל טאַנצן מיט מיר, האָט זי געזאָגט, אַז זי איז שוין מיד. נו, האָב איך זיך נישט געקאָנט קאָנטראָלירן און איר געגעבן אַ גאָב. — די לעצטע ווערטער רעדט ער שוין אַרויס אַן אויפגערעגטער, און ווישט זיך דעם פאַרשוויצטן שטערן.

דער געשעפטסמאַן־ריכטער באַטראַכט דעם יונגנמאַן מיט באַדויערן, שעפּטשעט עפּעס שטיל פאַר זיך און רופט זיך אָן:

— איז דען נישט מעגלעך, אַז זי איז טאַקע געווען שוין צו־מיד צו טאַנצן?

דער יונגערמאַן שטייט אַ צערודערטער און קוקט דעם ריכטער אין די אויגן און שווייגט, אָבער מ׳קאָן זען, אַז ער האַלט שוין דעם ריכטער פאַר זיינעם אַ שונא וואָס ער נעמט זיך אָן פאַר איר — ער אַליין ווייסט בעסער, ער פילט עס מיטן האַרצן.

דער ראַבאַי זיצט אַ פאַרזאָרגטער, און וויגט זיך לייכט ווי איבער אַ ספר. ער פילט בחוש, אַז דער זיווג איז נישט קיין באַשערטער און ער האָט גרויס יסורים דערפון. ער נעמט זיך אָן מיט כוח און גיט אַ זאָג:

— איז צוליב אַזאַ קלייניקייט דאַרף מען זיך צעגיין?

— ס׳איז נישט די איינציקע גאָב, וואָס ער האָט מיר געגעבן, — האָט די פרוי זיך אָנגערופן. — ס׳איז אים איינגעפאַלן, איך זאָל פאָרן מיט אים צוריק קיין ישראל, ווייל איך נישט. בין געקומען אַהער מיט טאַטע־מאַמע, און נעם לויף צוריק. נו, עסט ער מיר אויס דאָס האַרץ.

דער מאַן קאָן זיך נישט דערוואַרטן ביז זי וועט ענדיקן. ער גיט זיך אַ קער צו איר און הייבט אָן רעדן מיט אימפּעט:

— נו, און אַז איך האָב פאַרלאָזן מיין לאַנד, מיין טאַטע־מאַמע, און בין געפאָרן מיט דיר אַהער?!

— אַז איך וויל בכלל מיט דיר נישט לעבן מער, — רופט זיך אָן די פרוי,
— נאָכדעם ווי דו האָסט מיך געקאָנט אַזוי שרעקלעך באַליידיקן. אַזוי . . .
— זי קאָן נישט פאַרענדיקן. דאָס פּנים ווערט איר בלייך און גייט אַריבער אין אַ פלאַמיקער רויטקייט, און זי וויינט זיך פאַנאַנדער. די ריכטער קוקן זי אָן געריִרט.

— באַרואיקט זיך, — בעט זיך ביי איר דער ראַבאַי, — באַרואיקט זיך

און דערציילט אונדז, מיט וואָס ער האָט אייך אַזוי שרעקלעך באַליידיקט.

די פרוי קאָן זיך אָבער נישט באַרואיקן און אָפּשטעלן דעם כליפּען. זי פּרובירט עפּעס זאָגן, אָבער די ווערטער קומען אַרויס צעבראָכענע, צעפּייניקטע, ביז זי גיט מיט אַלע כוחות אַ וויין־אַרויס: — ער האָט מיך שוין געררופן זונה! — און זי צעוויינט זיך ווידער, הויך אויף אַ קול.

דער געריכט־צימער איז אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ פּיינלעכער שטילקייט. די ריכטער זיינען געבליבן זיצן דערשלאָגענע. דער ראַבאַי איז בלאַס געוואָרן און מיט טרויער אין די אויגן אָנגעקוקט דעם יונגנמאַן, וועלכער איז געשטאַנען אַ דערשלאָגענער מיט אַ פּנים שוואַרץ ווי ערד.

נאָך אַ ווייל שטילשווייגן האָבן זיך די ריכטער דורכגערעדט צווישן זיך און איינגעזען, אַז ס'איז אַ שווערער ענין צו מאַכן שלום צווישן די צוויי מענטשן, אָבער מ'דאַרף פּרובירן. זיי האָבן באַשלאָסן צו ראַטן זיי צו גיין צו אַ „מערידזש־קאַנסעלאָר" (פאַמיליע־ראַטגעבער), וועלכער ספּעציאַליזירט זיך אויף אַזעלכע שווערע איבערלעבונגען צווישן מאַן און ווייב, און ער וועט אפשר זיי אָנווייזן ווי זיי קאָנען בעסער אויסקומען צווישן זיך. די פרוי האָט אָבער געטענהט, אַז זי קאָן מער נישט לעבן מיט איר מאַן נאָך דעם ווי ער האָט זי אַזוי העסלעך באַליידיקט. די ריכטער האָבן מיט אַ שווער געמיט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט זי צו באַרואיקן, און האָבן געפּועלט ביי איר, אַז זי וועט „אפשר" גיין מיט אים צום ראַטגעבער.

אַרויסגייענדיק פון געריכט האָט די פרוי געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן — נישט געקאָנט קוקן די אַרומיקע אין די אויגן.

אַן „אייביקע מלחמה״...

ס׳איז געווען איינער פון די הייסטע טעג פון זומער, און כאָטש די זון האָט זיך שוין געהאַלטן אין נייגן צו מערב, האָט די היץ נאָך אַלץ געסמאַליעט, דער עיקר צווישן די ווענט פון די אַלטע מאַסיווע געביידעס פון דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד.

אַריינקומענדיק אין געריכט האָט אייך פשוט אָנגעכאַפּט אַ רחמנות אויף די באַאָרנטע ריכטער, וועלכע זיינען געזעסן מיט פאַרפּאַליעטע פּנימער און זיך געראַנגלט מיטן פאַרעקשנטן שוויים — און מיט די פאַרביטערטע מאַן און ווייב, וואָס האָבן מיט זייערע טענות און געשרייען נאָך מער געצונדן די אָנגעגליטע לופט.

דעם פאָרזיצער איז מיט גרויס מי געלונגען איינצושטילן דעם ליאַרעם פונעם פּאָרל און ער האָט געפרעגט ווער עס איז דער אָנקלעגער. די פרוי האָט זיך מיט אימפּעט אַ שטופּ געטאָן פאָראויס און גלייך גענומען אויסלייגן אירע טענות. איר דאַר פּנים איז געווען פאַרפלאַמט — אי פון דער היץ און אי פון אויפרעגונג.

— באַרואיקט זיך און דערציילט אונדז געלאַסן וועגן אייערע טענות, — האָט דער פאָרזיצער שטיל אַ זאָג געטאָן צו דער פרוי. זיין רואיקער טאָן, נאָכן פריערדיקן ליאַרעם, האָט ווי אַ גלעט געטאָן אַלעמען איבערן געמיט און האָט אויך געקלונגען ווי אַ באַפעל.

די פרוי איז אַ ווײַלע געבליבן צעטומלט, האָט מיט צוויי פינגער אַ וויש געטאָן די ווינקלען פון מויל און געקוקט דעם ריכטער אין די אויגן. אָבער באַלד איז איר אימפּעט צוריקגעקומען און זי האָט גענומען דערציילן די טרויעריקע געשיכטע פון די אַיין און צוואַנציק יאָר פון איר פאַרהייראַטן לעבן.

— אַז ס׳האָט פון אָנהייב אָן נישט געטויגט, — גיט זי אַ זאָג אַרויס מיט ביטערקייט. — איך האָב זיך כסדר אויפגעגעסן דאָס האַרץ ער זאָל גיין אַרבעטן. אַט אַרבעט ער, אָט גייט ער שוין אַרום ליידיק. איך ווייס נישט פון אַזעלכע זאַכן. איך אַרבעט און פאַרדין און העלף־מיט אין דער הוצאה.

און דאָ זיינען אונטערגעוואַקסן קינדער און מ׳דאַרף זיי שיקן און קליידן און שיקן זיך לערנען. — זי פאַרטראַכט זיך אַ רגע און גיט זיך אַ כאַפּ. — און דאָס גאָר? איך וואָלט איך — — —

— לאָמיר הערן וואָס אייער מאַן האָט צו זאָגן וועגן דעם, — האָט דער פאָרזיצער אַ זאָג געטאָן און צוגערופן דעם מאַן.

דער מאַן, כאָטש אין זעלביקן עלטער ווי די פרוי אין די שפּעטע פערציקער, זעט אָבער אויס עלטער פון איר. דאָס פּנים בלייך און אויסגעצויגן, מיט טיפע קאָרבן פון מויל אַרונטער. עס זעט זיך, אַז דאָ שטייט אַ שווערער האָרעפּאַשניק. ער האָט לאַנגזאַם זיך צוגערוקט נעענטער צום ריכטער־טיש און מיט אַ געדריקטן געמיט אַ זאָג געטאָן:

— ס׳איז אַלטע געשיכטע. די גאַנצע איין און צוואַנציק יאָר פון אונדזער פאַרהייראַטן לעבן זיינען אַריבער ווי אין אַ קאָשמאַר, און אַלץ צוליב דעם, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איין געוועלטיקן איבער מיר.

ער פאַרטראַכט זיך, די אומעטיקע בליקן בלאָנדזשען אין דער פאַרנאַכטיקייט פון צימער. ער גיט שטיל אַ זיפץ און רעדט ווייטער:

— מיר זיינען דאָ, אין אַמעריקע, דריי און אַ האַלב יאָר. געקומען פון ישראל, וואו מיר זיינען אָפּגעווען זעקס יאָר. קיין ישראל זיינען מיר געקומען פון פּוילן. יאָרן אָנגעפילט מיט צער און שווערקייטן פון דרויסן און פון דיין אייגן שטיקל שטיבל.

— וואָס איז אייער באַשעפטיקונג? — גיט דער לאַיער־ריכטער מיטאַמאָל אַ פרעג.

— אַ סטאָליער, — ענטפערט דער מאַן.

— איז ווי קומט עס, וואָס איר אַרבעט נישט, ווי אייער פרוי זאָגט? אַ סטאָליער איז דאָך אַ גוטער פאַך.

דער מאַן דערקלערט אים, אַז ער אַרבעט ביי „סטאָר פורנישינג" (אויסמעבלירן קראָמען), און אינצווישן צייט, ווען קראָמען פאַרמאַכן זיך און אַנדערע עפענען זיך, איז נישטאָ קיין אַרבעט.

— מיין פרוי גלויבט מיר אָבער נישט און טענהט אַז איך פויל זיך, — גיט ער אַ זאָג מיט בושה געמישט מיט צאָרן. — בין איך אין דער יוניאָן, זאָגט זי אַז איך אַרבעט און פאַרלייקן פאַר איר די פאַרדינסטן. — ער רעדט מיט האָרץ און עס פילט זיך אַז אויפריכטיקייט אין זיינע רייד.

די ריכטער קוקן מיט מיטלייד אויפן מאַן. די פרוי כאַפּט עס אויף און

נעמט זיך צולייגן נאָך עוולות פון מאַן קעגן איר.

— ס'איז נישט בלויז דאָס! — גיט זי שוין אַ שריי־אויס, — ער איז בכלל נישט קיין מענטש. ס'אַרט אים נישט, נישט פאַרן ווייב, נישט פאַר די קינדער.

— אַז זי האָט מיך אַזוי פאַרמיאוסט אין די אויגן פון די קינדער, אַז זיי זיינען קעגן מיר, איז ווי קאָן איך זיי אַרויסוואַרפן פריינטשאַפט? גלויבט מיר, ס'צאַפּט זיך מיר מיין בלוט פון דעם, נאָר וואָס קאָן איך טאָן?

ער וויל נאָך עפּעס זאָגן, נאָר די פרוי רייסט זיך אַריין און רופט אויס:

— אַ גאַנצער צדיק! מיינט איר אפשר נישט, אַז ער פלעגט פאַרשווינדן אויף גאַנצע נעכט, נאָך אין ישראל, דער צדיק?

די ריכטער האָבן אַ קער געטאָן זייערע בליקן צום מאַן נישט גלויבנדיק, אַז דאָס קאָן זיין אמת, און דער ראַבאַי־ריכטער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש און פאַרזיכטיק אים שטיל אַ פרעג געטאָן:

— איז דאָס אמת?

דער מאַן האָט אַ פאַרווירטער געקוקט אַ וויל דעם ראַבאַי אין די אויגן, געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און גענומען רעדן:

— איר ווייסט וואָס עס מיינט אַן אייביקע מלחמה? כ'קום אַהיים נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט און דערפיל זיך, ווי איך וואָלט אַריין אין שונאס לאַגער. קיינמאָל נישט קיין גוט וואָרט, קיינמאָל נישט קיין שמייכל. און דאָ איז דער דרויסן אַזוי גוט, אַזוי מילד און די נעכט אַזוי שיין. נו, פלעג איך זיך אויפהויבן און זיך לאָזן איבער די געסלעך אונטער די שיינע הימלען, גיין אַזוי פריי, אַזוי רואיק ביז זון־אויפגאַנג.

ער בלייבט שטיל, קוקט פאַרחלומט אין דער ווייטקייט און אין די ווינק־לען פון די אויגן פינקלען־אויף טרערן.

איבערן צימער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ געדריקטע שטילקייט. די ריכ־טער זיינען געריירט, זיי באַראָטן זיך צווישן זיך און באַשליסן, אַז מאַן און ווייב זאָלן נאָך פּרובירן אַ חודש צייט פאַרבעסערן זייערע באַציאונגען. מען שיקט זיי אויך צו אַ פאַמיליע־ראַטגעבער, וועלכער וועט זיי העלפן בייקומען זייערע שוועריקייטן.

אַרויסגייענדיק פון געריכט האָבן מאַן און ווייב געמורמלט אומצופרידן פאַר זיך, נישט קוקנדיק איינער אויפן אַנדערן. די ריכטער זיינען געבליבן זיצן מיט אומעטיקע בליקן און טיפן ספק אין האַרצן.

פּאַטער און זון

זייער זעלטן קומען אַריין אין פֿאַמיליע־געריכט די שטרייטנדיקע צדדים צוזאַמען. געוויינלעך זיינען זיי באַזונדער, אַנגעבלאָזן, אַמאָל טאַקע שטאַרק ברוגז איינער אויפֿן צווייטן, וואָרים יעדער איינער איז ביי זיך זיכער, אַז ער איז דער גערעכטער און דער צווייטער האָט אים באַעוולט.

דאָס מאָל זיינען געקומען אַ פֿאַטער און אַ יונגער זון, און געגאַנגען זיינען זיי ווי צוויי חברים, האָבן פֿריינטלעך געשמועסט צווישן זיך און אפֿילו איין מאָל ביידע צוזאַמען זיך האַרציק צעשמייכלט — מסתּמא פֿון עפּעס אַ וויץ. די ריכטער איז געוואָרן פֿריילעך אויפֿן האַרצן. אַט וועלן זיי זיך אַ ביסל אָפּרוען פֿון די האַרץ־רייסנדיקע טראַגעדיעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ אַזוי אָפֿט ביי זייערע זיצונגען.

דאָס זיינען געקומען אַ פֿאַטער און אַ זון זיך דורכשמועסן מיט די ריכטער פֿון יידישן פֿאַמיליע־געריכט מכּוח אַ פּראָבלעם, וועגן וועלכן זיי זיינען נישט איינשטימיק. דער פּאַרזיצער האָט אַ שיינענדיקער זיך געווענדט צו זיי מיט אַ ברייטן שמייכל אויפֿן פּנים:

— אַזעלכע צוויי פֿריינט — און קומען אין געריכט, טשיקאַווע. לאָמיר טאַקע הערן אייערע טענות.

— קיין שום טענות, חלילה, האָט דער פֿאַטער אַ פֿאַררויטלטער זיך אָנגערופֿן און מיט ליבשאַפֿט אַ קוק געטאָן אויפֿן זון. — מיר ווילן בלויז הערן אייער מיינונג וועגן אַ געוויסן ענין, וואָס מיר ביידע האַלטן פֿאַר זייער וויכטיק.

דער זון, אַ בחור פֿון אַ יאָר 18, מיט אַ ערנסטן פּנים און טיף־אַריינדרינגענדיקע אויגן, איז געשטאַנען לעבן פֿאַטער און געקוקט אויף אים מיט גרויס דרך־ארץ. ער האָט פֿון צייט־צו־צייט געוואָרפֿן אַ בליק אויף די ריכטער צו זען, וואָס פֿאַר אַן איינדרוק זיין פֿאַטערס רייד מאַכן אויף זיי.

דער פֿאַטער, אַ ייד אין די פֿופֿציקער, האָט שטיל און געלאַסן דערציילט, אַז ער און זיין פֿרוי, אַט־דער זון און אַ יינגערע טאָכטער, זיינען דאָ, אין אַמעריקע, בלויז צוויי יאָר. דאָס איז מען געקומען פֿון ישׂראל, וואו מ'האָט זיך אָפּגעפּלאָגט גאַנצע פֿופֿצן יאָר.

— זייער אַ שווער לעבן געווען, — זאָגט ער אַ פּאַרטראַכטער. — אַ יונג לאַנד. מ'דאַרף מיט דער נאָז אַקערן די ערד צו פאַרדינען אויפן אויסקומע־ניש. נו, האָבן מיר זיך ווי־ס'איז דורכגעלעבט און מיט צוויי יאָר צוריק זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע. קיין גליקן האָט מען דאָ אויך נישט געמאַכט, אָבערביידע קינדער לערנען זיך. דער זון גייט אין סיטי־קאַלעדזש.

ער גיט זיך אַ קער־אויס צום זון און וואַרפט אים צו אַ צעשטראַלטן בליק, ווי ער וואָלט געזאָגט: אָט, קוקט אים אָן, מיין זון. אַ וואוילער, אַן ערנס־טער. קוקנדיק אויפן זון פאַרטראַכט ער זיך, וויפל שווערקייטן טאַטע־מאַמע האָבן דורכגעמאַכט, איידער זיי האָבן אים דערשלעפּט צו אָט־די יאָרן.

— נו, איז דאָך גוט, אַ כשרער טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל, — גיט אים דער ראַבאַי־ריכטער גוטמוטיק אַ זאָג.

דער טאַטע און דער זון צעשמייכלען זיך און דער פאָטער רופט זיך אָפּ:

— אַלץ איז טאַקע גוט, קאָן מען זאָגן, נאָר איין זאַך פאַרשאַפט אונדז, מיר מיט מיין פרוי, עגמת־נפש. אונדזער זון האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ, אַז ער וויל צוריקפאָרן קיין ישראל. ער וויל ווערן אַ פּילאָט אין ישראל־דיקן לופט־פלאָט. מיר זיינען נישט קעגן דעם, אָבער מיר דענקען, אַז ער דאַרף דאָ פריער ענדיקן קאַלעדזש, און ווען ער וועט צוריקפאָרן וועט ער קאָנען עפּעס ביישטייערן צום לאַנד.

די ריכטער געפעלט די טענה פונעם פאָטער און דער פאָרזיצער ווענדט זיך צום זון:

— און וואָס דענקט איר וועגן אייער פאָטערס פאָרשלאָג?

דער זון האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר מילדע אויגן אויף די ריכטער און מיט וואַרעמקייט אין קול געזאָגט:

— דער אמת איז, אַז מ'קאָן שטענדיק עפּעס צוטראָגן צום לאַנד. מ'דאַרף בלויז האָבן דאָס הארץ דערביי. אָבער דאָס איז נישט די איינציקע אורזאַך. איך פיל זיך דאָ פרעמד, ס'איז מיר אומעטיק דאָ. איך קאָן זיך נישט צו־פאַסן קיין חברים, קיין פריינט. מיך אינטערעסירט נישט דער דזשעז און די טשאַטשאַ. אין ישראל איז טאַקע געווען שווער, אָבער ס'האָט מיך פאַר־כאַפּט. מ'האָט געבויט, געבויט, ס'האָט געברענט אונטער די הענט, און כאָטש איך בין נאָך געווען, קאָן מען זאָגן, אַ יינגל, בין איך שוין אויך געווען אריינגעצויגן אין דעם אַלעם און שוין געפילט זיך, ווי אַ טייל פון דעם אַלעם. דאָ האָט זיך אַלץ מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט.

ער איז אַנטשווּיגן געוואָרן, האָט געקוקט אָנגעשטרענגט די ריכטער אין די אויגן אַריין און געטראַכט, צי פֿאַרשטייען זיי, די מיטליאָריקע, גוט־איינגעאָרדנטע אַמעריקאַנער בירגער, וואָס ער מיינט מיט זיינע ווערטער. דער פֿאָטער האָט אויך געקוקט צו די ריכטער מיט געמישטע בליקן — בליקן פֿון שטאָלץ מיט אַזאַ אידעאַליסטישן זון און אין דער זעלבער צייט פֿול מיט געבעט זיי זאָלן ביי אים פֿועלן אָפּצולייגן זיין פּלאַן אויף שפּעטער.

דער אויפֿגעלויכטענער געמיט ביי די ריכטער איז געוועזן אַ ביסל פֿאַרוואָלקנט. זיי האָבן דערפֿילט, ווי אָט־די גרויסע פּריינטשאַפֿט צווישן פֿאָטער און זון איז פֿאַר זיי נישט קיין לייכטער פּראָבלעם, ווי די שוועריקייטן צווישן שטרייטנדיקע צדדים. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט מיט ערנסטע, פֿרעגנדיקע בליקן. אין זאַל האָט געהערשט אַן איינגעהאַלטענע שטילקייט. בלויז טאַטע און זון האָבן זיך געסודעט אויפֿן אויער, און דער זון האָט זיך ענדלעך אָנגערופֿן:

— פֿאַר אייער אינפֿאָרמאַציע, הערן ריכטער. מיין יינגערע שוועסטער קלייבט זיך אויך צו פֿאָרן צוריק קיין ישראל.

— יאָ, אָבער ווען זי וועט ענדיקן קאַלעדזש, זי אַליין זאָגט עס, — האָט דער פֿאָטער זיך אָנגעכאַפּט אין דעם „קאַלעדזש" ווי אין אַ שטרוי, וועון מ'טרינקט זיך. — ס'איז אמת, אַז ער איז אַ גרויסער אידעאַליסט, — האָט ער אָנגעוויזן אויפֿן זון. — אָט האָט ער אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן זומער און מיר געוואָלט אַוועקגעבן דאָס אָנגעקליבענע געלט.

די ריכטער האָבן זיך באַראַטן צווישן זיך מיט גרויס ערנסט. דער פּסיכאָלאָגישער ראַטגעבער האָט אָנגעוויזן אויף דעם, וואָס דער זון האָט זיך נישט געקאָנט דאָ צופּאַסן צו דער סביבה, ווייל זיין געמיט איז איינגעוואָרצלט אין ישראל. די אַנדערע ריכטער האָבן איינגעשטימט מיט אים, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די עלטערן זאָלן אים נישט שטערן און מאַכן זיין אַוועקפֿאָרן אַזוי אָנגענעם ווי מעגלעך.

טאַטע־און־זון האָבן זיך געלאָזט אַרויסגיין פֿון געריכט מיט אַ לייכטערן געמיט, ווי ס'וואָלט זיי אַראָפּ אַ שטיין פֿון האַרצן: די ריכטער האָבן באַשלאָסן — און זיי פֿאַרשטייען בעסער. אָבער ביים פֿאָטער זיינען די אויגן געווען פֿאַרשוואומען מיט אַ לייכט, דורכזיכטיק וואָלקנדל, אויף וועלכן דער זון האָט פֿון דער זייט געכאַפּט אַ פֿאַרגנבעטן אומעטיקן בליק.

געקומען באַזונדער — אַרויס צוזאַמען

ער איז געזעסן אַן אומגעדולדיקער אין וואַרט־צימער פֿון יידישן פֿאַמיליע־געריכט. האָט זיך יעדע ווײַלע האַסטיק געגעבן אַ הייב פֿון פּלאַץ. גאַרנישט ווי אַן אַכציקער, אַ שפּאַן געטאָן היז־און־צוריק און פֿאַרדראָסן עפּעס געמורמלט.

זיין שמאָל, לענגלעך פּנים איז פֿול געווען מיט עקשנות. הינטער אים איז געזעסן זיין פֿרוי, מיט עטלעכע יאָר ייִנגער פֿון איר מאַן. נאָר דער היפּוך פֿון אים — אַ רואיקע, מיט אַ פּולבלעכן, טיף־צעאַקערטן פּנים און מילדע אָבער אומעטיקע אויגן. אַביסל ווייטער איז געזעסן זייער זון, אַ יונגערמאַן אין די שפּעטע פֿערציקער, מיט אַן אָנגענעמען, כאָטש פֿאַרזאָרגטן אויסזען — אַט ווי די מאַמע.

ווען מ׳האָט זיי אַרייַנגערופֿן פֿאַר די ריכטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט די פֿרוי אָנגעקלאָגט איר מאַן אין געריכט.

— איך קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן פֿון אים, — האָט זי שטיל און מיט ווייטיק געגומען טענהן. — ביי מיר איז שוין רעכט אַפילו צו גטן זיך מיט אים איצט, נאָך 56 יאָר צוזאַמענלעבן, איידער ווייטער אַזוי צו ליידן.

די ריכטער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט טרויעריקע בליקן, באַטראַכט די צוויי עלטערע מענטשן און אומרואיק געוואָרפֿן אַ פֿאַרגנבעטן בליק אויפֿן זון.

— אָבער נאָך אַזויפֿיל יאָרן זיין צוזאַמען איז ביי אייך רעכט צו גטן זיך?

— האָט דער פֿאָרזיצער געדירט אַ זאָג געטאָן.

די פֿרוי האָט ברייט צעעפֿנט די אומעטיקע אויגן, האָט אַ ווײַלע געשוויגן און זיך אָנגערופֿן:

— נאָך אַזויפֿיל יאָרן, איר ווייסט דאָך, דאָס קריגעלע גייט אַזוי לאַנג צום טייך ביז וואַנען עס צעברעכט זיך. — זי האָט עס אַרויסגערעדט מיט אַזויפֿיל צער און אַזוי פּשוט, אַזוי פֿאָלקסטימלעך, אַז די ריכטער האָבן צוגעשמייכלט פֿאַר נחת און אין דער זעלבער צייט געווען טיף גערירט פֿון אירע רייד.

— דערציילט אונדז, וואָס האָט צעשטערט אייער שלום־בית נאָך 56 יאָר? — האָט דער ראַבאַי־ריכטער זיך באַמיט אַנצוהאַלטן איר פּאַלקסטימ־לעכן טאָן.

די פרוי האָט אַן אומעטיקן שמייכל געטאָן און מיט ווייטיק זיך אָנגערופן:

— ס'איז קיינמאָל נישט געווען קיין שלום־בית. ער איז שטענדיק געווען דער האַר — אין גוטע און אין שלעכטע צייטן, האָט מיר צוגעציילט דעם גראָשן און איך האָב זיך געדאַרפט שניידן די פינגער אויסצוקומען מיט דער הוצאה. אַלע יאָרן אַזוי, אַפילו נאָך איצט, ווען מיר פאַרמאָגן אַרום צוואַנ־ציק טויזנט דאָלער און אין אייגענע באַנגעלאָ פאַר זעקס טויזנט דאָלער.

— איז דיר אפשר שלעכט צו זיצן אין באַנגעלאָ אַ גאַנצן זומער? — רייסט זיך דער מאַן אַריין אין די רייד און זיין פנים צעפלאַמט זיך פאַר כעס.

— אָט ווי איר זעט, — גיט די פרוי אַ זאָג מיט אַ שווער האַרץ. — באַלד צעקאָכט ער זיך און וואַרפט זיך אַרויף. — זי פאַרדריקט שטיף די אויגן־דעקלעך, ווי זי וואָלט געוואָלט פאַרהאַמעווען די טרערן, וואָס האָבן זיך גענומען שפּאַרן, טראַכט אַ ווײַלע און רעדט אַרויס שטיל:

— דעם גרויסן פאַרגעניגן וואָס איך האָב דאָרט אין העק. אַלע מענטשן זיינען זיך צעלאָפן, נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. איך האָב ליב מענטשן, איך געהער צו אָרגאַניזאַציעס, האָב הנאה פון אַ גוטן רעד־נער, פון געזאַנג, און ער — גאָרנישט, זיצט אַליין און קוקט זיך אַפילו נישט אום אויף מיר — בלויז ווען ער דאַרף זיך קריגן מיט מיר.

זי וואַרפט פאַרזיכטיק אַ בליק אויפן זון און רעדט אַרויס שטיל:

— איך שעם זיך צו דערציילן, ס'איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך געכאַפּט מיר רייסן פאַר די האָר. — זי גיט ווידער פאַרגנבעט אַ קוק צום זון און פאַרכאַפּט זיך. — כ'האָב דאָס קיינמאָל קיינעם נישט דער־ציילט.

אירע שטילע ווערטער האָבן זיך אָבער דערטראָגן צום זון. ער איז בלייך געוואָרן און האָט אומרואיק זיך גענומען דרייען אויפן שטול, ווי ער וואָלט זיך געריסן פון פּלאַץ און נישט געקאָנט זיך אויפהויבן. אין זאַל האָט גע־הערשט אַ דריקנדיקע שטילקייט, ביז דער ראַבאַי האָט מיטאַמאָל זיך אָנ־גערופן:

— אָבער צוליב וואָס די אַלע קריגערייען?

— צוליב זיין קאַרגשאַפט און איינגעשפּאַרטקייט, — האָט די פרוי גע־

זאָגט און אַ זיפֿץ געטאָן. — איך האָב נישט געגנוג אויף דער הוצאה. די קינ־דער, דער זון און די טאָכטער, ווילן אונדז אַרויסהעלפֿן, שטייט עס אים נישט אָן. בעט איך זיך ביי אים אַרויסצונעמען פֿון באַנק עטלעכע דאָלער אַ וואָך, וויל ער נישט און מאַכט געוואַלדן.

— אַרויסנעמען פֿון באַנק ?! — שפּרינגט דער מאַן אויף און מאַכט טאַקע אַ געוואַלד. — און וואָס וועלן מיר טאָן אויף דער עלטער ?

די פֿרוי גיט אַ שאַרפֿן קוק אויפֿן מאַן, דרייט זיך אוים צו די ריכטער מיט בעטנדיקע אויגן און רופֿט זיך אָן :

—נו, איך פֿרעג אייך, ווען איז אויף דער עלטער ? מיר זיינען דאָך איצט אויף דער עלטער. — זי האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַזויפֿיל פּשוטקייט און איבערצייגונג, אַז די ריכטער האָבן זיך צעשמייכלט, ווי זיי וואָלטן מסכים געווען מיט איר.

— נו, לאָמיר הערן וואָס איר האָט צו זאָגן וועגן אייער פֿרוים טענות, — האָט זיך דער פּאָרזיצער אָנגערופֿן צום מאַן.

דער מאַן האָט דערפֿילט, אַז עפּעס האַלט ער שמאָל מיט זיינע טענות צו דער פֿרוי, איז ער געשטאַנען שטיל אַ ווײַלע און פּאַרטראַכט געזוכט אין גע־דאַנק עפּעס אַ שטאַרק וואָרט און ענדלעך זיך אָנגערופֿן מיט אָפּגעשוואַכטן כעס :

— ס'איז שווער אויסצוקומען מיט איר. זי האָט אויך די קינדער אויפֿגע־העצט קעגן מיר. איך טענה מיט איר, מיר זאָלן פֿאָרן אויפֿן ווינטער קיין פֿלאָרידע און זומער וואוינען אין דער באַנגעלאָ, וויל זי נישט. זי האָט טויזנט תירוצים.

— און וואָס זאָגן די קינדער אויף דעם פּלאַן ? — פֿרעגט דער לאָיער־ריכטער.

— איר הערט דאָך, זיי זיינען שטענדיק קעגן מיר, אויפֿגעהעצט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

די ריכטער האָבן זיך שטיל און קורץ באַראָטן און דער ראַבאַי האָט זיך אָנגערופֿן צום פּאָרפֿאָלק :

— איר וועט אַזוי גוט זיין אַרויסגיין אין וואַרט־צימער אויף אַ רגעלע, מיר ווילן זיך דורכרעדן מיט אייער זון.

אַרויסגייענדיק האָט דער מאַן זיך אַ קער געטאָן צו די ריכטער און שטיל

א שעפּטשע געטאָן: — איר זאָלט נישט גלויבן מיין זון אַ וואָרט וואָס ער וועט אייך אָנרעדן אויף מיר.

די ריכטער האָבן צוגערופן דעם זון און אים געפרעגט, וואָס ער דענקט וועגן דעם ענין. דער זון איז געשטאַנען אַ ווײַלע שטיל, זיך געקווענקלט וואָס צו זאָגן און ענדלעך זיך אָנגערופן:

— אַ שווערער מענטש, מיין פאָטער. איך און מיין שוועסטער ווילן זיי צוהעלפן. מיר קאָנען עס באַהויפטן, פּאַסט עס אים נישט. איך קאָן עס נישט פאַרשטיין — אייגענע קינדער. אַ מענטש אין זיינע יאָרן דאַרף שוין נישט טרייבן קיין אויטאָמאָביל, ס'איז געפערלעך, אָבער צוליב דער באַנגעלאַ מוז ער עס טאָן, נישטאָ קיין אַנדער טראַנספּאָרטאַציע. טענהן מיר צו אים: פאַרקויף די באַנגעלאַ, וועסטו אי האָבן די עטלעכע טויזנט דאָלער, אי דו וועסט איינשפּאָרן די הוצאה פון אַן אויטאָמאָביל. איז ער איינגעשפּאַרט — ניין און ניין.

די ריכטער פרעגן זיך פאַנאַנדער ביים זון וועגן דעם צוזאַמענלעבן פון זיינע עלטערן.

— יאָ, לאַנגע 56 יאָר, — גיט דער זון אַ זאָג מיט אַ פאַרקלעמט קול, און די אויגן זיינע קוקן דורך די פייכטע וויעס אין דער ווייטקייט.

די ריכטער באַראָטן זיך און שטימען איין מיטן זונס פאָרשלאָג. זיי רופן אַריין די עלטערן און גיבן זיי איבער דעם פּלאַן. די מוטער האָט אויפגע־לויכטן און צופרידן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דער פאָטער האָט אָבער די גאַנצע צייט געקוקט אויף די ריכטער מיט אומצוטרוי און האָט חושד געווען, אַז דער זון האָט אים שוין ריכטיק באַרעדט פאַר זיי. אָבער ער איז שטאַרק איבערראַשט געוואָרן, ווען דער ראַבאַי האָט מיטאַמאָל זיך אָנגערופן צו טאַטע־מאַמע, אַז זיי מעגן זיין שטאָלץ מיט אַזאַ פיינעם זון, וואָס נעמט זיך אַזוי שטאַרק צום האַרצן דעם וואוילזיין פון זיינע עלטערן.

— נישט אַלע טאַטע־מאַמע האָבן די זכיה צו פאַרמאָגן אַזעלכע טייערע, געטריע קינדער ווי אייער זון! — האָט דער ראַבאַי פאַרענדיקט און גע־קוקט זיי אין די אויגן.

דער פאָטער איז בלייך געוואָרן, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָסטיק זיך אויסגעדרייט צום זון און אַ גערירטער אויסגערופן:

— ווילסט די באַנגעלאַ? ווילסט דעם אויטאָמאָביל? נעם עס! איך גיב עס דיר אַ מתנה מיטן גאַנצן האַרצן — ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין טיש

מיט ביידע עלנבויגנס צו באַהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן אַ שטראָם געטאָן פון די אויגן.

די פרוי איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און שטיל געזאָגט: — באַרואיק זיך. ס'איז גוט געווען וואָס מ'האָט זיך דורכגערעדט. די ריכטער זיינען קלוגע מענטשן. זיי האָבן אונדז געגעבן די בעסטע עצה.

די ריכטער האָבן געשיינט, און מער פון אַלעמען איז דער ראַבאַי געווען גליקלעך, וואָס ער האָט געטאָן אַ קלוגע זאַך.

די דריי מענטשן, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין געריכט באַזונדער, זיינען אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען.

אַ וואָרט האָט געפּעלט...

מיט שטילע, ווייכע טריט און פּראַקטיקע אויגן, פֿול מיט טיפֿן דרך־ארץ פֿאַרן געריכט, האָט זי זיך דערנעענטערט צום ריכטער־טיש.

דאָס איז געווען אַ פֿרוי אין די שפּעטע זעכציקער, נאָר פֿון דערווייטנס האָט זי אויסגעזען אַ סך יינגער. מיט אַן אָנגענעמען פּנים און ליכטיקע ליבלעכע אויגן, אין וועלכע ס'האָט זיך אָבער געלאָזט מערקן אַ ווייטיק. נאָך איר האָט אַריינגעשפּאַנט אַ מאַן אין די פֿערציקער יאָרן, וואַרפֿנדיק אַרום זיך אָנגעשטרענגט אומצופֿרידענע בליקן, ווי ס'וואָלט אים נישט אָנגעשטאַנען דער גאַנצער עסק פֿון לאָדן זיך.

דער פֿאָרזיצער, וועלכער האָט שוין געוואוסט פֿון דער צושריפֿט, אַז די פֿרוי איז די אָנקלאָגערין, האָט געוואָרפֿן פֿאָרשנדיקע בליקן דאָ אויפֿן מאַן, דאָ אויף דער פֿרוי, און האָט זיך אָנגערופֿן צו איר:

— דערציילט אונדז אין וואָס דאָ האַנדלט זיך.

די פֿרוי האָט אויפֿגעהויבן אַ פּאָר גרויסע, דערשראָקענע אויגן, האָט שווער אָפּגעזיפֿצט און שטיל, מיט אַ בעטנדיק קול זיך אָנגערופֿן:

— אוי, ווען איך נעם רעדן וועגן דעם פֿאַלט מיר איין דאָס האַרץ. כ'האָב אַזויפֿיל עגמת נפֿש פֿון דעם־אָ מענטשן, אַז איך ווייס גאָרנישט פֿאַרוואָס דאָס קומט מיר.

— באַרויִקט זיך, באַרויִקט זיך, — האָט דער ראַבאַי מילד זיך אָנגערופֿן צו איר. — דערציילט וואָס האָט פּאַסירט. — ער האָט איר צוגערוקט אַ גלאָז וואַסער.

די פֿרוי איז געוואָרן אַ ביסל אויפֿגעלעבט פֿונעם ראַבאַיס פֿריינטלעכקייט. זי האָט זיך אויסגעגלייכט און לאַנגזאַם אָנגעהויבן דערציילן, ווי לעצטן ערב יום־כּיפּור, ווען זי איז געקומען אין שול דאַווענען, האָט זי באַמערקט, אַז דער פּרוכת איז צעדריבלט און ס'הענגען אַרונטער צוויטן, איז זי צוגעגאַנגען צום רב און אים פֿאַרטרויט, אַז זי וואָלט געוואָלט מנדב זיין אַ נייעם פּרוכת און אויך אַ צודעק פֿאַרן טיש אויף דער בימה און אים געפֿרעגט, צי ער וואָלט צוגעשטימט, אַז אויפֿן פּרוכת זאָל זיין אָנגעגעבן, אַז דאָס איז

אין אַנדענק פון איר פאַרשטאַרבענעם מאַן און איר איידעם. די לעצטע ווערטער רעדט זי אַרויס האַלב־פאַרשטיקט, און זי כאַפּט שנעל אַ טרונק וואַסער. מ'זעט אויף איר, אַז זי איז אויפגערודערט.

די ריכטער האָבן געוואַרט ביז די פרוי האָט זיך בארואיקט און דער ראַ־באַי האָט מיט שטראַלנדיקע אויגן זיך אָנגערופן: — נו, וואָס האָט אייך דער רב געענטפערט?

די פרוי לעבט־אויף אַ ווייל, די אויגן ווערן אַביסל ליכטיקער און זי הייבט אָן דערציילן, ווי דער רב האָט צוגעשטימט צו אַלץ און האָט איר אַפילו רעקאָמענדירט אַ פּלאַץ, וואו צו באַשטעלן דעם פּרוכת מיטן טיש־צודעק.

— ס'איז ביי מיר דעמאָלט געווען אַ גרויסע שמחה, — זאָגט די פרוי אַן אויפגעמונטערטע.

— נו, איז דאָך גוט! — רופט זיך אָן דער ראַבאַי אַ פרייליכער.

— יאָ, ס'וואָלט געווען גוט, — גיט די פרוי אַ זיפץ און וואַרפט אַ שווערן בליק אויפן מאַן, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט. מ'זעט, ווי עס טוט זיך אָפּ פון איר די גאַנצע אויפלעבונג און איר געמיט פאַלט צוריק אַראָפּ. — ווערליך איך בין זיך אָנגעלאָפן מיט מיינע שוואַכע פיס, געשלעפּט זיך פון בראַיטאָן קיין ניו־יאָרק עטלעכע מאָל צו באַשטעלן די הייליקע זאַכן ביי אַט־דעם מאַנופעקטשורער (פאַבריקאַנט), האָט אַוודאי געמעגט זיין גוט. — זי ווערט אַנטשוויגן, קוקט אויף די ריכטער מיט געבעט אין די אומעטיקע אויגן.

די ריכטער האָבן זי אָנגעקוקט מיט רחמנות, אָבער זיי האָבן נאָך אַלץ נישט געוואוסט וואָס ס'האָט פּאַסירט, ביז דער פאָרזיצער האָט אַ זאָג גע־טאָן:

— נו, וואָס־זשע האָט געטראָפן?

— וואָס ס'האָט געטראָפן? — האָט די פרוי זיך אָנגעכאַפּט אין די פּאָר ווערטער און ווי מיט די לעצטע כוחות אַ זאָג געטאָן: — איר'ט שוין גע־מעגט זען ווי דאָס קוקט אויס. דער טיש־צודעק איז געווען צו־שמאָל און קרום צוגעשניטן און דער פּרוכת — צו־קורץ, און — — — זי האָט גע־וואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר האָט נישט געקאָנט, ווי דאָס וואָרט וואָלט זיך איר געשטעלט אין האַלדז. זי איז פּלוצלינג בלייך געוואָרן, די אויגן זיינען איר פאַרלאָפן מיט טרערן און זי האָט זיך אַ ווײלע געראַנגלט אַרויסצורעדן

עפעס. ביז זי האָט מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן מיט אַלע כוחות: — און אין דער שורה, „אין אַנדענק פון מיין פאַרשטאָרבענעם מאַן" האָט געפעלט דאָס וואָרט „מיין". זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געוויין.

די ריכטער זיינען גערירט געוואָרן פון דער פרויס געוויין. זיי האָבן אינ־סטינקטיוו אַ קער געטאָן זייערע בליקן צום מאַן, אָבער יענער איז פאַרלאָפן דעם וועג און אַנגעהויבן רואיק טענהן:

— מ'דאַרף נישט דאָס וואָרט „מיין", עס לייענט זיך בעסער אָן דעם. אמת, דער צודעק איז געוועז צו־שמאָל, האָב איך אָפגעשניטן פון דער לענג און צוגעשטיקעוועט צו דער ברייט.

— הערט ווי ער רעדט! — האָט די פרוי ווייטיקדיק אויסגערופן מיט אַלע כוחות. — אָפגעשניטן, צוגעשטיקעוועט! וואָס פאַר אַ פנים האָט עס? און דאָס וואָרט „מיין" איז ביי אים גאָרנישט! — זי ווערט ווידער אויפגע־רודערט, אַז עס ציטערן איר אַזש די ליפן. — איך האָב איינגעלאָדן די משפחה און פריינט צו קומען אין שול זען ווי שיין עס זעען אויס דער צו־דעק און דער פרוכת מיטן אויפשריפט „אין אַנדענק פון מיין פאַרשטאָרבע־נעם מאַן און איידעם", און דאָ איז דער גאַנצער פרוכת קרום און לאָם און דאָס וואָרט „מיין" איז אינגאַנצן נישטאָ. איך האָב געמיינט, איך שטאַרב אַוועק אויפן אָרט.

— אַז מ'דאַרף נישט דאָס וואָרט „מיין", — האַלט זיך דער אָנגעקלאָגטער ביי זיינס אַ רואיקער און געלאַסענער. — עס לייענט זיך בעסער אַזוי.

דאָ האָט דער לאַיער־ריכטער זיך אַ נעם געטאָן צום אָנגעקלאָגטן און אים שטרענג אַ פרעג געטאָן:

— איר זענט דאָך אַ געשעפטסמאַן, האָט איר קיינמאָל נישט געהערט זאָגן, אַז „דער קאָסטאָמער איז שטענדיק גערעכט"?

דער פאַבריקאַנט האָט פלוצלינג דערפילט די אויטאָריטעט פון געריכט און איז באַלד ווייכער געוואָרן. ער האָט צוגעזאָגט צו פאַרריכטן אַלץ ווי זי וויל. די פרוי האָט אָבער געטענהט, אַז מ'קאָן עס נישט פאַרריכטן, ווייל די גאַנצע זאַך איז שלעכט געמאַכט און וואָס מ'זאָל נישט טאָן וועט עס זיין אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

די ריכטער באַראַטן זיך צווישן זיך, אַז אפשר זאָל דער פאַבריקאַנט טאַקע מאַכן אַ נייעם פרוכת מיט אַ צודעק, אָבער ווען זיי זאָגן עס אים, ווערט ער אַן אַנגעצונדענער — גאָר אַן אַנדער מענטש מיטאַמאָל. ער רעדט שוין

נישט אַזוי שטיל און געלאַסן ווי פריער, נאָר נעמט זיך וואַרפן און מאַכן גענוואַלדן:

— וואָס מיינט איר נייע? עפּעס געפינט מען וואַרע אין די גאַסן? און אַרבעט טוט מען אומזיסט? זי האָט זיך איינגערעדט אַ טעלערל פון הימל. אַלץ וואָס איך קאָן טאָן איז פאַרריכטן, אַריינשטעלן איר וואָרט „מיין״.

די ריכטער באַשליסן אָבער, אַז אויב פאַרריכטן וועט די סינאַגאָגע מיטן רב מוזן עס גוטהייסן, אַניט וועט דער אָנגעקלאַגטער מוזן אומקערן דער פרוי דאָס געלט.

אַרויסגייענדיק פון געריכט זיינען ביידע צדדים געווען אומצופרידן. דער פאַבריקאַנט האָט געהאַלטן אין איין ווישן דעם שווייס פונעם שטערן פאַר כעס איבער די עטלעכע דאָלער, און די פרוי איז געגאַנגען פאַרטראַכט און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ גערעדט צו זיך: „זיך געלאָזט קאָסטן אַ מאַיאָנ־טעק צו פאַרפּוצן דעם ארון קודש און דעם טיש אויף דער בימה, און דאָ — אַזאַ אומגליק, און דאָס וואָרט ‚מיין׳ אינגאַנצן אויסגעלאָזן״. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ ווינקעלע און זיך ביטער צעוויינט.

וואָס פאַר אַ לעבן איז עס?...

פאַר די ריכטער זיינען דערשינען אַ מאַן־און־ווייב. ביידע זיינען געווען אין די מיטעלע יאָרן, שיין און נעט געקליידט און די פּנימער אויסגערוט און גלאַט. די פרוי, אַ שלאַנקע און רירעווודיקע איז געווען די אָנקלעגערין. אין אירע רייד האָט זיך די גאַנצע צייט געהערט אַ טאָן פון אַ באַליידיקטער.

— איך בין מיט צוויי יאָר צוריק געווען אין ישראל אויף אַ באַזוך, — האָט זי אָנגעהויבן דערציילן די ריכטער. — דאָרט האָבן מיך פריינט באַקענט מיט אַ יונגנמאַן. אַזוי ווי ער איז שוין געווען אין ישראל אַרום דריי יאָר — ער איז געקומען אַהין פון פּוילן — האָט ער זיך אונטערגענומען צו ווייזן מיר פאַרשיידענע פּלעצער דאָרט. אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען און האָבן זיך באַפריינדעט און אַביסל שפּעטער באַשלאָסן חתונה צו האָבן און איך זאָל אים דערנאָך אַריבערברענגען צו זיך אין אַמעריקע.

אויף איר שיינעם פּנים האָט זיך ווי דורכגעטראָגן אַ וואָלקנדל. זי האָט זיך פאַרטראַכט ווי זי וואָלט זיך אַליין געוואונדערט, וואָס יענע אָנגענעמע געפילן און זיסע דערוואַרטונגען האָבן אין אַזאַ קורצער צייט געקאָנט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ לעבן פול מיט צאַנקערייען און ברוגזן.

— דערציילט, דערציילט וואָס ווייטער איז געשען, — האָט דער פאַרזיצער זי אַרויסגעריסן פון אירע געדאַנקען.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַביסל אַ פאַרשעמטע, און ווייטער גענומען רעדן:

— שוין אָנדערהאַלבן יאָר ווי מיר האָבן זיך דאָ איינגעאָרדנעט. דאָס לעבן וואָלט געווען וואויל, מיר פאַרדינען גוט, מ׳קאָן זיך דערלויבן שיינע זאַכן, אינטערעסאַנטע פאַרווייַלונג, ס׳פעלט אונדז נישט, קאָן מען זאָגן, קיין זאַך — אויסער שלום־בית.

זי האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער זייט, וואו איר מאַן איז געשטאַנען אַ ברוגזער, אַן אָנגעכמורעטער, און מיט פאַרשטיקטן פאַרדרוס אַ זאָג געטאָן:

— איז אפשר נישט אמת, אַז איך האָב איינגעאָרדנט אַ שיינע היים, אַן אָנגענעמע היים?

דער ראַבאַי־ריכטער האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד און געפרעגט, וואָס זי מיינט דערמיט, אַז עס פעלט זיי שלום־בית.

די פרוי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און מיט אַ שטיל קול אָנגעהויבן רעדן:

— ווי איך האָב שוין דערציילט, וואָלט אַלץ געווען אין אָרדענונג, נאָר מיטאַמאָל האָט מיין מאַן אָנגעהויבן פאָדערן איך זאָל אַריינלייגן מיין געלט צוזאַמען מיט זיינע עטלעכע דאָלער אויף אונדזערע ביידנס נאָמען. אמת, איך האָב אים צוגעזאָגט צו העלפן קויפן אַ געשעפט, און בין אויך איצט גרייט דאָס צו טאָן. כ׳האָב אָבער קיינמאָל נישט צוגעזאָגט אַוועקצוגעבן אים מיין שווער־פאַרהאַרעוועט געלט. ס׳איז גענוג, וואָס איך צאָל דירה־געלט און אויך פאַר אַלע אַנדערע אויסגאַבן. בלויז פאַר די מעבל האָט ער צוגעטראָגן אַ חלק.

זי איז אַ רגע שטיל געבליבן, האָט זיך נעענטער צוגערוקט צום ריכטער־טיש, ווי זי וואָלט דאָ געוואָלט דערציילן עפּעס אַ סוד, און מיט האַרץ אַרויס־גערעדט:

— איך שעם זיך גאָר צו דערלאָזן דעם געדאַנק אַז ער האָט מיט מיר חתונה געהאַט בלויז צוליבן געלט. ס׳איז אַ ווייטיק און אַ שאַנד, ווי ער וואַרפט מיר כסדר דעם גט פאַר די פיס, אויב איך וועל נישט אַריינלייגן מיין געלט אין באַנק אויף אונדזערע ביידנס נעמען.

די ריכטער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פאַרשעמטע בליקן. דער פאָר־זיצער האָט אַ פרעג געטאָן דעם מאַן וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן זיין פרויס טענות.

דער מאַן, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי אַ פרעמדער און קאַלטבלוטיק זיך צוגעהערט צו זיין פרויס רייד, האָט רואיק אויפגעהויבן די אויגן צו די ריכטער און האַרב אַ זאָג געטאָן:

— ס׳איז נישט אמת, אַז איך וויל איר געלט. איך טענה בלויז, אַז איך פיל זיך ווי אַ פרעמדער, ווי זי וואָלט מיך נישט געטרויט.

— אויב אַפילו דאָס זאָל זיין אמת, — האָט דער ראַבאַי שטרענג אַ זאָג געטאָן, — וואָלט מען זי נישט געקאָנט פאַרדענקען, ווען איר האָלט זי אין איין סטראַשען מיט אַ גט.

דער מאַן איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. ער האָט זיך גאָרנישט גע־

ריכט, אַז דאָס איז אַזאַ חטא. די פרוי איז דערמוטיקט געוואָרן פון דעם ראַבאַים האַרבע רייד און זיך אָנגערופן:

— אויף ראש השנה האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אוועק פון הויז.

— זי האָט מיר געזאָגט איך זאָל גיין צום טייוול, ביז איך אוועק צו מיין קוזין, — האָט דער מאַן שוין מיט רוגזה אַ זאָג געטאָן. די ריכטער האָבן מיט אַלע כוחות צוריקגעהאַלטן דעם שמייכל אויף זייערע פּנימער.

— ניין, — האָט די פרוי זיך אָנגערופן, — ער האָט פריער מיך געשטראַשעט, אַז ער וועט אוועק פון הויז אויף ראש השנה, האָב איך אים געזאָגט, אַז ער מעג גיין צום טייוול, און ער איז אוועק און מיך געסטראַשעט, אַז ער וועט אינגאַנצן אוועקגיין פון הויז. ער איז צוריקגעקומען נאָך ראש השנה. אָבער וואָס פאַר אַ לעבן איז עס? מ׳גייט־אַרום ברוגז, אין הויז דריקט אַ שטילקייט, אַ פרירנדיקע טויטע שטילקייט. איך קאָן עס נישט איבערטראָגן און בין שטענדיק די ערשטע אָנצוהויבן רעדן צו אים, אָבער ער איז האַרט און קאַלט ווי אַ שטיין.

זי האָט עס אַרויסגערעדט מיט פאַרשטיקטן צער און געקוקט די ריכטער אין די אויגן מיט געבעט זיי זאָלן איר אָנווייזן וואָס צו טאָן.

די ריכטער האָבן אויפגערודערטע זיך באַראָטן. דער געשעפטסמאַן־ריכטער האָט איינגעשטימט מיט דער פרוי, אַז ס׳איז מעגלעך, אַז דער מאַן האָט זי געהייראָט בלויז צוליבן געלט. אַן אַנדער ריכטער האָט דערמאָנט וועגן פאַלן, ווען מענער האָבן חתונה געהאַט אין אויסלאַנד מיט אַמעריקאַנער פרויען כדי צו קאָנען אַריינקומען קיין אַמעריקע. דער ראַבאַי איז געזעסן אַז אומעטיקער און מיט צאָרן אין די טרויעריקע אויגן דורכגעדרונגען דעם דאָזיקן מאַן, וואָס איז נאָך געקומען פון ישראל. ס׳איז שווער געווען פאַר די ריכטער צו געפינען אַן אויסוועג פון דער נישט־זיכערער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן דעם פאַרפאָלק, און זיי האָבן באַשלאָסן צו שיקן מאַן און ווייב צו אַ פאַמיליע־ראַטגעבער, וועלכער וועט זיך קאָנען מער אָפּגעבן מיט זייערע פּראָבלעמען.

ביים אַרויסגיין פון געריכט האָט מען געקאָנט זען, ווי ביי דער פרוי האָבן ווידער אויפגעלויכטן די אויגן, ווי ס׳וואָלט ווידער אַ שיין געטאָן אַ ניי ליכט פון האָפענונג אין איר האַרץ, אָבער דער מאַן האָט גלייכגילטיק און קאַלט־בלוטיק געשפּאַנט — וועד ווייסט וואוהין.

י. פינקלשטיין,
פארזיצער פון יעקב לייזעראוויטש בוך־קאמיטעט

י. לייזעראוויטש: דער מענטש און דער חבר

לאנג האט דער ליבער לייזעראוויטש, מיין לאנדסמאן, דיכטער און זשורנאליסט, געטרוימט פון ארויסגעבן זיינע שריפטן, אבער ער איז ניט געווען פון די שרייבער וואס היטן אפ יעדער געדרוקטע שורה זיינע. לייזעראוויטש האט געהאלטן, אז ווען א שרייבער דרוקט אפ אן ארטיקל איז גענוג, אז א לייענער לייענט דאס איינמאל איבער, פונדעסטוועגן פלעגט ער זאגן צו מיר: „ווען איך האב די כוחות צוזאמענצוקלייבן דעם מאטעריאל, וואס איך האב אפגעדרוקט,—לידער, דערציילונגען, פעליעטאנען,—זינט איך בין געקומען קיין אמעריקע, ניט רעכענענדיק איירָאפּע, וואלט איך צוזאמענגעקליבן פאר עטלעכע ביכער".

די לעצטע פאר יאר, ווען דער באשיידענער גוטער מענטש און חבר האט דערפילט, אז זיין געזונט ווערט אלע מאל שוואכער, איז ערשט דאן געוואקסן זיין ווילן צו פארייביקן כאטש א טייל פון זיינע שריפטן, אבער זיין שוואכער געזונט־צושטאנד האט אים דאס שוין ניט דערלויבט. ווען איך האב אים פארגעשלאגן צו העלפן, האט ער מיר געענטפערט: „ווי קאנסטו, ווען דו האסט אזויפיל ארבעט". דאס גוטע הארץ זיינס האט אים ניט דערלאזט נאך שווערער מאכן די ארבעט פון זיינעם א חבר. אט־די שיינקייט פון מענטש און חבר איז געבליבן ביי אים ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

1915 באגעגנען מיר זיך אויף איסט־בראדוויי, צוויי יאר נאך זיין קומען קיין אמעריקע. איסט־בראדוויי אין יענע יארן איז געווען דאס הארץ פון יידיש־געזעלשאפטלעכן לעבן. די צענדליקער ליטערארישע קלובן, צווישן זיי דער בריסקער קלוב, וואו עס ווערן אנגעפירט דיסקוסיעס איבער נאציאנאליזם, סאציאליזם און אנדערע טעמעס. לייזעראוויטש באטייליקט זיך אין דער ארבעט, העלפט דעם בריסקער רעליף, ווערט נאציאנאלער קולטור־דירעקטאר פון „איקוף". צוזאמען מיט ל. שנורן ארגאניזירט ער „זונטיק ארום טיש", וואו עס ווערן דורכגעפירט לעקציעס, דיסקוסיעס. ער איז אקטיוו אין א ריי בריסקער פראגרעסיווע ארגאניזאציעס: בריסקער צענ־

טער, אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג ברענטש, אין אָרדן, אין די קלובן, סאָ־סייעטיס, בריסקער־טשעכאַנאָוויצער, גרינדער פון משה כּץ קלוב, איקוף, אַ שטיקל צייט געווען סעקרעטאַר פון „פּראָלעטפּען".

אין 1910 הייבט ער אָן שרייבן אין דער צייטונג „אונדזער לעבן", וואַר־שע, אין 1912 אין דער צייטונג „גוט־מאָרגן", אין אָדעס.

דאָ, אין אַמעריקע האָט ער געשריבן אין „יידישן פאָלק", „פרייע אַרבע־טער שטימע", „דער קונדס", „מילערם וואָכנשריפט", אין „קינדער־וועלט", געווען רעדאַקטאָר פון קינדער־אָפּטיילונג אין זשורנאַל „אַמעריקאַנער". איז געווען לערער אין די שלום־עליכם שולן, אַ שטיק צייט סעקרעטאַר פון שלום־עליכם אינסטיטוט. זינט 1930 מיטאַרבעטער אין „פרייהייט־מאָרגן־פרייהייט".

חבר לייזעראָוויטש האָט איבערגעלאָזט אַ סך מער געדרוקטע מאַטעריאַלן אין פאַרשיידענע זשורנאַלן, צייטונגען, וואו ער האָט זיך באַנוצט מיט פאַר־שיידענע פּסעוודאָנימען: יאַנקעלע בריסקער, דער זיידע יעקב, א״פ און א״א.

איך האָב אַלע מאָל געזען די ליבשאַפט אין דעם שיינעם צוזאַמענלעבן פון די לייזעראָוויטשעס. ביים צוזאַמענקלייבן די מאַטעריאַלן האָב איך געזען די האַרציקע ליבשאַפט פון רחלען, ווי זי ציטערט, אַז אַ שורה זאָל ניט פאַרלאָרן גיין פון יאַנקלס אַרבעט, און פאַר דעם האָט רחל אומדערמיד־לעך געאַרבעט און אַריינגעלייגט אַ סך כּוחות, אַז צווישן די ספרים פון דער יידישער ליטעראַטור זאָל אויך שיינען דער אָנדענק פון דעם ליבן, האַרציקן מענטשן יעקב לייזעראָוויטש.

דאַנק פון פאָרזיצער

אַלס פאָרזיצער פון בוך־קאָמיטעט דריק איך אויס אַ האַרציקן דאַנק צו דעם דיכטער י. א. ראָנטש פאַר רעדאַקטירן דעם מאַטעריאַל, צו אַלע ספּאָנ־סאָרס, סובסקרייבער, צו אַלע אָרגאַניזאַציעס און צום גאַנצן בוך־קאָמי־טעט פאַר מעגלעך מאַכן צו פאַרייביקן דעם שיינעם נאָמען פון אונדזער אַלעמענס באַליבטן מענטש און חבר יעקב לייזעראָוויטש.

מאָריס ראַדזשער

כבוד דעם זכרון פון דעם פיינעם מענטשן יעקב לייזעראָוויטש

יעקב לייזעראָוויטש דער מ ע נ ט ש, איז ביי מיר דאָס סאַמע וויכטיק־סטע. וועגן זיין ליטעראַרישן טאַלאַנט וועל איך איבערלאָזן צו די ליטע־ראַטור־מבינים און קענער פסח נאָוויק און י. א. ראַנטש, וועלכע האָבן דאָ זייערע פאַרווערטער.

פאַר מיר איז גענוג צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן לייזעראָוויטשן דעם מענטש און אַלס אַזעלכן, ווען איך האָב געקענט נאָענט פון מיין האַלבן לעבן, און וועמען איך וועל ניט פאַרגעסן כל־זמן איך וועל האַלטן מיינע אויגן אָפן.

אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון לייזעראָוויטשן וועלן ווייזן פאַר וואָס קינד און קייט אין זיין געגנט, אין דער יוניאָן, אין די קלובן און אין די אַלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, האָבן פאַר אים געהאַט גרויס רעספּעקט און האַרציקע ליבע.

לייזעראָוויטש האָט געהאַט אַ מין כישופדיקע ווירקונג אויף אַלעמען מיט וועמען ער איז נאָר געקומען אין באַרירונג. מען האָט אים ליב געהאַט, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט אָנגעטאָן קיין שילד, אַז ער איז אַ שרייבער.

ער האָט זיך פאַר מיר אַמאָל באַקלאָגט, אַז ווען אַן אַרבעטער ווערט באַ־עוולהט, שלאָפט ער ניט פון ערגערניש און פון ווייטיק. ס'טייטש! פאַר־וואָס? פאַרוואָס זאָלן מענטשן זיין אַזוי שלעכט? . . .

לייזעראָוויטשן איז ממש געגאַנגען אין לעבן צו העלפן אַ חבר, ניט נאָר מיט צוזאָגן אָדער פראַזן, נאָר מיט מעשים. ער איז געווען אַ רעאַליסט. ער האָט קיינעם ניט פיינט געהאַט, אָבער קוים האָט ער דערזען אַן אומ־גערעכטיקייט קעגן אַן אַרבעטער, אַ פריינט, אַ חבר, האָט ער געקעמפט מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן די עוולה צו פאַריכטן. דערפאַר האָט ער זיך איינגעשאַפט אַזוי פיל פריינט.

עס איז זעלטן געווען צו טרעפן אַזאַ מענטשן, וועלכער האָט זיך אַלעמאָל געשטעלט אויפן צווייטנס אָרט — אין שאַפּ, אין דער יוניאָן, אין דער אָר־גאַניזאַציע און איבעראַל וואו דער העכסט־פייאיקער יאַנקל לייזעראָוויטש האָט מיטגעאַרבעט, אָבי נאָר ווי געהעריק דורכצופירן די נויטיקע אַרבעט.

רחל לייזעראָוויטש

אַ ביסל פּערזענלעכע ביאָגראַפיע

איך האָב מיט יאַנקלען זיך באַקענט אין 1915 דורך מיכל געלבאַרט, וואָס איז געווען דער דיריגענט פון אַ יוגנט־כאָר, „הזמיר", — מערסטנס יוגנט פון מיין שטעטל סאָכאַטשאָוו. פאָלקסלידער און פּאָעזיע זיינען געווען אונדזער ביידנס אינטערעס. יאַנקל איז אין יענער צייט געווען אַ העברייאישער לערער אין אַ בית יתומים אין ניו־יאָרק. איך האָב דורך אים געלערנט אין די זונטיק פרימאָרגנס מיט די קינדער ביבל־מעשהלעך אין ענגליש.

ווען מיר האָבן געהייראַט פלעגט יאַנקל שרייבן אין די אָוונטן. ער האָט געטאָן איבערזעצונג־אַרבעט פאַר ביכער, כדי זיך אַרויסהעלפן אין פרנסה.

וועגן זיינע לידער וואָס יאַנקל האָט געשריבן, האָב איך זיך אַלעמאָל דערוואוסט, ווען זיי זיינען שוין געווען אָפּגעדרוקט. ער האָט ניט אויסגעדריקט זיינע שטימונגען מיט ריידן. ביז איך האָב, לײדער, געמוזט זאַמלען יאַנקלס שריפטן, האָב איך כמעט ניט געהאַט קיין באַגריף פון זיין פּיל־זייטיקן טאַלאַנט.

ביי יאַנקלען איז דאָס וויכטיקסטע געווען — צו טאָן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. פון די ערשטע יאָרן אָן אין אָרדן, אין איקאָר און אין די שולן איז ער געווען דער אַקטיוויסט מיטן גאַנצן ברען פון כוח און צייט. ער האָט געהאָלפן שיקן אַ דרוק־מאַשין קיין ביראָ־בידזשאַן, און גאַנצע ביבליאָטעקן געהאָלפן פּאַקן און אַוועקשיקן אַהין.

די לעצטע יאָרן אין ברייטאָן — געווען דער קולטור־פירער אין משה כץ איקוף קלוב, און איז ביי אַלעמען געווען באַליבט פאַר זיין האַרציקער, פריינטלעכער באַציאונג. אַזוי האָט יאַנקל ביז די לעצטע טעג זיך אינטערעסירט און באַטייליקט אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די חברים פינקלשטיין און ראַדזשער האָבן באַטאָנט דעם מענטש אין יאַנקלען. דאָס איז אַ ריכטיקע אָבזערוואַציע. יאַנקל איז געווען דער אמתער פריינט און חבר. אַליין פלעגט יאַנקל טראָגן איין קאָסטיום, אָבער ווען אַ פריינט האָט זיך גענייטיקט, פלעגט יאַנקל לייען געלט און דאָס אויסצאָלן, כדי יענער זאָל זיין באַקליידט צו קאָנען קריגן אַ שטעלע.

ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע איז ער געווען נאָענט מיט מיכל

געלבאַרט, דעם דיריגענט און מוזיקער. יאַנקל האָט אָװעקגעגעבן זײַן פֿרײַנט אַן אָונט־קאָסטיום, כּדי ער זאָל קאָנען אויפֿטרעטן צו קאָנצערטן. אַ צװײטן פֿרײַנט, אויך אַ מוזיקער, י. האַװידזאָן, האָט יאַנקל אויך געגעבן זײַן צװײטן אָונט־קאָסטיום פֿאַרן זעלבן צװעק. די פֿאַמיליע האָט געמײנט, אַז אין אַמעריקע גײט מען רײַך געקלײדט.

אַזױ האָט יאַנקל דעם גאַנצן לעבן זיך געטײלט מיט זײַנע מיטמענטשן.

צו דער פֿאַמיליע — זײַן פֿרוי, די קינדער, שװעסטער, ברידער איז ער געװען דער געטרײַער, אויפֿמערקזאַמער מאַן, פֿאָטער און ברודער.

דורך די 50 יאָר פֿון אונדזער צוזאַמענלעבן איז יאַנקלס ליבע צו מיר געװען אָן אַ גרענעץ. אונדזער לעבן איז געװען האַרמאָניש אין אַלע הינ־זיכטן. עס איז געװען אַ צוזאַמענלעבן און צוזאַמענאַרבעט. מײַנע געבורטסטאָג מתּנות זײַנען געװען אַ רויטע רויז און אַ װערטפֿול שײן בוך. יאַנקל האָט מיר שטענדיק דערמוטיקט צו לערנען. ער איז געװען מײַן לערער און האַרציקער געטרײַער חבֿר.

דער אידעאַל צו בויען אַ מענטשלעכע װעלט האָט אים געגעבן כּוח און מוט אָנצוגײן און באַטײליקן זיך אין לעבן מיט זײַן קראַנק, צעבראָכן האַרץ. מער האָט ער ניט געקאָנט.

זאָל זײַן בוך איצט לעבן פֿאַר אים.

אָרגאַניזאַציעס פאַר דעם יעקב לייזעראָוויטש בוך־קאָמיטעט

אינציאַטיוו־אָרגאַניזאַציעס: **משה כץ איקוף־קלוב אין ברייטאָן און בריסקער־טשעכאַנאָוויצער סאָסייעטי, ניו־יאָרק**

ראַבאַי איקוף קלוב
שאָר־עמאַ לאַזאַרוס קלוב
יעקב לייזעראָוויטש לייען־קרייז
י. ב. ביילין קלוב
סאַברין־קווינעץ לייען־קרייז

ברייטאָן עמאַ לאַזאַרוס קלוב
וואַרשעווער סאָסייעטי
ברייטאָן פראַטערנאַל קלוב
נחמן מייזיל לייען־קרייז

מיאַמי ביטש לייען־קרייזן

ז. וויינפּער לייען־קרייז
דוד בערגעלסאָן לייען־קרייז
משה כץ לייען־קרייז
כאַווער פּאַוער לייען־קרייז
דוד עדעלשטאַט לייען־קרייז

י. לינקין לייען־קרייז
יצחק סטענדער לייען־קרייז
י. ל. פּרץ לייען־קרייז
נחמן מייזיל לייען־קרייז

ע ר ן ־ ס פּ אָ נ ס אָ ר ס

משה און רבקה הערים
דזשעי קאָהען
דאָראַ כאָראָווער,
מ. ראַטנער
אין אָנדענק פון מישאַן
יעקב פינקלשטיין
אין אָנדענק פון קלאַראַ פינקלשטיין
אַנאַ הוירש
י. בעקער,
אין אָנדעק פון [illegible] שענקער

דב אָרמאַן,
אין אָנדעק פון צירל איטקע
סאָניא אייעראָף,
אין אָנדענק פון גרישאַן
ראָוז און הערי,
אין אָנדענק פון מאַלין
יוסף און פרידאַ ווייס
ראַשע און יוסף שאַפּיראָ
זלמן קאופמאַן
בלומע יענטע

שלמה ווינער	אסתר כץ
מאַרים און אַנאַ ראַדזשער	לאה און סעם נעלסאָן
ל. ווינער און אסתר	בערטאַ און מאַרים מאָס
נתן קערמאַן	ש. און יודית קאָרן
יאַנקלס פאַמיליע	סעם ליפּצין און חנה
גייטן ראַפּאַפּאָרט	בען און חיה בענעוויץ
דזשאַנעט און יודל קאָהען	מיני און מאיר גאָלדבערג
ראובן און פייגל יוקלסאָן	האַרי ראָזען דאָלאָוויץ
י. און ח. פריד	א. און פ. דזשענאָווסקי

ספּאָנסאָרס

סערע און אייק אייזיקסאָן	מאיר דריבינסקי
בען און סאָניע איצקאָוויץ	מר. און מרס. גראָסבוים
יאַשאַ אייזנבערג,	ס. און ס. וואַקער
אין אָנדענק פון מאַניאַ	סערע וואַגנער
פ. אָלקין,	ל. וויס, מיאַמי
אין אָנדענק פון מאַרים אָלקין	מ. און מ. זאַקהיים
בערטאַ אַבראַוואַמיץ,	רייזל און דוד לייבאָוויץ
אין אָנדענק פון אייב	בעלאַ לאַטקער לעווין
בען אַש	י. און ס. גודעלמאַן
בלומע יענטע	ב. און ל. ריפּען
אייב בערנשטיין	ב. און י. טשאַרנאַוואָער
מרים באומעל	פ. און מ. ראָזמאַן
ל. אדלער בענעמאָווסקי	ב. און ל. ראָלער
סאָפי באַבריק	פרידאַ און סעם סאַוויטש
א. בראַנז	ס. זימערינג
י. און צ. דאָראָשקין	יאָסל ראָט
יעקב און חנה האָווידזאָן	אַנאַ און זינאַ לעווין
דער מוזיקער און פריינט	פעני וואָלף
פ. און נ. גאָלדענבערג	פ. און מ. קאַפּלאַן

סיליע און סעם קאָהען
ל. און ב. קאַץ־קאָזיניץ
מ. קלינקאָ
ב. און א. קאָלטער
בעלאַ סאַוויץ
א. קאָהען
רייזל און יוסף סילווערסטיין
חברים שעכטער
ראַכיל סאַלמאָן
דאָראַ רובין
דאָראַ געלמאַן
ט. פּ. פּערלמוטער
דאָראַ און מענדל וויינטרויב

בערטאַ שועל,
איז אָנדענק פון קאַרל
איידאַ און דזשאָו ספּיים
לינאַ סטענדהער,
איז אָנדענק פון יצחק
פעני פּריימאַן
פעי און גרשון מענדעלעוויץ
מעקס קראַוועט,
איז אָנדענק פון גוירטרוד
עמאַ און הענרי דעניעלס
ביטריס ריסאַריאָ
ראָוז און דעיוו קליין

בוך־קאָמיטעט:

רחל לייזעראָוויטש, סעקרעטאַר
סיליע קאָהען, קאַסירער
י. פינקלשטיין, פּאָרזיצער
מ. ראַדזשער
ש. קאָרן
ס. ליפּצין
ל. ווינער
מ. הערים
ל. שנור
ב. ריפּען
דזשאַנעט קאָהן
י. פּ. מענדעלאָוויטש

אינהאַלט:

שער בלאַט געצייכנט פון משה קיש
בילד פון יעקב לייזעראָוויטש
בילד פון לייזעראָוויטשעס טאַטן, ר׳ אליעזר
פּ. נאָוויק: איינער פונעם אומרואיקן דור — 5
י. א. ראָנטש: די גוטסקייט פון יעקב לייזעראָוויטש — 11

געזאַמלטע לידער

איך וויל נישט זיין דאָס לעצטע קינד אין שטוב — 19
פאַרגיב מיר — 20
האַרץ מיינס — 21
הירָאשימאַ — 22
מיינע טריט אויף דער ערד — 24
מיין זון — 25
שפּאַניע מאַרשירט — 27
ער האָט זיך באַוויזן — 28
דו האָסט פאַרמאַכט די טיר — 29
אויגן — 30
31 — THUS . . .
אַזוי . . . — 32
אַזוי . . . (מוזיק פון מרדכי ירדני) — 33
איך הייב אויף מיין כוס . . . — 34
האַלט פעסט דעם רודער — 35
איך ווייס — 36
דיין האַרץ — 37
עס לייגט זיך — 38
די אויגן ביי מיר — 39
יום־טוב — 40
וואָס? — 41
לאָז ניט — 42
מיין פּוס — 43
אומעט — 44

מיין געמיט — 45
די נאַכט — 46
פערזן — 47
גאָלדענע טעג — 48
די גרינע קוזינע — 50
די גרינע — 52
דעם פעדלערס בריוועלע — 53
דעם פעדלערס בריוועלע (מוזיק זישע פייגנבוים—י. ל.) —54
זיידענע זעקעלעך — 56
דו פרעגסט מיך וואָס בענק איך — 57
דאָס אָרעמע קינד — 58
דאָס אָרעמע קינד (מוזיק פון יעקב דאַווידזאָן) — 59
:: :: :: — 60
ווער? — 61
נייע ברעגן — 62
אין דרויסן — 63
אַרבעט — 64
מיין אָרעמע היים — 65

טרייסט

טרייסט — 67
צינד אָן דיין ליכט — 68
פאַרוואָס? — 69
יזכור — 70
1915—לא תרצח — 71
זומער, 1915 — 73
ראש השנה, תרע"ו — 74
צום נייעם יאָר — 75
ראש השנה מאָטיוו — 78
נאָך יום־כיפור — 79
משהם קללה — 80
מתן תורה — 81

קליינע פעליעטאָנען

צי דערקענסטו — 83
סקאַטסבאָראָ — 84
טראָג אויס, מאַמע . . — 85
נישט גוט געקערט — 86
„ס'איז מיר גוט, איך בין אַ יתום" . . — 88
„פּריוואַטע לוויה" — 90
„פרייד פון אונדזער אַרבעט" — 91
צוויי יידישע טאַנקען — 93
עדיסאָן — 94
חיים קבצן און כביכול — 95

קינד און קייט

דער ערשטער רעגנדל — 97
פרילינג — 99
וואוהין, וואוהין — 100
קאַלטע טעג אין מיטן זומער — 101
קומט דער ווינטער — 102
שטראַל אין האַרבסט — 103
ביי די ימען — 104
טרויער טעג — 105
מיאַמי — 106
איך וויל . . . — 107

זון און לבנה (לעגענדע) — 108
אַ באַגעגעניש צום (נייעם יאָר) — 110
בילד געצייכנט פון דאָנאַ לייזעראָוויטש — 112

אין יידישן פאַמיליע געריכט

די שרעק פאַרן מאַרגנדיקן טאָג — 115
צוויי דורות . . . — 118
אַנדערע צייטן . . . — 123
אַז אַלטער טאַטע און זעקס קינדער . . . — 126

א מאַמעס האַרץ . . . — 129
אַ מענערשע וועלט . . . — 132
די טראַגעדיע פון הפקרות — 135
אַ פּאַרביסענער סאָסייעטי־פּרעזידענט — 139
חברטעס אין נויט — 143
די גרויסע, צעשראָקענע אויגן . . . — 147
„וועמען האָט עס געקאָנט איינפאַלן?” . . . — 151
אויף אירע דינע פּלייצעלעך . . . — 155
„ער האָט מיך פיינט” . . . — 160
פינף זין—און איין מאַמע . . . — 165
אין קלעם פון שרעק — 168
צו־שפּעט געוויינט . . . — 172
אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן . . . — 176
טרערן פון חרטה . . . — 180
אַ קריג—אָן קריגער . . . — 183
פאַרן כבוד פון זיין ברודער — 187
מ׳זוכט אַ מציאה ביים לערער . . . — 190
צרות מיט אַ בעל־תשובה — 193
פון כאַפּעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס . . . — 196
נישטאָ מער קיין מנין — 199
מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן — 202
ניט באַשערט . . . — 206
אַן „אייביקע מלחמה” . . . — 210
פאָטער און זון — 213
געקומען באַזונדער—אַרויס צוזאַמען — 216
אַ וואָרט האָט געפעלט . . . — 221
וואָס פאַר אַ לעבן איז עס? . . . — 225

י. פינקלשטיין: י. לייזעראָוויטש: דער מענטש און דער חבר — 228
מאָריס ראַדזשער: כבוד דעם זכרון פון דעם פיינעם מענטשן יעקב לייזעראָוויטש — 230
רחל לייזעראָוויטש: אַביסל פּערזענלעכע ביאָגראַפיע — 231
ס פּ אָ נ ס אָ ר ס